STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00377

OSHVIENTSHIM

Philip Friedman

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Melvin Brenner

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר פיליפ פרידמאַן

אָשוויענטשים

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

59

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פארלאגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

מ. פײגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך.

ד״ר פיליפ פרידמאַן

אָשוויענטשים

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN
בוענאָס איירעס, 1950

PRINTED IN ARGENTINA
IMPRESO EN LA ARGENTINA
Copyright by
Dr. FILIP FRIEDMAN, New York

Dr. FILIP FRIEDMAN

OSHWIENCIM

EDITADO POR LA
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA
EN LA ARGENTINA

BUENOS AIRES
AÑO DEL LIBERTADOR GENERAL SAN MARTIN 1950

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Industria Argentina

אינהאַלט:

הקדמה — — — — — — — — — — — — — — — — 7
1. די הויפּטזשיראַנטן פון אָשוויענטשימער פאַרברעכן — — 11
2. רעקאָרד פון דייטשער וויסנשאַפט און טעכניק — — — 12
3. די טאָפּאָגראַפיע פון דער אָשוויענטשימער מתים־פאַבריק — 14
4. „אַרבעט מאַכט פריי" — — — — — — — — — — 16
5. ציפערן קלאָגן אָן — — — — — — — — — — — — 22
6. אַ קורצע געשיכטע פון דער גרעסטער מתים־פאַבריק אין דער וועלט — — — — — — — — — — — — 30
7. ווי אַזוי אָשוויענטשים האָט מקבל פּנים געווען זיינע געסט 44
8. די אָרגאַניזאַציע פון לאַגער — — — — — — — — — 54
9. וואָכנדיקע טעג אין אָשוויענטשים — — — — — — — 67
10. דיווירטשאַפטלעכע עקספּלואַטאַציע פון דער אַרעסטאַנטן־אַרבעט — — — — — — — — — — — — — — 79
11. „טויט דורך אַרבעט" — — — — — — — — — — — 83
12. הונגער — — — — — — — — — — — — — — — 91
13. די קראַנקהייטן און די היגיענע אין לאַגער — — — — 98
14. פאַרברעכנס לשם וויסנשאַפט — — — — — — — — — 113
15. אייגנאַרטיקע אָשוויענטשימער גינעקאָלאָגיע — — — — 124
16. דער טויט־פּלאַץ און דער 11טער בלאָק — — — — — — 130
17. די אָשוויענטשימער גאַזקאַמערן — — — — — — — — 132
18. די קרעמאַטאָריעס — — — — — — — — — — — — 137
19. די זומער־קאַמפּאַניע 1944 — — — — — — — — — 141
20. די קאָמערציעלע זייט פון דער אָשוויענטשימער טויט־אינדוסטריע — — — — — — — — — — — — — — 148

21. דער מענטשן־שטאָף אין דער אָשוויענטשימער גאז־ ווירטשאַפט — — — — — — — — — — — — — — 159
22. בגיהנום של מטה — — — — — — — — — — — — — — 165
23. דאָס קינדער־גיהנום אין אָשוויענטשים — — — — — — — — 173
24. סמנים פון ספּאָנטאַנעם בונט און ווידערשטאַנד — — — — 180
25. די געהיימע אָרגאַניזאַציע — — — — — — — — — — 185
26. די זאָנדערקאָמאַנדע אין קאַמף — — — — — — — — — 192
27. אזוי איז מען אַנטלאָפן פון לאַגער — — — — — — — — 196
28. די יידן־פראַגע און יידישקייט אין לאַגער — — — — — — 201
29. דער סוף פון דער אָשוויענטשימער מתים־פאַבריק — — — — 208
ביכער־רשימה — — — — — — — — — — — — — — — — 213
פרעסע־שטימען — — — — — — — — — — — — — — — — 215

* * *

די פאַרליגנדע אַרבעט וועגן אָשוויענטשים איז לכתחילה פאַרטראַכט געווען ווי אַ ריי צייטונגס-אַרטיקלען, וואָס האָבן געדאַרפט אינפאָרמירן די וועלט-עפנטלעכקייט וועגן די גרויזאַמע ליידן, פּיין און טויט פון עטלעכע מיליאָנען מענטשן, ס׳רוב יידן, וואָס זענען אין דער דאָזיקער טויט-פאַבריק פאַרפייניקט געוואָרן. זי איז דעמאָלט אַנשטאַנען גלייך נאָך דער באַפרייאונג פון אָשוויענטשים אונטער דעם פרישן איינדרוק פון דעם, וואָס מיר האָבן געזען און געהערט אין דעם לאַגער פון די באַפרייטע „תחית המתים״-לאַגעריסטן. שפּעטער איז די דאָזיקע אָפּהאַנדלונג עטלעכע מאָל איבערגעאַרבעט געוואָרן, ביז זי האָט באַקומען איר איצטיקע פאָרם.

ביז איצט זענען דערשינען אין בוכפאָרם: 2 אויסגאַבעס אין פּוילישער שפּראַך, איינע אין ענגליש (אין לאָנדאָן), איינע אין העברעאיש (אין א״י) און איינע אין יידיש (עמעס-פאַרלאַג, מאָסקווע).

דאָס איצטיקע בוך, וואָס מיר לייגן פאָר דעם לייענער, איז אַ פולשטענדיק נייע באַאַרבעטונג, אין וועלכער ס׳גייען אַריין אַ סך נייע מאַטעריאַלן און פּרטים, וואָס האָבן נאָך נישט געקאָנט כאַראַקטעריזירט ווערן אין די פריערדיקע אויסגאַבעס.

דער לאַגער אָשוויענטשים האָט פאַרשלונגען די גרעסטע צאָל יידישע קרבנות. זייער צאָל גרייכט אין די מיליאָנען. כשעת די טויט-לאַגערן אין די מזרח-טיילן פון פוילן — טרעבלינקע, סאָביבאָר, מאַידאַנעק, בעלזשעץ אאַ. זענען געווען אין ערשטער ריי באַשטימט אויף צו ליקווידירן די פוילישע יידן און נאָר אין אַ קלענערער מאָל געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרניכטן די יידן פון אַנ-

דערע לענדער (דאָס זעלבע איז אויך נוגע פּעלמנא), איז אָשוויענ־טשים געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַרניכטונגס־לאַגער. דאָ זע־נען געשטאָרבן און פאַרפייניקט געוואָרן על קידוש־השם און על קידוש־העם — אַ חוץ די פּוילישע יידן — הונדערטער טויזנטער יידן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, גריכנ־לאַנד, יוגאָסלאַוויע, פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע, איטאַליע, נאָר־וועגיע. דערפאַר „פאַרדינט" דער דאָזיקער טרויעריק באַרימטער לאַגער אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונזער גרוי־זאַמער מאַרטיראָלאָגיע.

די מאַטעריאַלן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט ביי אונ־זער אַרבעט, זענען פאַרשידנאַרטיקע. אַלס מיטגליד פון דער „מלו־כהשער הויפּט־קאָמיסיע אויסצופאָרשן די דייטשישע פאַרברעכנס אין פּוילן", האָב איך בייגעוווינט די זיצונגען פון דער קאָמיסיע און די עדות־פאַרהערן, וואָס זענען פאָרגעקומען במשך פון חודש אַפּריל און מאַי 1945 אין אָשוויענטשים און אין קראָקע. מיט די עדות, וועלכע זענען דאָרט פאַרהערט געוואָרן, האָב איך אַ חוץ דעם אָנגעקניפּט אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט און באַקומען פון זיי אַ היפּשע צאָל צוגאָב־מאַטעריאַלן אין דער פאָרעם פון פּערזענלעכע זכרונות, טאָג־ביכער, אָבסערוואַציעס, סטאַטיסטיקן וכדומה.

אַ חוץ דעם דאָזיקן מאַטעריאַל, זענען דורך דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן צוזאַמענגעשטעלט גע־וואָרן מיט יידישע געוועזענע אָשוויענטשימער אסירים אַ גאַנצע ריי עדות־פאַרהערן, וואָס זענען אויך אויסגענוצט געוואָרן אין מיין אַרבעט.

דאָס אַלץ אָבער איז נאָר אַ טייל פון די מאַטעריאַלן. די צענ־טראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע און די מלוכהשע הויפּט־קאָמיסיע אויף אויסצופאָרשן די דייטשע פאַרברעכנס אין פּוילן פאַר־מאָגן היינט צו טאָג אין זייערע אַרכיוון אַ גרויסע צאָל אָריגינעלע אַמטלעכע דאָקומענטן פון די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, פון דער דייטשער צענטראַלער אַדמיניסטראַציע, פון די צענטראַלע אינס־טאַנצן פון דער ס"ס אין בערלין, פון דער לאָקאַלער דייטשער אַד־מיניסטראַציע אין אָשוויענטשים און פון אַנדערע דייטשע אַמטן.

מיר האָבן אַ חוץ דעם אויסגענוצט די רייכע ליטעראַטור וועגן

אַשוויענטשים, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשידענע איראָפּעאישע שפּראַכן. אַשוויענטשים איז געווען אַ ריזיקע פעלקער־טיורמע פאַר כמעט אַלע איראָפּעאישע נאַציעס. דערפון דרינגט אַרויס די גרויסע פאַראינטערעסירונג, וואָס האָט געהערשט מיט אַשוויענטשים אין אַלע איראָפּעאישע לענדער נאָך בשעת דער מלחמה־צייט. שוין זינט 1941 הייבן אָן צו דערשיינען אַ סך צייטונגס־אַרטיקלען און ביכער אין יידיש, העברעאיש, ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, דייטש (אין דער שווייץ), טשעכיש, רוסיש, פּויליש, איטאַליעניש נידערלענדיש — וועגן אַשוויענטשים. דער גרעסטער טייל פון דער דאָזיקער ליטעראַטור האָט אַ מעמואַריסטישן כאַראַקטער.

מיר האָבן זיך באַמיט אויסצושעפּן אין אונדזער בוך די וויכטיקסטע און אַממייסטן כאַראַקטעריסטישע אַספּעקטן פון דער דאָזיקער מוראדיקער טראַגעדיע. מיר זענען זיך גאַנץ גוט באַוווּסט, אַז קיין שום פעדער איז נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן די גרויליקע אַטמאָספערע פון לאַגער־לעבן, פון די טאָג־טעגלעכע קריכנדיקע טויט־געפאַרן, פון די אויסטערלישע, פערווערסע מעשים תעתועים, פון די פאַנטאַסטיש־גרויזאַמע מאַסנמאָרדן אין אַשוויענטשימער גיהנום, פון די ראַפינירטע, טייוולאָנישע „ווייטזיכטיקע" פאַרניכטונגס־פּלענער. אַ מוראדיקע עפּאָפּעע פון מאָרד, טויט, משוגעת, רויב, גזלה און תאווה, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלץ, וואָס אַ מענטשלעכע פאַנטאַזיע וואָלט געקאָנט אויסטראַכטן, אַלץ וואָס די מענטשהייט האָט איבערגעלעבט אין תקופות פון איר טיפסטער געפאַלנקייט און ירידה.

צי עס איז אונדז געלונגען צו געבן אַ בילד, וואָס זאָל גלייכצייטיק זיין סינטעטיש, אָביעקטיוו, וויסנשאַפטלעך אויסגעהאַלטן, און פון דער אַנדערער זייט — רייך אין קאָלירן און אָנגעזאַפּט מיט דעם וויטיק פון מיליאָנען — דאָס וועט דער לייענער משפּטן נאָכן איבערלייענען דאָס בוך.

דער מחבר

מינכען, 1948.

...און נאָך אַ וואָרט צום אַריינפיר:

דעם 23.4.1945 האָבן זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן די ענגלישע פּאַרלאַמענטאַריער, וואָס זענען גלייך נאָך דער באַפרייאונג געוואָרן דעלעגירט קיין דייטשלאַנד כדי זיך צו באַקענען מיט די דאָרטיקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. איינע פון די דעלעגירטע, פרוי מייוויס טייט, האָט אויף אַ פראַגע פון ענגלישע זשורנאַליסטן דערקלערט אַט וואָס: „אַלץ, וואָס מען שרייבט און דערציילט וועגן דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, איז אויף קיין איין האָר נישט איבערגעטריבן. עס איז אָבער פאַראַן אַ לאַגער, וואָס איז נאָך ערגער פון בוכענ־וואַלד און דאַכאַו און דאָס איז דער לאַגער אָשוויענטשים, אין וועלכן עס זענען זינט דעם יאָר 1942 אויסגעמאָרדעט געוואָרן העכער דריי און אַ האַלב מיליאָן מענטשן, דאָס רוב יידן און פּאָליאַקן".

1. די הויפּטזשיראַנטן פֿון אָשוויענטשימער פֿאַרברעך

אין תוך גענומען האָט זיך פּרוי טייט נישט טועה געווען. ווייזט אויס, אַז אין אָשוויענטשים האָט דער גייסט פֿון „נייעם דייטשלאַנד" דערגרייכט זיין אַפּאָגיי, זיין פֿולקאָמסטע פֿאַרקערפּערונג. איין טעות האָט נאָר געהאַט די פּרוי טייט: די צאָל דריי און אַ האַלב מיליאָן מענטשלעכע קרבנות איז העכסט וואַרשיינלעך אַ צו קליינע.

ווייל אָשוויענטשים איז נישט געווען עפּעס אַ פֿאַרוואָרפֿענער העק. אָשוויענטשים איז געווען דער שטאָלץ פֿון דער דייטשישער „פֿאַרניכטונגס־ווויסנשאַפֿט" (ד. ה. וויסנשאַפֿטלעכער מעטאָד פֿון פֿאַרניכטן מענטשן). אָשוויענטשים איז געווען דאָס פֿעלד פֿאַר די געוואַגטסטע, „געניאַלע" עקספּערימענטן פֿון אָט דעם אויבנדערמאָנטן יינגסטן דייטשישן וויסנשאַפֿט־צווייג. אָשוויענטשים איז נישט עפּעס אַ מעשה ידי פֿון וועלכע נישט־איז צווייטראַנגיקע פֿיגורן, פֿאַר וועמענס מעשים די פּאַרטייאישע אויבן־אָן קאָנען פֿון זיך אַראָפּנעמען די אחריות און אָפּטרייסלען זיך, ווי אײנער רעדט „מיר וויסן וועגן דעם גאָרנישט".

די אָשוויענטשימער פֿאַרברעכנס זענען באַגאַנגען געוואָרן מיטן וויסן און אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די העכסטע פּאַרטייאישע און פּאָליטישע פֿאַקטאָרן פֿון דריטן רייך. מיט זאָרגפֿולער אַפּיטרופּסות האָט אַרומגעטוליעט אָט די אָשוויענטשימער מתים־פֿאַבריק דער „רייכספֿירער דער ס״ס און דער פּאָליציי" היינריך הימלער בכבודו ובעצמו, דער אינספּיראַטאָר פֿון די אָשוויענטשימער גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. וועגן דעם זאָגן עדות זיינע באַזוכן אין אָשוויענטשים און זייערע פֿאָלגן — זאָגט אויך עדות זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דער לייטונג פֿון לאַגער. די עיקרדיקע באַפֿעלן בנוגע דעם רעזשים אין אָשוויענטשימער מתים־פֿאַבריק זענען געקומען דירעקט פֿון דער בערלינער געשטאַפּאָ און ס״ס־צענטראַלע: „זיכערהייטס־הויפּט־אַמט, בערלין — אָראַניענבורג „צ", בפֿרט

די אָפּטיילונג: ווירטשאַפט און פאַרוואַלטונגס־הויפּטאַמט, „אַמט צ״. די דאָזיקע בלוטיקע באַפעלן זענען געווען געחתמעט דורך פאָלגענדע דייטשישע גדולים: שעף פון געשטאַפּאָ און זאָנדערדינסט דר. קאַלטענברונער, שעף פון די דייטשישע לאַגערס גענעראַל־לייטנאַנט פון ס״ס און פּאָליציי גליקס, שעף פון דער הויפּטסאַניטאַר־פאַרוואַלטונג פון די קאָנצלאַגערס, גענעראַל דער וואַפן ס״ס און פּאָליציי אָסוואַלד פּאהל. שעף פון דער גרופּע „צ״ (השגחה, פירונג, גרינדן און בויען די קאָנצענטראַציע־לאַגערס) ס״ס גרופּנפירער און גענעראַל־לייטנאַנט דער וואַפן ס״ס אינזשיניר ד״ר קאַמלער. שעף פונעם צענטראַל־אַמט ס״ס אָבערשטורמבאַנפירער לעבענהענשעל, שעף פון דעם אַמט „ד2״ (אַלגעמיינע השגחה איבער די לאַגערס) אָבערשטורמבאַנפירער מוירער, און זיין שטעלפאַרטרעטער ס״ס אָבערשטורמפירער זאממער.

אויף וויפל מיר זענען אימשטאַנד געווען ביז איצט פעסטצושטעלן, זענען דאָס די עיקרדיקע און דירעקטע זשיראַנטן פון די אָשוויענטשימער פאַרברעכנס.

2. רעקאָרד פון דייטשישער וויסנשאַפט און טעכניק

איבער דעם ווי אַזוי דורכצופירן מאַסנמאָרדן אויף אַ ראַציאָנאַליזירטן אופן האָט זיך געדאַרט די מוחות די אינטעלעקטועלע עליטע פון דייטשלאַנד. מ׳האָט געגרינדעט אויפן שטח פון אָשוויענטשים מכלומרשט וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן און לאַבאָראַטאָריעס, אין וועלכע ס׳האָבן געאַרבעט פּראָפעסאָרן און אַסיסטענטן פון העכערע לערן־אַנשטאַלטן. אויפן סמך פון פאַרברעכערישע און מוראדיק שמערצלעכע עקספּערימענטן איבער גאָט די נשמה שולדיקע, הילפלאָזע מענטשן, האָבן די דייטשישע „געלערנטע״ געשריבן וויסנשאַפטלעכע דיסערטאַציעס און מעדיצינישע ווערק. לויט באַשטעלונגען פון די דייטשישע פאַרמאַצעווטישע אינדוסטריע־קאָנצערנען האָט מען אויסגעפּרווט אויף לעבעדיקע מענטשן פאַרשידענע לעבנסגעפערלעכע פּרעפּאַראַטן און איינשפּריצונגען. אַנדערע דייטשישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האָבן אויסגענוצט די

שקלאַפּן־אַרבעט פון די אָשוויענטשימער אַרעסטאַנטן ביז די לעצטע גרע־
נעצן פון זייערע פיזישע כוחות, אָדער האָבן איבערגעאַרבעט דעם „רווי־
שטאָף" (די האָר, די ביינער, גאָלדענע ציין), וואָס איז פאַרבליבן נאָך דעם
טויט פון די אומגליקלעכסטע צווישן די אומגליקלעכסטע. אַנדערע ווידער



דער סיטואַציע־פּלאַן, וואָס ווייזט די לאַגע פון אָשוויענ־
טשים אין מזרח־ און מיטל־אייראָפּע, צווישן די דריי
הויפּטשטעט בערלין, ווין, וואַרשע

גרויסע דייטשישע פירמעס האָבן פּראָדוצירט און צוגעשטעלט גאַז צו
סמען די קרבנות, האָבן געבויט אינסטאַלאַציעס פאַר מאַסן־מאָרדן, איינ־
ריכטונגען פאַר גאַזעווען און פאַרברענען מענטשן. מיט איין וואָרט — אַן

אומגעהייער ברייטע און פּאַרצווייגטע אינדוסטריע, די ייִנגסטע שפּראָצונג פון דײַטשישער אינדוסטריע אויף דער באַזע פון מענטשלעכן רוישטאָף.

אָט אַזוי זענען די פאַרברעכנס אין אָשוויענטשים געוואָרן דורכגעפירט אין די אויגן, מיטן וויסן און לויטן אויפטראָג פון דער דײַטשישער מאַכט. זייער אַנטוויקלונג האָבן נאָכגעשפּירט מיט „וויסנשאַפטלעכער" באַפרידיקונג און גרויס פאַראינטערעסירונג די דײַטשע מאַכט־אָרגאַנען, די פּאַרטייאישע שפּיצן, פּראָמינענטע פּאָרשטייער פון דער וויסנשאַפטלעכער און ווירטשאַפטלעכער וועלט.

3. די טאָפּאָגראַפיע פון דער אָשוויענטשימער מתים־פאַבריק

אָשוויענטשים געפינט זיך אין אַ מרחק פון איבער פופציק קמ׳ פון קראָקע אין דער לופט־ליניע, אין דער ריכטונג אויף מערב ביים טײַך „סאָלאַ", וואָס איז אַ צופלוס פון דער ווייסל. די סביבה איז זייער אַן אומגעזונטע מיט אַ שלעכטן קלימאַט. דאָס שטעטל אָשוויענטשים האָט געהאַט אַן ערך 12.000 אײַנוווינער, דערפון עטלעכע טויזנט יידן וואָס האָבן אַמאָל דאָרט געוווינט און זענען אין די יאָרן 1941 - 1943 אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די דײַטשן. אומעטום, אין יעדער תּקופה פון יאָר הערשט דאָרט אַ נעפּל און מען טאָפּטשעט דאָרט אַרום אין בלאָטעס און זומפּן. דאָס איז געווען פאַר די דײַטשן אַן אידעאַלער פּלאַץ, כּדי צו פאַרשפּאַרן דאָ מיליאָנען מענטשלעכע באַשעפענישן. דער אויסוואַל פון דאָזיקן אָרט איז זיכער נישט געווען קיין צופעליקער. די סביבה פון אָשוויענטשים דערמאָנט צו שטאַרק די באַרימטע דאַכויער בלאָטעס לעבן מינכען, וווּ עס איז אַנטשטאַנען דער טרויעריק באַרימטער דײַטשישער „מוסטערלאַגער דאַכאַו". אַזעלכע ערטער ווי דאַכאַו און אָשוויענטשים — זאָגט אין זײַן עקספּערטיזע דער באַרימטער פּוילישער געאָגראַף, עווגעניוש ראָמער — „האָט דאָס לעבן אויסגעמיטן דורך טויזנטער יאָרן, ווײַל דאָרט האָט געלויערט דער טויט". אָבער די דײַטשע נאַציס, וואָס האָבן געבויט זייער

מדינה אויפֿן סינטעז פֿון „הימעל, ערד און שטאכל־דראָט", האָבן דווקא מיט ליבשאַפֿט אויסגעקליבן אַזעלכע אָרטשאַפֿטן פֿאַר זייערע „קליענטן".



דער הקף פֿון לאַגער־קאָמפּלעקס (שטאַמלאַגער און בירקענאַו)

דער א. ג. אָשוויענטשימער לאַגער — דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ גרויסער קאָמפּלעקס פֿון לאַגערן, צעזייטע אויף אַ שטח פֿון איבער פֿער־

ציק קוואַדראַט קילאָמעטער. כדי אים צו גרינדן האָט מען געמוזט עוואַ־קואירן די באַפעלקערונג פון דער אָשוויענטשימער פאַרשטאָט „זאַסאָלע" און פון 10 דערפער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם שטח צווישן דער סאָלע און דער ווייסל. (אויף דעם דאָזיקן ריזיקן שטח האָבן זיך געפונען בלויז 10 דערפער צוליב דעם אומגעזונטן קלימאַט.)

דער לאַגער־קאָמפּלעקס האָט ארומגענומען דריי הויפּט־לאַגערן: אָשוויענטשים א' (דער א. ג. שטאַמלאַגער), אָשוויענטשים ב' אָדער בזשע־זשינקי (בירקענאַו), ווו ס'זענען געווען די טויט - אַנשטאַלטן, און אָשוויענטשים ג' (דער א. ג. דרויסנלאַגער) אָדער מאָנאָוויצע. א חוץ דעם האָבן צו אָשוויענטשים געהערט נאָך ניין און דרייסיק קלענערע ארבעטס־לאַגערן, נעבנלאַגערן און „צווערגלאַגערס", ווי קוילן־גרובן, לאַנדווירט־שאַפטלעכע פערמעס, פיש־ און עופות־ווירטשאַפטן, גערטנעריי, א פאַ־בריק פון אמוניציע־מאַטעריאַלן „אוניאָן", א פאַבריק פון סינטעטישער גומי (בונאַווערקע אין מאָנאָוויצע), וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, קראַנקנ־הייזער א. א. וו. די צוויי הויפּטלאַגערס, אָשוויענטשים און בירקענאַו האָבן פאַרנומען א שטח פון 465,5 העקטאַר און געהאַט איבער 620 באַ־ראַקן און א חוץ דעם א ריי בנינים פאַר די דייטשישע אמטן און דעם דינסט־פּערסאָנאַל. סך הכל איז דאָס געווען א ריזיקער אינדוסטריאַליזיר־טער טויט־קאָמבינאַט מיט א גענוי דורכגעטראַכטן מעכאַניזם און מיט א לכתחילה אויסגערעכנטער פּרעציזער עקספּלאָאַטאַציע פון דער ארבעטס־קראַפט פון די צום טויט פאַרמשפּטע ביז צו די לעצטע גרענעצן פון זייער פיזישן און גייסטיקן כח.

4. „ארבעט מאַכט פריי"

די ביז איצטיקע געשיכטע פון דער מענטשהייט קען נישט אזא ציניש־חוצפּהדיקע אָפּנאַרעריי, פאַרשייטקייט און פאַלשע צביעותדיקייט, ווי די היטלעריסטן האָבן דאָס באַוויזן. גלייך ווי מען קומט נאָר אָן קיין אָשוויענטשים, גיט דיר א זעץ איבערן קאָפּ א ספּעציפישער געמיש פון אראָגאַנטן ליגן און קאָמעדיאַנטישע צדקות, פון וועלכע ס'קריכט ארויס

זוי פון אַ געפּאַרבטער שעפּסנפעל דער שאַרפער וועלפישער צאָן פון אַ בלוטדורשטיקן טייוול.

אויפן סאַמע פראָנט פון הויפּט־טויער אין אָשוויענטשימער לאַגער, פון דער מתים־פאַבריק, וואָס האָט אין שרעקלעכע עינויים אויסגעמאָר־דעט מיליאָנען אומגליקלעכע נפשות, לייכט אַרונטער מיט געוואַלטיק

דער אַריינגאַנגס־טויער

גרויסע אותיות אַן אומפאַרגלייכלעכע אין איר ציניזם אויפשריפט: „אַרבייט מאַכט פריי!"

מען דערציילט, אַז אַ וויציקער לאַגעריסט האָט צוגעמאַכט צו דעם דאָזיקן „פּעדאַגאָגישן" לאָזונג אַ גראַם: „צום קרעמאַטאָריום איינס, צוויי, דריי!". דאָס שפּיגלט אָפּ די פּסיכישע רעאַקציע פון די פאַרמשפּטע אויף דער צינישער נאַצישער זעלבסטרעקלאַמע.

אָבער די היטלעריסטן האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם דאָזיקן

קאָמעדיאַנטישן שווינדל. די דייטשישע פּחדנים, וואָס האָבן באַוויזן זייער „נאָרדישע" „העלדישקייט" לגבי שוצלאָזע פרויען און קינדער, האָבן נישט געוואַגט צו מאָרדעווען פראַנק און פריי. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט כלער־ליי שפּיצלעך. עס האָט זיך די מומחים אין צביעות איינגעגעבן אין משך פון אַ לענגערער צייט צו פאַרמאַסקירן דעם אייגנטלעכן כאַראַקטער פון זייערע מאַסן־מאָרדן, אונטערפירן זייערע קרבנות און באַשווינדלען דעם גרעסטן טייל פון דער ציוויליזירטער וועלט. צוגעהאָלפן דערצו האָט זיי דער איינגעבוירענער קאָנסערוואַטיזם פון דער מענטשלעכער נאַטור, מענטשן וואָס האָבן זיך דערצויגן אין געוויסע, טויזנטער־יאָר־אַלטע, עטישע נאָרמעס, איז דאָך נישט אַריין אין מוח, אַז ס'זאָלן זיין מעגלעך אַזעלכע שרעקלעכע מעשים און דאָס צווישן פאַרשטייער פון אַ „דענקער־ און דיכטער־פאָלק". עס פאָדערט זיך אַ גאַנצע גייסטיקע רעוואָלוציע, כדי מען זאָל קענען גלויבן און נעמען צו קענטעניש דעם פאַקט פון באַנייטן קאַניבאַליזם אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דעם דאָזיקן פּסיכישן פאַקט האָט די דייטשישע ליגנערישע און פאַלשע פּראָפּאַגאַנדע זייער געשיקט אויסגענוצט. די וועלט האָט נישט געגלויבט, האָט דאָס נישט געקאָנט און האָט נישט געוואָלט גלייבן. וואָס מער, אַפילו די קרבנות פון די פאַרברעכנס האָבן כמעט ביז זייער לעצטער מינוט נישט געגלויבט!

ד"ר מאַקס גראָסמאַן, דער שעף־אָרדינאַטאָר אין שפּיטאָל און דאָצענט פון אינערלעכער מעדיצין אויף דער אוניווערזיטעט אין זאַגרעב (יוגאָסלאַוויע), אַ געוועזענער אַשוויענטשימער אַרעסטירטער, האָט אָפּגעגעבן אַ גבית־עדות אין קראָקע פאַר דער „מלוכהשער קאָמיסיע צו פאָרשן די דייטשישע פאַרברעכנס", אין וועלכער ער זאָגט אַט וואָס: „מיך האָט מען אַרעסטירט אין מערץ 1944 אין איטאַליע. זייענדיק אין טאָסקאַניע האָבן מיר נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס אין פּוילן. דעם אמת זאָגנדיק האָב איך וועגן די גאַז־קאַמערן אין מאַידאַנעק געוווּסט פון די לאָנדאָנער ראַדיאָ־אווידי־ציעס און וועגן דעם האָבן מיר אויך דערציילט מיינע חברים אין תפיסה, אָבער קיינער האָט אין די שרעקלעכע דערציילונגען נישט געגלויבט. נאָכן קומען קיין אַשוויענטשים האָבן אונדז גלייך ביים אָנקומען אונדזערע מיט־אַרעסטאַנטן, אַרבעטער פון דער זאָנדערקאָמאַנדע, געזאָגט, אַז אונדז דער־

וואָרט אַ גאָזטוויט, מיר האָבן זיי אָבער נישט געגלויבט". די דייטשישע פאַלשקייט האָט געקענט אָפּנאַרן נישט נאָר דעם ד"ר גראָסמאַן מיט זיינע חברים. ד"ר ברונאָ פישער, פּראָפעסאָר פון פּסיכיאַטריע אויף דער פּראַגער אוניווערזיטעט דערציילט דאָס אייגענע. אויך זיין קאָפּ האָט נישט געקאָנט באַנעמען, אַז אַזעלכע בעסטיאַליטעטן זענען בנמצא, הגם ער האָט שוין וועגן די מאַסן-פאַרגאַזירונגען אין פּוילן געהערט פון טאָמאַס מאַנס ראַדיאָ-אווידיציעס. ווען מען האָט אים אין אָשוויענטשים מקבל פּנים געווען מיט דער בשורה וועגן גאַזירן אַרעסטירטע, האָט ער זיך אויך סקעפּטיש באַצויגן צו דעם און אין אַ שפּאַס געענטפערט זיינע מיטרעדער, אַז נאָך דער מלחמה זאָלן זיי זיך מעלדן אין זיין... פּסיכיאַטרישער קליניק ווי פּאַציענטן.

מיר האָבן צום באַדויערן אַ גענוגנדיקן יסוד צו דער השערה, אַז קיינער פון די דאָזיקע מיטרעדער וועט זיך שוין ביי פּראָפ' פישער נישט מעלדן, מחמת אַ מאָפּהענגיקע פון זיי סיבות . . .

אַ יונג אונגאַריש מיידל פון בודאַפּעשט, אינטעליגענט און באַהאַוונט אין הלכות פּאָליטיק, האָט דערקלערט אירע חברטעס אין אָשוויענטשים, אַז אַלץ, וואָס זי זעט איצט דאָ און לעבט איבער אין דעם אָשוויענטשימער גיהנום, האָט זי געהערט פריער אין די ענגלישע ראַדיאָ-אווידיציעס פון לאָנדאָן, נאָר זי האָט געמיינט אַז דאָס איז אַנטינאַציִשע גרויל-פּראָפּאַגאַנדע.

מען האָט נישט געגלויבט, מען האָט נישט געגלויבט . . .

נאָך מער — די קרבנות, וואָס זענען שוין געווען באַשטימט צום גאַזירן, האָבן נאָך דירעקט פאַרן טויט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון פון זייער גורל, אַזוי קונציק האָבן די דייטשן דורכגעפירט זייער שווינדלערישע שפּיל. אַט למשל האָט מען אָנפאַנג אָקטאָבער 1944 פאַרגאַזירט 200 מאַן פון דער זאָנדער-קאָמאַנדאָ, צוערשט האָט מען זיי נאָך דער טאָג-אַרבעט איבערגעפירט קיין אָשוויענטשים א', אַנשטאָט אין זייער זווינבלאָק. ווייטער האָט מען מיט גרויס פּאַראַד דורכגעפירט אַ פיקטיווע רעגיסטראַציע צו אַ כלומרשטן טראַנספּאָרט, שפּעטער האָט מען זיי כלומרשט גענומען אין באָד אַריין און צום סוף האָט מען זיי פאַרגאַזירט אין אַ געוועלנלעכן בלאָק, וואָס האָט ביז דעמאָלט צו דעם צוועק קיינמאָל נישט

געדינט. דאָס זענען געווען דייטשישע „מלחמה פּאַסטקעס". צו וועלכער מייסטערשאַפט די דייטשן האָבן דערפירט די טאַקטיק פון פאַרבלענדן די אויגן, זאָל אילוסטרירן דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד: אויף אַ גרויסן שטח פון אַשוויענטשימער קאָמבינאַט האָבן די דייטשן אָרגאַניזירט אויך אַ באַראַק פון ענגלישע מלחמה־געפאַנגענע (אַן ערך 1000 מאַן). דער באַראַק איז געווען שטרענג איזאָלירט פון איבעריקן לאַגער. אין ענגלישן באַראַק זענען געווען גאַנץ גוטע צימערן, גענוג באַקעסטיקונג און ליטישע באַהאַנדלונג פון די געפאַנגענע. ווען מען האָט זיי נאָך דער באַפרייאונג אויסגעפרעגט, וואָס זיי ווייסן וועגן די אַשוויענטשימער פאַרברעכנס, האָבן זיי — און דאָס מיט אַ ריין געוויסן — געענטפערט, אַז וועגן אַזעלכע פאַרברעכנס ווייסן זיי גאָרנישט. די דייטשן האָבן זיי באַהאַנדלט — האָבן זיי געזאָגט — גאַנץ אַנשטענדיק.

אויף דעם אופן האָבן זיך די דייטשן באַצייטנס צוגעגרייט פאַר־טיידיקונגס־עדות. יאָ, איינמאָל איז טאַקע אָראָפּגעקומען אַן אויסלענדישע קאָמיסיע אויסצופאָרשן וואָס טוט זיך דאָרט אין דעם פאַרשאָלטענעם אַשוויענטשים. די עפנטלעכע מיינונג אין האָלאַנד איז געווען זייער באַאומרואיקט וועגן דעם גורל פון די צענדליקער טויזנטער האָלענדישע יידן און האָלענדישע פּאַטריאָטן, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן „אויף אַרבעט" קיין מזרח. צופיל שלעכטע גרוסן זענען געקומען וועגן אַשוויענטשים פון די ענגלישע און אַמעריקאַנער ראַדיאָ־הילכערס... נאָך אומצאָליקע באַציאונגען האָט מען געפּועלט ביי דער דייטשער מאַכט, זי זאָל אַריינלאָזן קיין אַשוויענטשים אַ קאָמיסיע פון האָלענדישן רויטן קרייץ (אַפּריל אָדער מאַי 1943). אָבער די קאָמיסיע איז געווען צו נייגעריק און זי איז נעגאַנגען נישט בלויז דאָרט, ווו עם האָט פאָראויסגעזען די אָפיציעלע דייטשישע מאַרשרוטע. האָט מען די אומבאַקוועמע באַזוכער פאַרגעלייגט צו באַקוקן די באָד־אַנשטאַלטן, אַריינגעפירט זיי גאַנץ פּשוט אין די באַרימטע גאַזקאַמערן און דערנאָך פאַרברענט. עטלעכע טעג שפּעטער — דערציילט דער פראַנצויזישער אַשוויענטשימער אַרעסטאַנט ד"ר גאַלזע — האָט זיך אין די האָלענדישע צייטונגען באַוויזן אַ מעלדונג, אַז די קאָמיסיע האָט געהאַט אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע און אַלע אירע מיטגלידער זענען אומגעקומען . . .

דער ציניזם פון די אָשוויענטשימער תליינים איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער. אין ווינטער 1942 האָט זיך באַוויזן אין דער „פּאַריזער צייטונג" אַן אַרטיקל וועגן דעם לעבן פון די פּאַריזער יידן. אין בירקענוי. דער רעפּאָרטער פונעם נאַציסטישן רעפּטיליען־בלעטל האָט אַפילו דורכגעפירט „אינטערוויוס" מיט בירקענויער „עמיגראַנטן", וואָס האָבן פאַר אים געלויבט דעם אויפנטהאַלט און די אַרבעט אין אָשוויענטשים. דער קאָרעספּאָנדענט האָט אַפילו אילוסטרירט זיין אַרטיקל מיט פאָטאָגראַפיעס פון יידן מיט צופרידענע לאַכנדיקע פּנימער . . .

אָבער אַפילו די מנוולדיקע פעלשונג איז נאָך נישט געווען דער העכסטער אויפטו פון נאַצישן ציניזם. זיי זענען געווען פעאיק צו נאָך מער מאַקאַברישע וויצן. די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אָפּגעטון אַט אַזאַ שטיקל אַרבעט: ווען עס זענען אין פרילינג 1943 פאַרטיק געוואָרן די גאַזקאַמערן און די קרעמאַטאָריעס, האָבן זיך באַוויזן אין די פּוילישע, טשעכישע און אַנדער־שפּראַכיקע געשטאַפּאָ־שמאַטעס אין די אָקופּירטע לענדער רעפּאָרטאַזשן פון דעם „אַרבעטס־לאַגער" בירקענוי. עס זענען געוויזן געוואָרן די פיר קרעמאַטאָריעס מיט אַן אויפקלערונג, אַז דאָס זענען... ציגעלניעס, וועלכע יידן האָבן אויפגעבויט אין פלייסיקער אַרבעט אין לאַגער, „זייער אייגענער, נייער היים". די צייטונגען האָבן זייער שטאַרק געלויבט, וואָס יידן, די דאָזיקע „פּאַראַזיטן", לערנען זיך אויס אַ פאַך און ווערן פּראָדוקטיוו. אַ פּשיטא, עס האָבן אויך אין די דאָזיקע אַרטיקלען נישט געפעלט די לאַכנדיקע און צופרידענע יידישע פאָטאָגראַפיעס.

כדי צו פּרוּווישן יעדע שפּור פון פאַרברעכן און געבן דעם לאַגער אַן אומשולדיקן אויסזען פון אַן „אַרבעטסלאַגער", האָבן זיך די דייטשן באַנוצט מיט נאָך אַ שפּיצל: זיי האָבן אויף די לינקע פאָדעראָרעמס פון די אַרעסטאַנטן, וואָס זענען געווען באַשטימט צו אַרבעט, אויסטאַטוירט לויפנומערן. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דער לאַגער איז באַשטאַנען, האָט מען אויסטאַטוירט בערך 370.000 ביז 400.000 אַזעלכע נומערן (253.000 מענער און דער רעשט פרויען).

כדי נאָך מער מבלבל צו זיין די מחות, האָט מען איינגעפירט עטלעכע סעריעס פון נומעראַציע. עס איז געווען אַן אַלגעמיינע נומעראַציע פאַר מענער און פרויען. אַ חוץ דעם אַ נומעראַציע מיט אָנפאַנגס־בוכ־

שטאַבן: אי פאַר מענער און בי פאַר פרויען (על פי רוב איז דאָס געווען פאַר יידן), דאַן אַ נומעראַציע מיטן בוכשטאַב „צ״ (ציגיינער), מיטן אות ר׳ (רוסן) און ע׳ („דערציאונגס־העפטלינגע). רייכסדייטשע און פאָלקס־דייטשע האָט מען נישט טאַטוירט. אַ חוץ דעם האָט מען נישט טאַטוירט די אַלע, וואָס מען האָט דירעקט געפירט צו דער שחיטה. „אַ ייד, וואָס מען האָט אים טאַטוירט, איז געווען גליקלעך — דערציילט דער געווע־זענער אַשוויענטשימער ארעסטאַנט ד״ר פיליפ אויערבאַך — ווייל דאָס איז געווען דער בולטער סימן, אַז דערווייל לאָזט מען אים לעבן״, אַ מין „מי לחיים, מי למות״ - נומעראַציע . . .

דורך דעם דאָזיקן שפּיל האָט מען געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז מען האָט אַ גענויע עווידענץ פון די „ערובניקעס״. מען פאַרשרייבט גענוי יעדן אָפּגאַנג און פאַרלוסט, מען פאַרצייכנט די אומשטענדן און סיבות פון טויט א. א. וו. אָבער מיליאָנען מענטשן, וואָס מען האָט געשיקט נאַקע־טערהייט גלייך פון באַן־וואַגאָן אין די גאַזקאַמערן, האָט מען בכלל נישט פאַרשריבן און נישט פאַרצייכנט. מען האָט זיי פאַרגאַזירט אָן וועלכן נישט איז חשבון. דאָס איז געווען אַ נייער מין דייטשע טאָפּל־בוכאַלטעריע פון לעבן און טויט.

5. די ציפערן קלאָגן אָן

נישט אַלעמאָל זענען ציפערן אַ טרוקענע זאַך. פון די ציפערן, וואָס מיר גיבן איבער ווייטער, טריפט דאָס בלוט.

עד היום איז נישט געלונגען, אפילו בערך, פעסטצושטעלן די צאָל קרבנות פון דער שוידערלעכער מתים־פאַבריק אין אַשוויענטשים. זיכער איז נאָר איינס, אַז דאָס איז געווען דער גרעסטער מאָרד־באַטריב אין היט־לערישן „נייעם אייראָפּע״, דער גרעסטער בכלל, וואָס עס קען די גע־שיכטע פון דער מענטשהייט. אויפן סמך פון די באַן־אַוויזעס פאַר די יאָרן 1943 און 1944, וואָס זענען פאַרבליבן אין דער לאַגער־קאָמענדאַנטור, באַרעכנט דער רעקטאָר פון דער קראָקעווער בערג־ווערק־אַקאַדעמיע פּראָפ׳ ראָמאַן דאַווידאָווסקי די צאָל קרבנות, וואָס מען האָט געבראַכט קיין

אַשוויענטשים אין די צוויי יאָר, אויף פיר מיליאָנען מענטשן. פאַרן יאָר 1942 פעלן די באַן־אוויזעס. אין דעם יאָר איז די באַן געווען איבערגע־לאָדן מיט מיליטער־טראַנספּאָרטן און די אַרעסטירטע האָט מען געפירט קיין אַשוויענטשים מיט אויטאָס. ס'איז דעריבער שווער אָנצוגעבן גענוי זייער צאָל. מען שאַצט זיי אויף אַ מיליאָן ביז אַ מיליאָן צוויי הונדערט טויזנט. צוזאַמען האָט אויף אַזאַ אופן די אַשוויענטשימער מתים־פאַבריק אַריינגעזאַפּט אין זיך — אויב מיר וועלן צורעכענען נאָך דאָס יאָר 1941 — מער ווי פינף מיליאָן מענטשן. לויט אַ חשבון פון אַ טייל אַשוויענ־טשימער אַרעסטאַנטן אַפילו זעקס ביז זיבן מיליאָן מענטשן. (די אויסרע־כענונגען פון לאָדזשער דאָקטאָר יעקב וואַלמאַן און פון ד"ר אַרטור מייער, אַ געוועזענעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן דעפּוטאַט צום רייכסטאַג און אַנד.) וויפל זענען צוריק אַרויס און וויפל פון זיי האָט אַשוויענטשים איינגע־שלונגען אויף אייביק — איז שווער צו ענטפערן. על כל פנים איז בלויז אַ קליינער טייל אַרויס פון אַשוויענטשים אין אַנדערע לאַגערס פון קאַ־טאָרזשנער אַרבעט און אַזוי אַרום לעת עתה ניצול געוואָרן. די מערהייט האָט אָבער שוין קיינמאָל נישט פאַרלאָזט די אַשוויענטשימער מויערן, גענויער גערעדט — די דרייפאַכע, מיט עלעקטרישן שטראָם אָנגעלאָדענע שטעכיקע דראָטן. ס'איז אויך געווען אַ קיימא לן, אַז עטלעכע נאַציעס זענען אָן רחמנות אין כמעט אָן אויסנאַמען געגאַנגען אין אַשוויענטשי־מער מתים־פאַבריק גלייך צום טויט. קיין צוריק פון אַשוויענטשים איז נישט געווען פאַר רוסישע קריגס־געפאַנגענע, און נישט פאַר יידן, נישט געקוקט אויף זייער סאָציאַלער פּאָזיציע, זייער באַרוף, זייער עלטער און זייער מין, און דאָס זעלבע האָט אויך געגאָלטן פאַר ציגיינער. נאָר אַ גאַנץ נישטיקע צאָל פאַרשטייער פון די דערמאָנטע נאַציעס איז פאַרשווינט גע־וואָרן, ד. ה. מען האָט זיי געשיקט אין אַנדערע לאַגערס, אָדער איבערגע־לאָזט אין אַשוויענטשים גופא אויף אַרבעט. עטלעכע ציפערן וועלן אונדז אַמבעסטן אויפקלערן די דאָזיקע שווידערלעכע פאַקטן.

לאָמיר נעמען צ"ב די סאָוויעטישע געפאַנגענע. אין נאָוועמבער 1941 איז אָנגעקומען קיין אַשוויענטשים דער ערשטער גרעסערער טראַנס־פּאָרט פון סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, בערך אַ צוועלף טויזנט מאַן. שפּעטער האָבן אָנגעהויבן צו קומען קלענערע טראַנספּאָרטן און די אַל־

געמיינע צאָל סאָוויעטישע געפאַנגענע האָט באַטראָפן זעכצן טויזנט מאַן. ביז 22.8.1944 איז זייער צאָל געפאַלן אויף צוויי הונדערט מאַן. (די ציפערן זענען גענומען פונעם ראַפּאָרט פון דער אומלעגאַלער אָשוויענטשימער אָרעסטאַנטן־אָרגאַניזאַציע פון דער זעלבער דאַטע.), דעם 17.1 1945, ערב דער עוואַקואַציע פון לאַגער, האָט די צאָל סאָוויעטישע געפאַנגענע באַטראָפן זעקס און נײַנציק מאַן!

פון אַ בערך נײַנצן טויזנט ציגיינער האָט מען אויף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד אַרויסגעשיקט אַ צוויי טויזנט מאַן, דער רעשט איז אומגעקומען. די לעצטע גרופּע ציגיינער איז פאַרגאַזירט געוואָרן דעם 31.8.44. פון אַלע ציגיינער אין אָשוויענטשים האָט זיך על פּי צופאַל אָפּגעראַטעוועט בלויז איין איינציקער ציגיינער. דער דאָזיקער יחיד במינו איז געווען פערדינאַנד בערנאַרד פון רייכענבערג אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

אַן אַנדער פאַקט: לויט די אָפיציעלע ראַפּאָרטן פון דער דײַטשישער קאָמענדאַנטור זענען אָנפאַנג מערץ 1943 אָנגעקומען קיין אָשוויענטשים דרײַ טראַנספּאָרטן יידן פון בערלין און ברעסלאַו, בס״ה 3.223 מאַן. צום גאַזטויט (זאָנדערבעהאַנדלונג) האָט מען אויפן אָרט אָוועקגעשיקט 2099 מאַן. סוף יאַנואַר פון זעלבן יאָר זענען געקומען קיין אָשוויענטשים 5.022 טשעכישע יידן פון טערעזיענשטאַט. פון זיי האָט מען 4.092 געשיקט אין די גאַז־קאַמערן, די איבעריקע צו אַרבעט.

אין אַלגעמיין פלעגט מען פון די יידישע טראַנספּאָרטן אַראָפּנעמען צום טויט גלייך נאָכן אָנקומען אַן ערך 60 ביז 90 פּראָצענט, קודם כל דעם רוב פרויען און קינדער, אַ חוץ דעם אַלטע און קראַנקע אָדער שוואַך אויסזעענדע מאַנספּאַרשוינען. זענען די איבעריקע 40 ביז 10 פּראָצענט „אויסדערוויילטע" שוין זיכער געווען מיטן לעבן? ניין! זיי האָט מען ערשט געשיקט אין די קאַראַנטין־בלאָקן און ערשט שפּעטער צו דער אַרבעט. פון די קאַראַנטין־בלאָקן זענען אָבער נישט אַלע לעבעדיק אַרויס. דער יידישער אַרעסטאַנט ד״ר אָטאָ וואָלקען, וואָס האָט געאַרבעט אין דעם קאַראַנטין־בלאָק פאַר מענער, גיט איבער אַ סטאַטיסטיק פון 15 שוין אָפּגעקליבענע טראַנספּאָרטן, וואָס זענען אָנגעקומען אויף זיין בלאָק במשך 3 חדשים און אַט וואָס פאַראַ בילד באַקומט זיך פון זיינע ציפערן :

ווען איז דער טראַנספּאָרט געקומען	פון וואַנען	וויפל אַרעסטאַנטן	וויפל געבליבן לעבן	% פון לעבנגע־בליבענע
15.4.1942	טשעכאָסלאָוואַקיע	973	88	9%
19.4 "	"	464	10	2%
23.4 "	"	543	41	7,5%
24.4 "	"	442	23	5,2%
29.4 "	"	324	20	4,7%
22.5 "	ק. ל. לובלין	1000	53	5,3%
7.6 "	רייכסזיכערהייטס אַמט (רסהא) פּאַריז	1000	127	21,7%
20.6 "	סלאָוואַקיע	404	45	11,1%
24.6 "	ר. ס. ה. א. פּאַריז	933	186	20. %
27.6 "	ר. ס. ה. א.	1000	557	55,7%
30.6 "	ר. ס. ה. א.	1004	703	70. %
30.6 "	ק. ל. לובלין	400	208	52. %
4.7 "	ר. ס. ה. א.	264	69	30. %
11.1 "	סלאָוואַקיע	182	64	35. %
17.7 "	ר. ס. ה. א.	651	426	30. %
		9682	2710	26. % דורכשניט

נאָך דריי חדשים אין קאַראַנטין זענען פּאַקטיש געבליבן ביים לעבן נישט מער ווי 26%: פון די עלטסטע טראַנספּאָרטן (פון חודש אַפּריל) אַפילו נאָך ווייניקער, דהיינו — 4־6% דער רעשט האָט נישט אויסגע־האַלטן די קאַראַנטין און איז געשטאָרבן סיי א „נאַטירלעכן" (קראַנק־הייטן, הונגער, קעלט) און סיי אַ אומנאַטירלעכן (סעלעקציעס, שלאָגן א. א. וו.) טויט.

צו דעם שרעקלעכן גאַז־טויט האָט מען געבראַכט צו פירן יידן און אויך נישט־יידן פון גאַנץ אייראָפּע. א קווערשניט פון דעם דאָזיקן שרעק־לעכן מגדל־בבל גיט די פאָלגנדע סטאַטיסטיק פון דער קאָנספּיראַטיווער אַרעסטאַנטן־אָרגאַניזאַציע אין אָשוויענטשים (זומער 1944). אין אָש־

וויענטשים א' ב' ג' זענען געווען דעם 21.8.1944 פינף און פופציק טויזנט זעקס הונדערט יידן פון פאַלגנדיקע לענדער:

פון	פוילן	23.530
"	אונגאַרן	11.821
"	פראַנקרייך	5.822
"	האָלאַנד	3.563
"	איטאַליע	1.881
"	גריכנלאַנד	1.838
"	דייטשלאַנד און עסטרייך	1.718
"	בעלגיע	1.685
"	טשעכיע	1.290
"	סלאָוואַקיע	898
"	כאָרוואַציע	555

און א חוץ דעם נאָך א צוויי טויזנט יידן פון פאַרשידענע אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער (ס. ס. ר., נאָרוועגיע, יוגאָסלאַוויע, רומעניע, א. אַנד.)

די היטלעריסטישע מערדער האָבן ליבערשט געלאָזט לעבן מענער איידער פרויען. בפרט פרויען מיט קינדער זענען אָן רחמנות געגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן, ווייל די היטלעריסטן האָבן פון זייער קאַטאָרזשנער אַר־בעט געקאָנט האָבן ווייניקער נוצן. אַזוי אַרום פאַלט אויס אויף דער דער־מאָנטער צאָל לעבנגעבליבענע יידן (55 600) נאָר 9 418 פרויען (17 פּראָ־צענט) און 46.182 מענער (83 פּראָצענט). די אַלגעמיינע צאָל אַרעסטאַנטן אין אָשוויענטשים האָט אין דעם דאָזיקן טאָג באַטראָפן 65.900 מענער און 39.200 פרויען (16.000 אין אוישוויץ א', 59.000 אין אוישוויץ ב'— בירקענאַו, א 30.000 נפשות אין בונאַ־ מאָנאָוויץ און אַנדערע אויסנ־לאַגערס), ד. ה. אַז יידן האָבן אויסגעמאַכט צירקאַ 62 % פון אַלע אַרעס־טאַנטן. וויפל באַטרעפט די צאָל יידן וואָס זענען דורכגעגאַנגען דורך די אָשוויענטשימער טויט־מילן אין דער גאַנצער צייט פון זייער עקזיסטענץ? וואַרשיינלעך מער ווי צוויי מיליאָנען. קיין גענויע ציפער איז נישט מעג־

לעך פעסטצושטעלן. וויפל זענען פון דער דאָזיקער געוואַלטיק גרויסער מענטשן־מאַסע געוואָרן פאַרניכטעט אין אָשוויענטשים? וואַרשיינלעך ביי די 80־90 פּראָצענט. אויף דעם פּראָצעס פונעם אָשוויענטשימער לאַגער־פירער רודאָלף העס, וואָס איז פאָרגעקומען פרילינג 1947 אין וואַרשע, האָט מען געשאַצט די צאָל יידישע קרבנות פון אָשוויענטשים אַ ביסל וויי־ניקער, דהיינו, אויף אַנדערטהאַלבן מיליאָן. דער אָנגעקלאָגטער העס האָט די דאָזיקע ציפערן באַשטעטיקט.

פון וועלכע פעלקער און לענדער האָט זיך רעקרוטירט דער רעשט אָשוויענטשימער אַרעסטאַנטן? דער פּוילישער פּראָקוראָר ד״ר יאַן זעהן, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער געריכטלעכער אויספאָרשונג פון אָשוויענ־טשימער לאַגער, רעכנט אויס אָט די פאָלגנדע מדינות און נאַציעס, וואָס האָבן געהאַט זייער פאַרטרעטער אין לאַגער (לויטן אַלף־בית): ארץ־ישראל, אונגאַרן, איטאַליע, בולגאַריע, בעלגיע, גריכנלאַנד, דייטשלאַנד, האָלאַנד, טערקיי, טשעכיע, יוגאָסלאַוויע, ליטע, לעטלאַנד, נאָרוועגיע, סלאָוואַקיע, ענגלאַנד, עסטרייך, פאַראייניקטע שטאַטן, פּוילן, פראַנקרייך, ראַטנפאַר־באַנד, רומעניע, שווייץ.

ווי דערמאָנט, זענען אַ חוץ יידן, ציגיינער און רוסישע קריגסגעפאַנ־גענע, די אַנדערע גרופּן נישט געוואָרן פאַרניכטעט אויף אַ טאָטאַלן אופן, דער פּראָצענט פון זייערע טויט־קרבנות ווערט געשאַצט אויף 5% ביז 10% פון די אַריינגעקומענע אַרעסטאַנטן (אין אַבסאָלוטע ציפערן וואַר־שיינלעך אַרום 250.000 נפשות). די גרעסטע פאַרלוסטן האָבן געהאַט די פּאָליאַקן, פראַנצויזן און יוגאָסלאַוון.

אין לאַגער איז אויך געווען אַ געוויסע צאָל אַרעסטירטע „רייכס־דייטשן״. ס׳רוב זענען דאָס געווען קרימינעלע אַרעסטאַנטן, מערדער, באַנ־דיטן, גנבים א. ד. ג. געווען אויך פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. בדרך כלל האָט זיך זיי אַ סך בעסער געלעבט איידער די יידן, פּאָליאַקן און סאָוויעטישע בירגער. זיי, די דייטשע באַרופספאַרברעכער, האָבן דאָס געבילדעט די אַזוי גערופענע לאַגער־אַריסטאָקראַטיע — „די פּראָמינענטן״. טייל פון זיי האָבן אויף זייער געוויסן הונדערטער אייגנהענטיק דערמאָרדעטע מיט־אַרעס־טאַנטן. אויך אַ טייל דייטשישע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָבן זיך איינ־

געבראַכן און געלאָזט זיך איינשפּאַנען אין דינסט פון דער היטלעריסטי־שער לאַגער־פירונג.

אַ באַזונדערע גרופּע צווישן די דייטשישע תפיסהניקעס האָבן גע־בילדעט די ביבל־פאָרשער. בדרך כלל זענען זיי געווען ווייניקער ברוטאַלע מענטשן ווי דער רוב דייטשישע תפיסהניקעס. לפי רוב זענען דאָס געווען פרויען (דייטשקעס און צווישן זיי אויך עטלעכע פּאָלקעס), וואָס מען האָט זיי געבראַכט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער ראַווענסברוק קיין אָשוויענטשים אין חודש מאַי 1942. זיי פלעגן זיין תמיד פאַרטיפט אין תפילות און וויכו־חים איבער פּסוקים פון תנ"ך און נייעם טעסטאַמענט. ביים אַפּעל האָבן זיי נישט געוואָלט שטיין אויף „האַבט־אַכט" נאָר געזעסן, ווייל לויט זייער טעאָריע מעג מען שטיין נאָר פאַר גאָט און נישט פאַר מענטשן. מען פלעגט זיי דערפאַר שלאָגן מכות רצח, ביז טויט. אַ טייל האָט מען געשיקט אין די גאַזקאַמערן. אין יאָר 1943 איז דער קורס לגבי זיי געוואָרן מילדער. די איבערגעבליבענע 300־400 פרויען, מיטגלידער פון דער סעקטע, האָבן ס'רוב געאַרבעט ווי סאַניטאַרינס אין תפיסה־שפּיטאָל פונעם פרויען־לאַגער, אָדער זענען געווען איינגעאָרדנט אין די פּריוואַטע ווירטשאַפטן פון די ס. ס.־לייט ווי באַדינערינס אָדער ניאַנקעס. צווישן די לאַגער־דאָקומענטן פון אָשוויענטשים האָט זיך אָפּגעהיט אַן אינטערעסאַנטער בריוו פון גע־שטאַפּאָ און ס. ד. שעף ד"ר קאַלטענברונער צום ס"ס רייכספירער הימלער. קאַלטענברונערן האָט נישט געשמעקט דער מילדערער קורס לגבי די ביבל־פאָרשער. ער טרעט אַרויס אין דעם דאָזיקן בריוו קעגן אַ צו מילדער באַ־ציאונג צו די סעקטאַנטן אָדער קעגן באַפרייען זיי פון לאַגער. ער מאַכט אויפמערקזאַם הימלערן אויף דעם, אַז די ביבל־פאָרשער באַצייכענען אין זייערע נביאות און מיסטישע חזיונות היטלערן ווי דעם אַנטיכריסט, זאָגן פאָראויס אַ יום־הדין און דעם ענדגילטיקן זיג פון גאָט איבערן אַנטיכריסט. אַזעלכע נביאות — מאַכט קאַלטענבורנער דעם אויספיר, — צו וועלכע ס'הערט זיך בעיקר צו די דאָרפישע באַפעלקערונג, פאַרשפּרייטן אַ יאוש־שטימונג און ווירקן דעסטרוקטיוו. זיי, די ביבל־פאָרשער, דערגייען אין אַלע ווינקעלעך פון רייך דורך זייער שריפטלעכער פּראָפּאַגאַנדע און וואָס לענגער די מלחמה דויערט, אַלץ שטאַרקער ווערט די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע.

אין זייער פאָרליבע צו סעגרעגירן און נומערירן האָבן די דייטשן

געשאפן אַ גאַנצע תורה פון... ווינקלען אין לאַגערן. יעדער אַרעסטאַנט האָט געהאַט אויסגענייט אויף זיין בגד אויפן רעכטן ברוסט אַ דרייעק (ווינקל) וואָס האָט באַצייכנט זיין קאַטעגאָריע. אַ גרינעם ווינקל האָבן געהאַט די באַרופס־פאַרברעכער. אַ גרינער ווינקל מיט אַן אות „ס" האָט באַדייט שווער־פאַרברעכער (זיכערהייטס פערוואהרונג). אַ שוואַרצן ווינקל האָבן געהאַט „אַסאָציאַלע עלעמענטן", צ. ב. פּראָסטיטוטקעס, צוהעלטער, ציגיינער און „אַרבעטסשויע" עלעמענטן. אַ ראָזע ווינקל האָבן געטראָגן די האָמאָסעקסועלע. אַ וויאָלעטן ווינקל די ביבלפאָרשער, אַ ווייסן ווינקל האָבן געהאַט



די אָשוויענטשימער „אוניפאָרם" — פאסיאַקעס מיט דעם אַרעסטאַנטן־ווינקל און העפטלינגס־נומער אויף דער לינקער ברוסט

די גלחים, הגם טיילמאָל פלעגן זיי טראָגן אויך אַ רויטן ווינקל. דער רויטער ווינקל איז געווען פאַר פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. עס פלעגט זיך אָבער אויך טרעפן, אַז די נאַצים האָבן אָנגעטון אַ רויטן ווינקל געוועלעכע פאַרברעכער, וואָס האָבן געמאַכט פאַר זיי שפּיצלדינסט, כדי זיי אַזוי אַרום צו פאַרשאַפן פאַרטרויען צווישן די אַרעסטאַנטן. יידן האָט מען מכבד געווען מיט אַ געלן מגן־דוד, שפּעטער האָט מען דאָס פאַרביטן מיט אַ ווינקל מיט אַ געל פּאַסעקל פון אויבן. אין די ווינקלען זענען געווען אַריינגעשריבן איינצלנע אותיות וואָס האָבן אָנגעגעבן די נאַציאָנאַלע צוגעהעריקייט, למשל: „ר" (רוסן), „נ" (האָלענדער—נידערלענדער), „טש" (טשעכן)

א. אַ. וו. אַט אזוי האָט דער נאַצישער שעפערישער זשעני זיך פאַרמאָסטן צו אַ נייעם מעשה בראשית, צו שאַפן אַ נאַצישן „גן עדן" — „עם כל נפש חיה למינה". דאָס איז געווען די „נייע אָרדענונג" אין דעם „נייעם אייראָפּע".

אַ חוץ די ווינקל־קאַטעגאָריעס זענען נאָך געווען אַנדערע קאַטעגאָריעס, וואָס דער דייטשער געניוס האָט פאַר זיי נאָך קיין ווינקעלעך נישט אויסגעטראַכט. געווען אַ קאַטעגאָריע „שוצהעפטלינגע" (פּאָליטישע, על פּי רוב „אַריער"), וואָס מען האָט זיי קיינמאָל נישט געפירט צום טויט, אַ קאַטעגאָריע „ווערמאַכט־העפטלינגע" (דעזערטירן), „רויטשפּאַניער", „דערציאונגסהעפטלינגע", „פונקציאָנסהעפטלינגע" (ד. ה. די מיוחסים, „פּראָמינענטן", וואָס האָבן געהאַט פונקציעס אין לאַגער), „זאָנדערהעפטלינגע", וואָס האָבן פאַרדאַנקט זייער לעבן אַ באַזונדערן צופאַל אָדער קאַפּריז (למשל יידן וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון די דייטשע וואָפן־פאַבריקן אין סטאַראַכאָוויץ און בליזין האָט מען געלאָזט צייטווייליק לעבן, אַפילו קינדער, פרויען און זקנים), אָבער אַ גאַנץ משונהדיקע קאַטעגאָריע דאָס זענען געווען די „דעפּאָ־העפטלינגע". ווען מען האָט געבראַכט אַ יידישן טראַנספּאָרט, האָט מען גלייך אויף דער באַנסטאַציע אָפּגעטיילט דעם גרעסטן טייל צום גאַז. וואָס טוט מען אָבער ווען די גאַזקאַמערן זענען איבערפולט און קאָנען מער נישט אויפנעמען? האָט מען דעם איבערפליסיקן לעבעדיקן רוישטאָף דערווייל אַריינגעשטופּט ערגעץ אין אַ „דעפּאָ" (מאַגאַזין), ווו מען האָט אים געהאַלטן ביז די פּראָדוקציע האָט ווייטער געקאָנט גיין מיט „פול־דאַמף".

אָרדענונג מוז זיין!

6. אַ קורצע געשיכטע פון דער גרעסטער מתים־פאַבריק אויף דער וועלט

דעם אָשוויענטשימער לאַגער האָט מען אָנגעהויבן בויען פרילינג 1940. די ערשטע תפיסות האָט מען איינגעריכטעט אין 16 קליינע געביידעם אויף דעם טייל פון אָשוויענטשימער פאָרשטאָט זאַסאָלע, וואָס האָט



אָפּיציעלער דייטשער פּלאַן פון אוישוויץ 1 (שטאַמלאַגער). גאַנץ רעכטס, מחוץ די דראָטן
זעט מען אויף דעם פּלאַן די קרעמאַטאָריע נר. 1.

געהייסן אָושאַנקע. דאָס זענען געווען אַלטע מיליטער־קאַזאַרמעס. דאָס האָט אָבער קוים געסטאַיעט פאַר די ערשטע אַרעסטאַנטן. באַלד איז מען צוגעטרעטן צוצופּאַסן פאַר די תפיסה־צוועקן די ריזיקע פערד־שטאַלן. די דאָזיקע פערד־שטאַלן האָבן געבילדעט דעם לאַגער אוישוויץ 1 מיט זיינע 28 בלאָקן (באַראַקן), אין וועלכע ס׳איז געווען „פּלאַץ״ פאַר 18.000 (אין יאָר 1941) און שפּעטער ביז 30.000 מענטשן (אין יאָר 1943). דעם 20סטן מאַי 1940 האָט מען אַראָפּגעבראַכט די ערשטע גרופּע דייטשישע קרימינעלע פאַרברעכער, דרייסיק אין דער צאָל. שפּעטער האָט מען אַריינגעבראַכט נאָך אַ סך הונדערטער באַרופספאַרברעכער, די קרימינעלע פאַרברעכער האָבן געדאַרפט זיין דער אָרגאַניזאַטאָרישער קערן פון דעם לאַגער. זיי האָבן געבילדעט די קאַדרעס פאַר די לאַגער־קאַפּאָס, לאַגער־עלטעסטע, בלאָק־עלטעסטע, שטובן־עלטעסטע און פאָראַרבעטער. זיי האָבן געדאַרפט אָנפירן און „דרעסירן״ די איבעריקע אַרעסטאַנטן, איבערגעבן זיי דעם „גייסט״ פון די קאָנצלאַגערן און אויסלערנען זיי וויאַזוי צו אַרבעטן און זיך נוהג צו זיין. זיי זענען געווען די „פּראָמינענטן״, די סמעטענע פון לאַגער אין די אויגן פון די נאַציס, אויף זיי האָט זיך געשטיצט די אָרדענונג און דיסציפּלין אין לאַגער. מען האָט זיי געגעבן ספּעציעלע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי צו באַהאַנדלען די אַנדערע אַרעסטאַנטן. איבעריקנס זענען דאָס אַלץ געווען אַלטע תושבים פון דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערס, וואָס האָבן שוין באַקומען אומצאָליקע לעקציעס פון היטלעריסטישער אכזריות. דעם 15טן יוני 1940 איז געקומען דער ערשטער טראַנספּאָרט פון פּוילישע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

אין לאַגער האָבן זיך אין אָנהויב געפונען מענער: פּאָליטישע אַרעסטאַנטן פון פּוילן און אַנדערע לענדער, יידן פון אַלע אָקופּירטע אייראָפּעאישע לענדער און ציגיינער. די ערשטע גרעסערע טראַנספּאָרטן פרויען זענען געקומען ערשט מערץ 1942. צוערשט האָבן די דייטשן אַריינגעבראַכט אַן ערך 1.000 דייטשע פּראָסטיטוטקעס און פאַרברעכערינס פון ראַווענסברוק, וואָס האָבן געדאַרפט בילדן די פירער־קאַדרעס. באַלד אויפן צווייטן טאָג זענען אָנגעקומען טראַנספּאָרטן פון עטלעכע טויזנט יידישע פרויען פון סלאָוואַקיע (פאַר די שווערע אַרבעטן, ערד־אַרבעט), 1000 „אַרישע״ פּוילישע פרויען (צו דער אַרבעט אין קיך, אין גאָרטן וכדומה),

פראנצויזינס און יידישע פרויען פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער. נאָכן אויסברוך פון דער סאָוויעטיש־דייטשישער מלחמה האָבן אָנגעהויבן צו קומען אויך רוסישע געפאַנגענע און אין יאָר 1943 אין שייכות מיט דער עוואַקואַציע פון די באַדראָטע מזרח־געביטן האָבן דייטשן אָנגעהויבן



אָפיציעלער פּלאַן פון בירקענוי (בזשעזשינקע). גאַנץ לינקס דער בוי־אָפּשניט נר. 1 (פרויען־לאַגער), ווייטער דער אָפּשניט בי 2 (פאַר מענער). רעכטס דער נישט פאַרענדיקטער אָפּשניט בי 3 („מעקסיקע"). צווישן בי 1 און בי 2 די באַנליניע, וואָס פירט דירעקט צו די קרעמאַטאָריעס. רעכטס פון די קרעמאַטאָריעס די מאַגאַזינען (30 באַראַקן באַצייכנט „עפעקטנלאַגער"). אונטן רעכטס דער „הונדעצווינגער" 23

אהער צו טרייבן דערפערוויז די אוקראַאינישע און רוסישע באַפעלקערונג. אין יאָר 1943 זענען געקומען גרויסע טראַנספּאָרטן פון טערעזיענשטאַט (טשעכישע, עסטרייכישע און דייטשישע יידן) און עטלעכע צענדליקער טויזנט גריכישע יידן. אין יאָר 1944, נאָכן אָנהויב פון דער אינוואַזיע אויף מערב, האָט זיך דער לאַגער פאַרפולט מיט צענדליקער טויזנטער „אומ־לאַיאַלע״ קרבנות פונעם היטלעריסטישן טעראָר אין פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד. אין דער זעלבער צייט זענען אויך אָנגעקומען ריזיקע טראַנס־פּאָרטן פון אונגאַרישע יידן (עטלעכע הונדערט טויזנט). דער לעצטער גרויסער יידישער טראַנספּאָרט איז געווען דער פון די לאָדזשער יידן אין אויגוסט 1944 (וואַרשיינלעך 60.000 ביז 70 טויזנט). בכלל האָבן יידן פון אַלע לענדער געהאַט דעם גרעסטן חלק אין די אָשוויענטשימער טראַנספּאָרטן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אין לאַגער אָשוויענטשים האָט מען די אַרעסטאַנטן געפּייניקט און געהרגעט אויף אַלע מעגלעכע אופנים, איז דאָך דער לאַגער באַלד געווען זייער איבערפולט. שוין סוף 1941 איז מען צוגעטרעטן צו בויען דעם לאַגער אוישוויץ 2. אַן ערך דריי קילאָמעטער פון אוישוויץ 1 האָבן זיך געפונען גרויסע בלאָטעס לעבן דעם דערפל ראַיסקאָ. די דאָזיקע בלאָטעס האָט מען אָנגערופן בירקע־נוי (פּויליש — בזשעזשינקאַ). אויף די דאָזיקע בלאָטעס האָט מען אויפ־געשטעלט אַ ריזנלאַגער, וואָס האָט געקאָנט אַריינגעמען ביז 200.000 מענטשן. דעם דאָזיקן ריזנלאַגער האָבן די דייטשן איינגעטיילט אין עט־לעכע „בוי־אָפּשניטן״. עס איז געווען איין בוי־אָפּשניט, באַשטימט בלויז פאַר פרויען (פ. ק. ל. — פרויען קאָנצענטראַציע־לאַגער), אַ צווייטער אָפּשניט פאַר טשעכישע יידן (זיי האָבן געוווינט אין גאַנצע משפחות — דערפאַר האָט דער לאַגער געהייסן: פאַמיליען־לאַגער). אַן אַנדערער אָפּשניט דאָס איז געווען (אויך געווען אַ פאַמיליען־לאַגער) דער ציגיינער־לאַגער, אַ ווייטערער אָפּשניט דער קאַראַנטין, די בעדער, די באַראַקן פאַר קראַנקע (קראַנקען בוי־רעוויר), אַ צענטראַלער אָפּשניט בלויז פאַר מע־נער, מאַגאַזינען, א. א. וו. אַלע באַראַקן זענען געווען הילצערנע. אַ חוץ די הויפּט־אָפּשניטן ב׳־1 און ב׳־2 איז געווען נאָך אַ ריזיקער אָפּשניט ב׳־3, וווּ עס זענען געווען נאָך נישט פאַרענדיקטע, רויע באַראַקן. דאָרט

דער בוי־אָפּשניט ב׳ 2 אין בירקענוי (אַלגעמיינע פּאַנאָראַמע)



זענען געווען די וווינבאַדינגונגען ביז גאָר שלעכטע. דעם דאָזיקן אָפּשניט האָט מען גערופן „מעקסיקע". אין בירקענוי האָבן זיך אויך געפונען די נייע גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס. אין יאָר 1942 האָט בירקענוי אויסגעזען ווי אַ איין און איינציקער בלאָטע־מדבר, אָן שטעגן און אָן וועגן, אָן ברונעם־וואַסער און אָן קאַנאַליזאַציע. אוישוויץ 1 איז זייט דעמאָלט געוואָרן אַ „רעפּרעזענטאַציע־לאַגער, וווּ מען האָט אַרומגעפירט די „בעסטע געסט", וואָס זענען געקומען באַזוכן אוישוויץ.

נאָר געזונטע און שטאַרקע מענטשן זענען אימשטאַנד געווען אויסצוהאַלטן און צו אַרבעטן אין די שווידערלעכע באַדינגונגען פון לאַגער. און אַ רעכט צו לעבן אין לאַגער האָט געהאַט נאָר דער, וואָס האָט געאַרבעט. אַלע אַנדערע האָבן געמוזט אומקומען. צו דעם האָט מען זיי צוגעהאָלפן אויף כלערליי אופנים. מענטשן זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער, קראַנקהייטן, עפּידעמיעס, געפאַלן פון די כוחות צוליב דער שווערער אַרבעט און „ספּאָרט". מער עקשנותדיקע, וויטאַלע יחידים האָט מען ליקווידירט דורך שמייסן אָדער אַנדערע צוגעטראַכטע עינויים. מען האָט זיי געהרגעט מיט שטעקנס, געשאָסן, געהאָנגען, געשטיקט, געברענט. זינט דער קאָמענדאַנט פון לאַגער, אָבערשטורמבאַנפירער ליבענהענשעל האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל וועגן באַצאָלן די ס. ס.־לייט צו זעכציק מאַרק באַלוינונג פאַר דערשיסן אַן אַרעסטאַנט בעת אַ פּרווו צו אַנטלויפן, איז דאָס שיסן געוואָרן נישט בלויז אַ באַליבטער ספּאָרט, נאָר אַ גאַנץ געווענלעכער פּרנסה־קוואַל. אָבער דאָס אַלץ האָט נאָך די דייטשן נישט באַפרידיקט. דער דאָזיקער „נאַטירלעכער" פּראָצעס פון אויסשטאַרבן האָט פאַר זיי נאָך אַלץ צו לאַנג געדויערט. מען האָט דעריבער גענומען צוטראַכטן און אָנווענדן מער ווירקזאַמע מעטאָדן פון מאַסן־מאָרדן. דאַכט זיך, אַז דער ערשטער אויפטו אויף דעם געביט איז געווען דער מעטאָד פון איינשפּריצן אין האַרץ־מוסקעל פענאָל אָדער קאַרבאָל־זויערקייט*). דער דערפינדער פון דעם מעטאָד זאָל זיין אַ לאַגער־דאָקטאָר, ס. ס.־אָבערשטורמפירער ענדרעס פון פּויזן. דריי אָדער פיר מאָל אין דער וואָך האָט מען צונויפגעזאַמלט די קראַנקע פון גאַנצן לאַגער, דער עיקר יידן און

*) פּרעפּאַראַט BE 1034.

פּאָליאַקן — כלומרשט כדי צו מאַכן איינשפּריצונגען. מען האָט זיי נאָ־קעט אויסגעטון און איינגעשפּריצט פענאָל צוערשט אין די אָדערן און דאַן אין הארצמוסקעל. אין הארץ האָט מען אריינגעשפּריצט 10 ביז 12 צ"מ 30־פּראָצענטיקן פענאָל. אין אָשוויענטשים א' פלעגט דאָס פּאָרקו־מען אין 28סטן אָדער אין 20סטן בלאָק. אין לאַגער־זשאַרגאָן האָט מען דעם מין הרגענען אַ נאָמען געגעבן „שפּילעווען"*). ווי אַזוי ס'זענען פּאָר־געקומען די דאָזיקע עקזעקוציעס דערציילט אַ געוו. ארעסטאַנטקע פון אָשוויענטשים י. סאָסנאָווסקאַ, מיטגליד פון פּראָפ. מוזיקער־פאַראיין אין קראָקע. זי האָט דעמאָלט געאַרבעט אין דעמזעלבן בלאָק און פון דער אַמ־בולאַטאָריע, ווו מען האָט דורכגעפירט די אָפּעראַציעס, האָט איר אָפּגע־טיילט בלויז אַ דין װענטל. דער סאַניטאַר האָט איינציקווייז אריינגענומען די קרבנות אין אַמבולאַטאָריע. דורכן דינעם ווענטל האָט זיך געלאָזט הערן יללות, פון וועלכע דאָס בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן, און אויסגעשרייען ווי: „דו מערדער, דו האָסט דאָך אויך אַ ווייב מיט קינדער". נאָכדעם האָט זיך געהערט אַ ווייגעשריי אין מאָמענט פון אריינשטעכן די נאָדל און אַ בהדרגהדיק אנטשטומט ווערנדיקער קרעכץ פון אַ גוסס. צום סוף אַ שטילע קאָמאַנדע: „לייכענקאָמאַנדאָ!" און דעם מת האָט מען אָפּגערוימט. מיט דעם דאָזיקן טויט זענען אין לאַגער אומ־געקומען כמעט אַלע מעוברתדיקע פרויען.

די תלינים, וואָס האָבן דורכגעפירט די איינשפּריצונגען, זענען גע־ווען די אבערשאַרפירער יוזעף קלער און הערבערט שערפע. מיט דער צייט האָבן זייער אָרט פאַרנומען אויסגעשולטע ארעסטאַנטן, דער פאָלקס־דייטש, אַ געוו. פּוילישער אָפיציר שטעסל, וואָס האָט אויף זיין געוויסן 10.000 פענאָל־מאָרדן, מיעטשיסלאַוו פּאַנשטשיק, אַ געוו. שילער פון דער קונסט־אַקאַדעמיע (12.000 קרבנות) און נאָך אַ פאָלקס־דייטש מיעטשיסלאַוו שימקאָוויאַק. דער דאָזיקער מעטאָד פון אומברענגען איז נאָך געווען אָנ־געווענדעט פרילינג 1943, ווען מען האָט געבראַכט צו די איינשפּריצונגען אַ טראַנספּאָרט קינדער, יידישע, פּוילישע און רוסישע, אין עלטער ביז 16 יאָר. אַפילו אַזאַ תלין ווי שימקאָוויאַק האָט זיך דעמאָלט אָפּגעזאָגט

*) פון לשון שפּילע, שפּילקע — אַ לאַנגע נאָדל.

אויסצופירן די דאָזיקע בלוטיקע מלאכה. די איינשפּריצונגען האָבן גע־מוזט מאַכן ס. ס.־לייט אַליין. אין אַ צייט אַרום איז דאָס הרגענען דורך איינשפּריצונגען אָפּגעשאַפט געוואָרן דורך דעם פאַרפולקאָמטן סיס־טעם, דעם לעצטן „מאָדע־געשריי" פון דער דייטשישער „פאַרניכטונגס־וויסנשאַפט" — גאַזעווען און פאַרברענען.

דער פּראָיעקט פון מאַסנווייז גאַזירן איז אויפגעקומען אין די פאַר־ברעכערישע היטלעריסטישע מוחות גלייך ביים גרינדן דעם אָשוויענטשי־מער לאַגער. דער אונטערשטורמפירער אולמער האָט פאַרגעלייגט אַ גענוי באַאַרבעטן פּראָיעקט פון אַ ריזיקער קרעמאַטאָריע פאַרבונדן מיט גאַז־רערן. אין דערזעלבער צייט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אָנווענדן דעם סיסטעם פון גאַזירן מענטשן אויף די דעראָבערטע געביטן פון ראַטן־פאַרבאַנד. אין אָשוויענטשים איז דער פּראָיעקט רעאַליזירט געוואָרן אין־מיטן סעפּטעמבער 1941. פאַרשיכורט פון זייערע בליצשנעלע נצחונות אין מזרח, זענען די דייטשן דעמאָלט אַרויס פון די כלים. זיכער, אַז זיי האָבן שוין זייער ענדגילטיקן זיג אין דער האַנט, האָבן זיי זיך אינגאַנצן אויפגעהערט צו רעכענען מיט דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט און מיט דער מעגלעכקייט צו באַקומען אַ שטראָף פאַר זייערע מעשים. זיי האָבן אָנגעהויבן אָפן, בפני כל עם ועדה, אין דער פּרעסע, אין ראַדיאָ, ווי אויך אין די דערקלערונגען פון פּאַרטיי־ און רעגירונגס־פאַרשטייער אָנזאָגן די ראַדיקאַלע און ענדגילטיקע לייזונג פון דער „יידן־פראַגע", די אומברחמנותדיקע אויסראָטונג פון „אַסאָציאַלע" און „אומלעגאַלע" עלעמענטן, וואָס ווילן נישט מיטאַרבעטן ביי דער אויפבויאונג פון דער „נייער אָרדענונג". מען האָט אויך געגעבן געפערלעכע אָנצוהערענישן וועגן איבעריקע און אומנוציקע „ברויט־עסער", ווי למשל די נישט־אַרבע־טנדיקע אָדער אַרבעט־אומפעאיקע עלעמענטן פון דער „איינגעבוירענער באַפעלקערונג". אין דער לופט האָט שוין געהאָנגען אַ רמז אויף דער שחיטה פון מיליאָנען אייראָפּעאישער באַפעלקערונג.

דעם אויבנאָן אין דער אַקציע איז באַשערט געוואָרן צו פאַרנעמען אָשוויענטשים.

ס'איז נאָך אין איצטיקן מאָמענט שווער פעסטצושטעלן, ווער ס'איז דער פאָטער פון וואַנזיניקן און פאַרברעכערישן געדאַנק פון מאַסנווייז־

אומברענגען מיליאָנען מענטשן דורך גאַז. עס לאָזט זיך אָבער פעסטשטעלן דער צוזאַמענהאַנג צווישן געוויסע פאַקטן און פערזאָנען.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט דעם אונטערשטורמפירער אולמער. ער איז אָבער בלויז אַ קליין פישעלע, אַ טרייער תּלמיד, וואָס האַנדלט אין גייסט פון דער אידעאָלאָגיע, וועלכע מ׳האָט אים זינט יאָרן אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ. ביי אונדזער׳ע ווייטערדיקע באַטראַכטונגען וועלן מיר זיך נאָך אָנשטויסן אויף די קאַרפּן־קעפּ, וועלכע האָבן געשאַפן, פאַרשפּרייט און באַפוילן צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידעאָלאָגיע.

דער ערשטער פּרווו צו גאַזירן מענטשן איז פאָרגעקומען דעם 15טן סעפּטעמבער 1941 אין בלאָק נר. 11 אין אַ דאָרטיקן קעלער־בונקער. צום „עקספּערימענט” האָט מען באַנוצט עטלעכע הונדערט רוסישע קריגסגעפאַנגענע (פון 600 ־ 700 מענטשן) און אַן ערך 250 קראַנקע אַרעסטאַנטן, וועלכע מען האָט אַרויסגענומען פון שפּיטאָל. נאָך אין דעמזעלבן יאָר האָט מען איינגעפירט די ערשטע שטענדיקע גאַז־אינסטאַלאַציעס אין צוויי פויערישע שטיבלעך אין בזשעזשינקי (בירקענאַו). די גופים פון די פאַרגאַזירטע האָט מען פאַרגראָבן אין שכנות פון די שטיבלעך. פרילינג 1942 האָבן די מתים אָנגעהויבן צו פוילן און שטאַרק פאַרפּעסטען די לופט, דעמאָלט איז געוואָרן זייער אַקטועל די פראַגע ווי אַזוי אין אַ שנעלן טעמפּאָ צו פאַרברענען די מתים. די ערשטע, נישט קיין גרויסע. קרעמאַטאָריע נר. 1 איז אַנטשטאַנען אין אָשוויענטשים א׳ נאָך אין יאָר .1940

מען האָט זי איבערגעבויט פון אַן אַלטן געוועזענעם עסטרייכישן (נאָך פון פאַר 1918 יאָר) אַמוניציע־בונקער. דאָרט זענען געווען דריי אויוונס מיט 6 רעטאָרטן (אין יעדן אויוון 2 רעטאָרטן). די דאָזיקע קרעמאַטאָריע האָט געקאָנט פאַרברענען אין איין טאָג „נאָר” 300 מענטשן. שפּעטער האָט מען ביי דער קרעמאַטאָריע אינסטאַלירט אַ גאַזקאַמער, אַ באַשיידענע, בלויז מיט 65 קוואַדראַט־מעטער.

דאָס איז נאָך אָבער אַלץ געווען אַן אימפּראָוויזאַציע אין אַ קליינעם מאַסשטאַב. צו קליינע השגות פאַר דער „דינאַמישקייט” פון דריטן רייך!

איצט האָט זיך אָבער מיטן אומגעהויער וויכטיקן מלוכה־ענין פאַראינטערעסירט דער „רייכס־פירער פון דער ס. ס. און דער פּאָליציי־שעף

היינריך הימלער אַליין. דער שעף פון דער דייטשישער פּאָליציי האָט באַזוכט כמעט אַלע גרעסערע קאָנצענטראַציע־לאַגערס אין פּוילן. ער איז געווען אין טרעבלינקע, סאָביבאָר, מאַידאַנעק, אין לעמבערגער לאַגער אויף יאַנאָווסקע גאַס, אָשוויענטשים און אַנד. קלאָר, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין העפלעכקייט־וויזיטן. זיי האָבן געגעבן ממשותדיקע, בלוטיקע פּרות.

הימלער האָט באַזוכט אָשוויענטשים דעם 17 יולי 1942. דעם גרויסן יום טוב האָבן די ס. ס.־לייט געפייערט מיט באַזונדערע אַטראַקציעס. מען האָט אויסגעקליבן 25 יידישע פרויען, געהייסן זיי דעפּילירן נאַקעטערהייט פאַר דעם „רייכספירער" און דערביי געשלאָגן זיי מכות רצח.

מען האָט אין זיינע אויגן אויפגעהאָנגען עטלעכע פּאָליאַקן. מען האָט צו אים געפירט עטלעכע דייטשע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס האָבן זיך אַ וואָרף געטון קושן זיינע פיס און געשוווירן אייביקע טרייהייט דעם דריטן רייך.

תיכף נאָך זיין באַזוך אין אָשוויענטשים האָט מען אין אַ פיבערהאַפטן טעמפּאָ אָנגעהויבן צו בויען צוויי קאָלאָסאַלע קרעמאַטאָריעס נר. 2 און 3, פאַרבונדן מיט גאַז־אינסטאַלאַציעס אין בירקענוי. הימלערן האָט דאָס טעמפּאָ נישט באַפרידיקט. אין לאַגער זענען אויסגעפונען געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן דער „אויסערגעוועגלעכער סאָוויעטישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע" אייניקע בריוו מיט הימלערס חתימה צו דער אָנפירערשאַפט פון לאַגער, אין וועלכע ער פאָדערט ווי אַמגיכסטן צו פאַרענדיקן די בוי־אַרבעט פון די קרעמאַטאָריעס און גאַז־קאַמערן. פאַקטיש האָט מען טאַקע ביז פרילינג 1943 פאַרענדיקט די קרעמאַטאָריעס ב' און ג' און אין דעמזעלבן יאָר האָבן זיי אָנגעהויבן זייער „פּראָדוקציע".

מיר האָלטן פאַר נויטיק אויף דעם אָרט איבערצודרוקן אַ קאָמוניקע פון וואַשינגטאָנער אַמט פאַר פּליטים־ענינים וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דער פּוילישער פּראָקוראַטור פון ספּעציעלן געריכט אין לובלין (פאָרגעלייענט אין פערטן טאָג פון די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען, דעם 20סטן נאָוועמבער 1944 און ציטירט אין דער בראָשור „מיידאַנעק".

הימלער באַזוכט אָשוויענטשים

פאַרהאַנדלונגען פאַרן שטראָף־געריכט אין לובלין, פאַרלאַג טשיטעל־ניק 1945, ז. 66).

„אויף דער חנוכת־הבית פון די קרעמאַטאָריעס זענען געקומען הויכע געסט פון בערלין. לכבוד די געסט האָט מען צוגעגרייט א פּראָגראַם, וואָס איז באַשטאַנען פון סמען און פאַרברענען אַכט טויזנט קראָקעווער יידן. די געסט, הן מיליטערישע, הן ציווילע האָבן זיך צוגעקוקט צום גאַנצן פּראָצעס פון סמען און פאַרברענען דורך א ספּעציעלן פענצטערל און זענען פון די רעזולטאַטן געווען זייער צופרידן. דער לאַגער־אָנפירערשאַפט האָבן זיי אויסגעדריקט אַנערקענונג און נישט געקאַרגט קיין שבחים.״

אויך שפּעטער פלעגן קומען קיין אָשוויענטים פאַרשידענע הויכע דייטשישע געסט, בפרט פון ס״ס און געשטאַפּאָ (צווישן זיי אויך הימלער) אָנקוקן און הנאה האָבן פונעם מאָרדן. עס פלעגן אויך קומען פאָטאָגראַפן, וואָס פלעגן מאַכן אויפנאַמעס פון די „ציגעלניעס״, אָדער „בעקערייען״ ווי זיי האָבן אָנגערופן די קרעמאַטאָריעס (זכרונות פונעם טשעכישן אָש־וויענטשימער ארעסטאַנט י. לאַניק).

די מתים־פּראָדוקציע האָט זיך אויף אַזא אופן גלענצנד אַנטוויקלט און אינגיכן זענעןביידע נייע קרעמאַטאָריעס נישט געווען בכוח אויסצופירן אַלע באַשטעלונגען. מחמת דעם האָט מען אין 1943 אויסגעבויט — אויך אין בזשעזשינקע — נאָך צוויי קרעמאַטאָריעס נר. 4 און 5. נאָך מער מאָדערנע און פאַרפולקאָמטע פון די פריערדיקע.

דעם בוי פון די קרעמאַטאָריעס ב׳ און ג׳ האָט איבערגענומען די פירמע „י. א. טאָפּף און זון״ אין ערפורט, דרייזעשטר. 7־9, וועלכע האָט זיך מתחייב געווען פאַרענדיקן די אַרבעט דעם 10טן אַפּריל 1943. אין אויפטראַג פון דער פירמע „טאָפּף עט זון״ האָט מיט די בוי־אַרבעטן אָנגעפירט דער דייטשער אַבעראינזשיניער פּריפער.

דער בוי פון די דאָזיקע ריזיקע און מאָדערנע מענטשן־פאַרניכ־טונגס־פאַבריקן איז געוואָרן פינאַנצירט דורך דער דייטשער רייכסבאַנק. אין נירנבערגער פּראָצעס האָט (אין מאַי 1946) דער עדות עמיל פּוהל,

וויצע־פּרעזידענט פון דער דייטשישער רייכסבאַנק מיטגעטיילט, אַז במשך פון דריי יאָר האָט די רייכסבאַנק אַסיגנירט אַן ערך 10 ביז 12 מיליאָן מאַרק פאַר דער ס"ס, כדי צו בויען קרעמאַטאָריעס אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דעם העכסטן פּונקט האָט דערגרייכט די „פּראָדוקציע" זומער 1944. דעם 28סטן יוני איז געווען אַ רעקאָרד־טאָג. אין דעם טאָג זענען פאַרגאַזירט און פאַרברענט געוואָרן 24.000 מענטשן. אויב מיר וועלן נעמען אין באַטראַכט, אַז די דורכשניטלעכע אויסגיביקייט פון דער מתים־פאַבריק (מיר נעמען בלויז אין באַטראַכט גאַזירן און פאַרברענען און נישט די אַנדערע אָשוויענטשימער מאָרד־מעטאָדן, וואָס האָבן נישט געטראָגן אַזאַ מאַסן־כאַראַקטער) האָט באַטראָפן בלויז 15 - 20 טויזנט טעגלעך, וועלן מיר באַקומען אַן אימפּאָזאַנטע ציפער פון 4,5 ביז 7 מיליאָן יערלעכער פּראָדוקציע־מעגלעכקייט. די דאָזיקע גרויס־פאַרמאָסטענע אינדוסטריע האָט זיך אָבער איינגיכן געמוזט אָפּשטעלן. שולדיק אין דעם זענען געווען די אַליאירטע און די רוסישע אַרמייען. אַזאַ גוט געשעפט (וועגן דער קאָמערציעלער זייט פון דער אונטערנעמונג וועט אונדז נאָך אויסקומען צו רעדן) ווי די ייִנגסטע אָבער וואַגיקסטע צווייג פון דער דייטשער אינדוסטריע האָט געמאַכט פּליטה.

דעם 2־טן נאָוועמבער 1944 קומט אַ באַפעל פון בערלין, מען זאָל אָפּשטעלן די אַרבעט. דעם 4־טן נאָוועמבער נעמען זיך די דייטשן בחפזון צום דעמאָנטירן די קרעמאַטאָריע־איינריכטונגען, דעמאָלירן די בנינים, פאַרווישן די שפּורן פון זייער פאַרברעכערישקייט. גלייכצייטיק טרעטן זיי צו צו פאַרברענען אַלע אַקטן און דאָקומענטן.

דאָס האָט זיך זיי אָבער נישט איינגאַנצן איינגעגעבן.

ס'איז פאַראַן אַ שיינע באַלאַדע פון אַ דייטשישן פּאָעט אַדאַלבערט פאָן שאַמיססאָ: „די זאַנע ברינגט עס אַן דען טאַג". דער מחבר האָט זייער טרעפלעך אויפגעכאַפּט די אומברחמנותדיקע, אייזערנע קאָנסעקווענץ, מיט וועלכער נעמעזיס, די געטין פון נקמה און גערעכטיקייט, ברענגט אַרויס אויף דער העלער שיין די פאַרבאָרגנסטע און פאַרהוילנסטע פאַרברעכנס. דאָס פאַלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן שאַמיססאָ, האָט משמעות

פאַרגעסן וועגן דעם ליד פון זיין פּאָעט — אָבער די נעמעוזים פון דער געשיכטע האָט נישט פאַרגעסן וועגן די דייטשן.

דאָס העלע טאָג־ליכט פון דער נייער תקופה אַנטפּלעקט אַלץ נייע און נייע פאַרברעכנס, וואָס זענען אָפּגעטון געוואָרן אין דער פינצטערער נאַכט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן די דייטשן צו פאַרניכטן אַלע אַקטן. ס'איז זיי נישט געלונגען אָפּצווישן פון דער ערדפלאַך דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון אָשוויענטשימער גיהנום. ס'האָט זיך זיי אויך נישט איינגעגעבן אויסצוהרגענען אַלע קרבנות, קעגן וועלכע עס זענען געווען גערי‏כטעט זייערע פאַרברעכנס.

איבער פינף טויזנט עדות פון די פאַרברעכנס זענען ניצול געוואָרן פון אָשוויענטשימער גיהנום און זיי זענען דאָס אַ לעבעדיקער באַווייז פאַר די גרעסטע פאַרברעכנס, וואָס די מענטשלעכע געשיכטע האָט צו פאַרציי‏כענען און אַן איביקער שאַנד־דענקמאָל פאַרן דייטשישן פאָלק.

7. ווי אַזוי אָשוויענטשים האָט מקבל פּנים געווען זיינע געסט

שוין די רייזע קיין אָשוויענטשים איז געווען אַ מין צוגרייטונגס־קורס צו דער שווערער ראָל פון אַן אָשוויענטשימער אַרעסטאַנט. דערביי מוז מען באַמערקן, אַז די טראַנספּאָרטן פון מערב און דרום (ד. ה. פון די לאַטייניש לענדער, פון דייטשלאַנד, אונגאַרן, גריכנלאַנד), האָבן אויסגעזען גאַנץ אַנדערש ווי די טראַנספּאָרטן פון פּוילן און אַנדערע מזרח־לענדער. פון מערב איז מען געקומען צו פאָרן אין מער ווייניקער לייטישע באַדינגונגען. עס איז נאָך אָפּגעהיט געוואָרן דער דרויסנדיקער אָנשטעל פון אַן אַרויספאָר אויף אַרבעט, מיטן צוועק צו קאָלאָניזירן די מזרח־געביטן א. א. וו. דאָס אַלץ האָבן די דייטשן איינגערעדט זייערע קרבנות. פון די מערב־לענדער איז מען געפאָרן מיט וואַליזעס, אָנגעפּאַקטע מיט כל־טוב, יעדער האָט מיטגענומען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין דעם נייעם גן־עדן. אָבער די רייזע־באַדינגונגען גופא האָבן שוין געקענט דערוועקן אַ חשד, אַז ס'איז דאָ עפּעס

בישט אזוי גלאטיק. געפאָרן איז מען אין איבערגעפולטע משא־וואַגאָנען אָן עסן, גאַנץ אָפט אָן אַ טראָפּן וואַסער. דערפאַר האָט אָבער דאָס קומען קיין אָשוויענטשים באַזייטיקט יעדע אילוזיע ביי די געסט, סיי פון מערב און סיי פון מזרח.

דער ווילנער דאָקטאָר יעקב גאָרדאָן, געוועזענער אָשוויענטשימער ארעסטאַנט נר. 92627, באַשרייבט זיין רייזע און אָנקומען אין אָשוויענטשים: „די ליקווידאַציע פון געטאָ אין גראָדנע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19־טן יאַנואַר 1943 און האָט געדויערט 5 טעג. דעם 21סטן זענען צו מיר אריין אין שטוב דייטשישע זשאַנדאַרמען און אַרויסגעטריבן מיך מיט מיין משפחה אין גאַס. דאָרט האָט זיך שוין געפונען אַ גרעסערע גרופּע יידן. אויף דער גאַס איז געלעגן אַ גרויסע צאָל קערפּערס פון מענער פרויען און קינדער, וואָס די דייטשן האָבן דערשאָסן. מען האָט אונדז אריינגעפירט אין גרויסן בנין פון אַ סינאַגאָגע, וווּ ס'האָבן זיך שוין געפונען אַ פּאָר טויזנט מענטשן. נאָך אַ קורצער צייט האָט מען אונדז פון דאָרט אַרויסגעפירט, אויסגעשטעלט אין רייען צו פינף מאַן און אונטער אַ שטאַרקער שמירה געטריבן צו דער סטאַנציע לאָסאָשנע, וווּ ס'האָט אונדז שוין אָפּגעוואַרט אַ צוג פון בערך 35 לאַסט־וואַגאָנען. צו 120 פּאַרשוין האָט מען אונדז פאַרשפּאַרט אין אַ וואַגאָן. ס'איז געווען אַזוי ענג, אַז בלויז אַ טייל האָט געקענט זיצן, די איבעריקע האָבן געמוזט שטיין. אין וואַגאָן האָבן מיר געפונען עטלעכע לאַבן ברויט און אַ ביסל וווּרשט, צו האַלבן קילאָ ברויט און 25 גראַם וווּרשט אויף אַ מענטש. וואַסער דאַקעגן איז נישט געווען און פון דורשט האָבן מיר שטאַרק געליטן. די דייטשישע קאָנוואָיענטן האָבן געשאָסן צו די פענצטערס, וואָס האָבן אונדז דערלאַנגט אָדער געוואָלט דערלאַנגען וואַסער אָדער שניי.

דעם 22סטן יאַנואַר פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין אָשוויענטשים. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ראַמפּע פון בזשעזשינקע. ווילדע געשרייען Raus! los! schneller! (ארויס! גיכער!) און מורא־דיקע קלעפּ האָבן אונדז געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די וואַגאָנען. דאָס גאַנצע געפּעק האָבן מיר געמוזט איבערלאָזן אויפן אָרט. אַלע אָנגעקומענע האָט מען אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס און בליצשנעל פאַרטיילט אין פיר גרופּעס: גרופּע א', יונגע, געזונטע מענער, צוגעטיילט צו אַרבעט אין לאַ־

גער; גרופּע ב', יונגע מיידלעך פון 16־20 יאָר, צוגעטיילט צו אַרבעט אין פרויען־לאַגער. גרופּע ג' צו יונגע אָדער צו אַלטע מענער; גרופּע ד' פרויען עלטערע אָדער פרויען מיט קינדער. אונדזער טראַנספּאָרט האָט געציילט 3350 מאַן, פון דעם זענען אריינגעפאַלן אין דער גרופּע א' 265 פּערזאָן, אין דער גרופּע ב' 80, די איבעריקע העכער דריי טויזנט נפשות האָט מען געלאָדן אויף אויטאָס און אַוועקגעפירט, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, אין קרעמאַטאָריע, וווּ מ'האָט זיי דערשטיקט מיט גאַז און פאַרברענט. צווישן זיי זענען געווען מיין פרוי, מיין פאָטער און מוטער. איך מיט מיין ברודער זענען אָנגעקומען אין לאַגער."

וואָס שייך יידישע טראַנספּאָרטן, איז באַלד ביי דער ערשטער סעלעקציע 60־90 פּראָצענט אָפּגעשיקט געוואָרן צום גאַז. אַנדערש איז געווען מיט די „אַרישע" טראַנספּאָרטן. דער רוב פון זיי איז אָן אַ סעלעקציע בשלמות אָנגעקומען אין לאַגער. אַ גאַנצע ריי „אַרישע" טראַנספּאָרטן פלעגן אָבער אויך אַמאָל גיין צום גאַז. וואַרשיינלעך איז דאָס געווען חל אויף ספּעציעל „שווערע פאַרברעכער" פון דייטשישן קוקווינקל. אַזוי אַרום זענען געשיקט געוואָרן גאַנצע טראַנספּאָרטן פּאָליאַקן, רוסן, פראַנצויזן, גריכן, יוגאָסלאַוון, ציגיינער און אַנד. אויך מאַנכע יידישע טראַנספּאָרטן זענען אָן שום סעלעקציע געשיקט געוואָרן צום גאַז גאַנצערהייט.

סטאַטיסטישע דאַטעס, וואָס אילוסטרירן אין אַ געוויסער מאָס דעם פּראָצענט לעבן־געבליבענע בעת דער ערשטער סעלעקציע אויף דער אָשוויענטשימער באַן־ראַמפּע, באַזיצן מיר גאַנץ קנאַפּע, צופעליקע און נאָר פּאָר אייניקע לאַגער־אָפּשניטן, אַזוי למשל האָבן מיר גענויע ציפערן וועגן די לעבן־געבליבענע און פאַרגאַזירטע פון די פּאָר טראַנספּאָרטן אין בלאָק B.II.a. (קאַראַנטין).

אין די קאַראַנטין־באַראַקן האָט געאַרבעט ווי אַ סאַניטאַר און שרייבער אַן עסטרייכישער ייד דר. אָטטאָ וואָלקען פון סאַנקט־פּעלטען, אַרעסטאַנט נר. 128828. איינשטעלנדיק זיין לעבן, פלעגט ער ביינאַכט איבערשרייבן די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן בנוגע פּערזאָנען, וואָס זענען ביי־טאָג דורכגעגאַנגען דורך זיין בלאָק, און אויף דעם אופן האָט ער אָנגעהויפט אין משך פון זיין אָשוויענטשימער קנעכטשאַפט אַן אומגעהויער־וווערטפולן דאָקומענטן־מאַטעריאַל. אויב מיר ווילן זיך באַקענען מיט רע־

אָשוויענטשים

זולטאַטן פון סעלעקציעס, איז גענוג בלויז צו וואַרפן אַ בליק אויף דער רשימה פאַר דער צייט פון 21 אָקטאָבער 1943 ביז דעם 30 אָקטאָבער 1944, אין וועלכער ד"ר וואָלקען האָט אַריינגעלייגט אַ סך מי און אַרבעט. די ציפערן האָט ד"ר וואָלקען פעסטגעשטעלט אויפן סמך פון אינפאָרמאַציעס, וואָס ער האָט געזאַמלט ביי די אַרעסטאַנטן, וועלכע די דייטשן האָבן, נאָך דער סעלעקציע און פאַרגאַזירן די איבעריקע, איינקוואַרטירט אין די קאַראַנטין־באַראַקן. צוליב זיין אַמטלעכער שטעלונג האָט דר. וואָלקען געהאַט מיט זיי אַ טעגלעכן מגע ומשא. אין וואָלקענס צעטל פעלן דעריבער די טראַנספּאָרטן, וואָס זענען גאַנצערהייט געגאַנגען צום גאַז און פון וועלכע קיין שריד ופליט איז נישט איבערגעבליבן, און במילא ניט געקומען אין קאַראַנטין. ד"ר וואָלקענס רשימה נעמט אַרום בלויז מענער, ווייל פרויען פלעגט מען שיקן אין פרויען־לאַגער (פ. ק. ל.), פון וואַנען ער האָט קיין דאַטעס נישט געהאַט און נישט געקענט האָבן. דער סך־הכל פון ד"ר וואָלקענס סטאַטיסטיק איז דער, אַז פון די אָנגעקומענע אין דעם דערמאָנטן פּעריאָד אויף דער ראַמפּע אין בזשעזשינקע 31.941 מענער־יידן, זענען געקומען אין קאַראַנטין־באַראַק B.II.a. בלויז 7.253 מאַן, ד. ה. ביי 22 פּראָצענט, די איבעריקע 24.888 מענער האָבן געהאַט אַ קורצן וועג: פון ראַמפּע צום גאַז. די דאָזיקע ציפערן בילדן, פאַרשטייט זיך, נאָר אַ קליינעם ברוכטייל אין דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע פון אָשוויענטשימער מאָרד־קאָמבינאַט.

מיר נעמען אַרויס פון ד"ר וואָלקענס רשימע אייניקע צופעליקע פּאָזיציעס לשם אילוסטראַציע :

פון וואַנען האָט מען געבראַכט די יידן לאַנד אָרט	ווען געקומען	וויפל געבליבן	וויפל פאַרגאַזירט
האָלאַנד, וועסטערבורג	21.10.1943	547	1.116
איטאַליע, רוים	22.10.1943	149	468
פּוילן, שאָפּיעניעץ	28.10.1943	463	1.379
לאַטוויע, ריגע	4.11.1943	120	476
פּוילן, טשעבינע	6.11.1943	463	2.889

האָלאַנד, וועסטערבורג	18.11.1943	243	778
האָלאַנד, וועסטערבורג	19.11.1943	275	782
פּוילן, שטוטהאָף	18.12.1943	92	314
פּוילן, שטוטהאָף	13. 1.1944	119	386
האָלאַנד, וועסטערבורג	10. 2.1944	141	581
עסטאָניע, נאַרווע	24. 3.1944	24	86
עסטרייך, ווין	26. 2.1944	4	37
האָלאַנד, וועסטערבורג	5. 3.1944	179	598
איטאַליע, טריעסט	4. 4.1944	24	86
גריכנלאַנד, אַטען	13 4.1944	320	1.067
דייטשלאַנד, האַנאָווער	22. 5.1944	19	96
גריכנלאַנד, קאָרפו, אַטען	22 .6.1944	446	1.423
איטאַליע, קאַפּרי	1. 7.1944	180	582
קראָאַציע, אַ זאַמל־טראַנספּאָרט	26 .7.1944	2	9
פּוילן, דעמביצע, פּוסטקאָוו	28. 7.1944	463	1.232
גריכנלאַנד, ראָדאָס	17. 8.1944	346	1.202
פּוילן, לאָדזש	22. 8.1944	61	1.202
פראַנקרייך, ליאָן	7. 9.1944	32	71
אונגאַרן, בודאַפּעשט	20. 9.1944	18	79
איטאַליע, באָלצאַנאָ	28.10.1944	59	137
טשעכיע, טערעסין	30.10.1944	216	732

אַן ענלעך בילד, ווי פון ד"ר וואָלקענס רשימה, מאָלן אונדז אויך אַנדערע עדות פון דער אָשוויענטשימער טראַגעדיע.

דוד סורעס פון סאַלאָניקי האָט דערקלערט פאַר דער סאָוויעטישער מלוכהשער קאָמיסיע: „כ'בין געקומען קיין אָשוויענטשים אין יוני 1944. אין צוג איז געווען איבער 2.500 פּערזאָן. 300 פון זיי האָט מען געשיקט אין לאַגער, די איבעריקע — צום גאַז."

געאָרג קיסמאַן פון רומעניע דערקלערט: „קיין אָשוויענטשים בין איך געקומען אין יוני 1944. אין צוג איז געווען ביי 3.000 מאַן. 350 פון זיי האָט מען געשיקט אין לאַגער, די איבעריקע — צום גאַז."

זיסקא שפּעטער האָט געזאָגט: „פון פראַנקרייך קיין אָשוויענטשים בין איך געקומען אין פעברואר 1943 צוזאַמען מיט נאָך 1.100 מאַן, פון וועלכע עס זענען געשיקט געוואָרן אין לאַגער 205 און צום גאַז — 895.״

אננא קעניג פון קלויזש (זיבנבירגען): „כ׳בין אָנגעקומען אין יוני 1943 מיט 3.000 פּערזאָן. 500 פון זיי האָט מען געשיקט אין לאַגער, אַלע איבעריקע צום גאַז.״

א יידישער דאָקטאָר פון פּוילן דערציילט: אָנהויב יוני 1943 איז געקומען פון סאַלאָניקי אַ טראַנספּאָרט פון 5000 יידן. זיי זענען געפאָרן 8 טעג; אויף דער רייזע זענען אויסגעשטאָרבן 1000 יידן. פונעם רעשט — 4000 האָט מען אין לאַגער אַריינגעבראַכט 400 מענער און 100 פרויען. דעם רעשט האָט מען געשיקט צום גאַז (ד״ר טאַדעאוש שטאַבהאָלץ: „דורך זיבן גיהנומס״).

א טשעכישער אַרעסטאַנט דערציילט: יידישע טראַנספּאָרטן פון פראַנקרייך האָט מען צו 70־80 % געשיקט צום גאַז (פרילינג און זומער 1942). איינמאָל איז געקומען אַ טראַנספּאָרט פון צוויי טויזנט פּאָליטי־שע אַרעסטאַנטן פון פראַנקרייך, „אַריער״, צווישן זיי אַ סך הויכע באַ־אַמטע און כּלל־טוער. דעם טראַנספּאָרט האָט מען גאַנצערהייט אַוועקגע־שיקט אין לאַגער, קיינער איז נישט געגאַנגען צום גאַז (י. לאַניק).

לעת־עתה וועלן מיר נישט באַטראַכטן דעם ווייטערדיקן גורל פון די, וואָס מען האָט געשיקט צום גאַז, און מיר פאַרנעמען זיך מיט די גלגולים, וואָס די לעבנגעבליבענע האָבן געמוזט דורכמאַכן.

אין דער אַזוי גערופענער „עפעקטן־קאַמער״ האָט מען די, וואָס זענען מיט מזל געבליבן לעבן, געהייסן זיך אויסטון מוטער־נאַקעט

אויך דאָ איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד צווישן יידן און ניט־יידן. ביי די „אַריער״ האָט מען אָפּגענומען די בגדים, געמאַכט פון זיי אַ רשימה, אַריינגעלייגט זיי פון יעדן איינעם באַזונדער אין אַ באַזונדערן זאַק, צוגעטשעפּעט צום זעקל דעם נאָמען פונעם אייגנטימער. די זאַכן זיינע האָט ער געדאַרפט צוריקבאַקומען ביים באַפרייען פונעם לאַגער. דאָקעגן יידן האָט מען געהייסן אַראָפּוואַרפן זייערע בגדים אויף איין הויפן. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך שוין פון סאַמע אָנהויב געמוזט געזעגע־

נען מיט דער האָפענונג אַרויסצוגיין פונעם לאַגער (זכרונות פון חנה קאַמפּעל).

נאָך דעם אויסטון זיך פלעגט ערשט קומען די באָד. „באָדן זיך" אויף אָשוויענטשימער שטייגער האָט געהייסן: שטיין שעהען־לאַנג אינ־דרויסן אָדער אין אַ קאַלטן באַראַק, ווערנדיק פון צייט צו צייט באַאַר־בעט מיט אַ קאַלטן דוש פון אונטער וועלכן מען האָט זיך געמוזט „אויס־טריקענען" אונטער דער פרייער לופט, ווייל קיין האַנטעכער זענען נישט געווען. דער פועל־יוצא פון אַזאַ באָד זענען געווען מאַסנווייזע פאַרקי־לונגען, לונגען־אַנטצינדונגען און אַנדערע חולאתן. דערנאָך איז מען צו־געטרעטן ראַזירן דעם עולם. די פריזירערס, ס'רוב נישט קיין פאַכלייט, האָבן געניצט זייער שלעכטע, צומייסטנס מיט טעמפּע, פאַרזשאַווערטע און שמוציקע מכשירים. מען האָט געגאָלט געניוי, נישט נאָר די האָר אויפן קאָפּ, נאָר דעם גאַנצן גוף צוזאַמען מיט די געשלעכטסאָרגאַנען. די פרויען האָבן זיך געמוזט לאָזן גאָלן פון פריזירערס מענער. אַזוי ווי קיין זייף צום ראַזירן איז אויך נישט געווען, האָבן די אָפּגעגאָלטע נאָך אַזאַ מין אָפּעראַציע געהאַט .אויפן לייב ווייטיקדיקע וווּנדן און אַ צעדראַפּעטע הויט. טאָמער איז נאָך געווען ווייניק, האָט מען נאָך דעם גאָלן געמוזט אָבליגאַטאָריש דורכגיין אַ „דעזינפעקציע", — ד. ה. וואַשן די ראַזירטע ערטער מיט אַ מוטנער פליסיקייט „סאַגראָטאַן" און שפּעטער זיי אָפּווישן מיט שמוציקע שמאַטעס, וואָס זענען געווען דורכגעזאַפּט מיט אַ בייסי־קער פליסיקייט „קופּרעקס". נאָך אַזאַ מין „דעזינפעקציע" האָבן זיך גע־מאַכט אויפן לייב פאַרשידענע עקזעמעס און עס האָבן זיך אַנטוויקלט אַנדערע אָנשטעקנדיקע הויט־קראַנקהייטן.

דער עיקר איז אָבער געווען דער פּסיכישער עפעקט פון דער ראָזי־קער באַהאַנדלונג. דער מענטש האָט זיך מיט איין קלאַפּ אַראָפּגעקייקלט ביזן סאַמע דנאָ. מען האָט ביי אים באַלד אָװעקגערויבט זיין מענטשלעכן פּרצוף און כבוד, זיין נאַטירלעכן בושה־געפיל און צעטרעטן אין אים זיין מענטשלעכע ווערדע.

נאָך די אַלע צערעמאָניעס האָט מען שוין — ווי דערמאָנט — די אייגענע מלבושים נישט צוריקבאַקומען. יעדער האָט געמוזט אָנטון די שטינקענדיקע תפיסה־שמאַטעס: אַן אַנצוג אין פּאַסן, אייגנטלעך אַ מין

אַרעסטאַנט־פּיזשאַמע, שמוציקע וועש און אַ פּאָר שיך אויף הילצערנע זוילן. די דאָזיקע זאַכן זענען געווען שרעקלעך פאַרלייזיקט.

פאַרענדיקט מיט דער דאָזיקער פּסיכאָ־פיזישער פּעדאַגאָגישער פּראָ־צעדור, האָט מען דעם אַרעסטאַנט אַריינגעפירט אין „פּאָליטישן אָפּטייל" און מען האָט אויסגעפילט זיין קאַרטאָטעקע. דערנאָך האָט אַ ספּעציאַליסט אויף זיין אָרעם אויסטאַטואירט מיט אַ שפּילקע־פּעדער דעם תּפיסה־נומער. פון דעם מאָמענט האָט דער אַרעסטאַנט פאַרלאָרן זיין פּערזענלעכקייט. ער איז געוואָרן בלויז אַ נומער.

„איר זענט בלויז נומערן — האָט אונדז מקבל פּנים געווען דער דייטשישער שומר — איין שאָס און דער נומער איז אויסגעמעקט. פּרוּווט



אַ צייכענונג ווי פרויען ווערן געשוירן פון פריזירער־אַרעסטאַנטן. אַ דריטער אַרעסטאַנט טאַטואירט ביי אַ נאַקעטער פרוי דעם לינקן אָרעם (לינקס). צוויי ס"ס־שומרים קוועלן אָן פון דער גאַנצער אָפּעראַציע

נישט צו אַנטלויפן. דער איינציקער וועג אויף אַרויסצובאַקומען זיך פון דאַנען איז דורכן קוימען". דאָ האָט דער דייטש אויפגעהויבן די האַנט און אָנ־געוויזן אויפן רויך, וואָס האָט געזעצט פון קרעמאַטאָריע (גבית־עדות

פאַר דער פּוילישער מלוכהשער אָשוויענטשימער קאָמיסיע פון יוליוס גאַושער, געוו. אָשוויענטשימער אַרעסטאַנט, דירעקטאָר פון קראָקעווער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט).

דאָס געבן די ספּעציעלע תפיסה־קליידער, גאָלן די קעפּ און טאַטוּירן האָט געהאַט איין ציל: אוממעגלעך צו מאַכן דעם אַרעסטאַנט דאָס אַנטלויפן פונעם לאַגער. א חוץ דעם האָט דאָס טאַטואירן דערלייכטערט צו אידענטיפיצירן די מתים, וואָס זענען געווען אַזאַ אָפטע דערשיינונג אין לאַגער. ניט טאַטואירט זענען געווען רייכס־דייטשע און פאָלקס־דייטשע אַרעסטאַנטן, „ערציאונגס־העפטלינגע" און די פּאָליאַקן פון וואַרשע, וועלכע מען האָט אַראָפּגעבראַכט קיין אָשוויענטשים נאָכן וואַרשעווער אויפשטאַנד.

ערשט נאָכן פאַרענדיקן די באַשריבענע פּראָצעדור, זענען די אַרעסטאַנטן אָנגעקומען דערוויייל אין פּרוזדור פון אָשוויענטשימער גיהנום — אין דעם קאַראַנטין־לאַגער אויף עטלעכע וואָכן. דאָ איז געווענלעך פאָרגעקומען אַ פרישע סעלעקציע און אַ באַדייטנדיקער טייל פון די מענטשן, וואָס עס האָט זיך זיי ביים ערשטן מאָל איינגעגעבן אַרויסצודרייען פון אַ זיכערן טויט איז איצט געשיקט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן. אַזוי אַרום איז דער לאַגער־קאַראַנטין געווען אַ צווייטע זיפּ, דורך וועלכער מען האָט דורכגעלאָזט די קרבנות.

דר. וואָלקען גיט אָן כאַראַקטעריסטישע ציפערן פון דער קאַראַנטין־סעלעקציע. פון 28 סעפּטעמבער 1943 ביז 29 אָקטאָבער 1944 זענען פאָרגעקומען 15 סעלעקציעס אין קאַראַנטין־בלאָק, אין רעזולטאַט פון וועלכע מען האָט נאָך 3.824 פּערזאָן געשיקט אין די גאַז־קאַמערן. די ציפער נעמט נישט אַרום די אַרעסטאַנטן, וועלכע מ׳האָט אַלס קראַנקע אַיבערגעשיקט פריער פון קאַראַנטין אין לאַגער־שפּיטאָל B.II.a , פון וואַנען זיי זענען במילא אַריינגעפאַלן אין די קרעמאַטאָריעס.

צוליב אָריענטאַציע־צוועקן גיבן מיר אָן, אַז די צאָל מענטשן אין קאַראַנטין־לאַגער B.II.a. האָט באַטראָפן ביז 15.000 מענטשן. די סעלעקציעס אין דעם לאַגער B.II.a. פלעגן דורכפירן די ס ס. דאָקטוירים העלמערזאָן, טילאָ, קעניג און מענגעלע. עס פלעגט אַזוי אויסזען: אַלע אַרעסטאַנטן האָבן געמוזט אַרויסטרעטן פאַרן בלאָק און זיך אויסשטעלן

צו פינף אין אַ ריי. דער דאָקטאָר איז דורכגעגאַנגען לענגאויס די רייען און אויסגעקליבן די אַלע וואָס האָבן אין זיינע אויגן, צוליב וועלכע עס איז נישט טעמים, נישט נושא־חן געווען. אין משך פון פינף מינוט האָט אַזאַ דאָקטאָר „אויסגעפאָרשט" אַלע אַרעסטאַנטן פון אַ בלאָק, ד. ה. דורכשניטלעך אַ 500 מאַן. גענוג געווען, אַ מענטש זאָל האָבן אַ געשוויר אָדער ער זאָל זיין באַנדאַזשירט, מען זאָל אים שיקן צום גאַז. איינער, פּאַול קריינער פון ווין איז נאָר צוליב דעם באַשטימט געוואָרן צום גאַז, ווייל ער האָט געהאַט אַ סימן פון אַן אַמאָליקער אַפּענדיציט־אָפּעראַציע. איינמאָל האָט ד"ר וואָלקען געמאָלדן דעם ד"ר טיעלאָ, אַז ער האָט ביי זיך אין בלאָק קינדער קראַנקע אויף שאַרלאַך. טיעלאָ האָט זיי באַלד געהייסן טראַנספּאָרטירן צום גאַז. איינמאָל בעת אַ קאָנטראָל האָט ד"ר מענגעלע באַמערקט אין בלאָק B.II.a. אַ פראַנצויז מיט אַן 18־חדשימדיק קינד אויף דער האַנט. דאָס איז געווען אַ גענוגנדע סיבה, דער פראַנצויז, אַ געזונטער און שטאַרקער, זאָל געשיקט ווערן צום גאַז מיטן קינד.

בסך הכל זענען פון די אַלע, ס'רוב יידישע, טראַנספּאָרטן, וואָס זענען נישט געגאַנגען דירעקט אין די גאַז־קאַמערן, געבליבן לעבן אַ 10 פּראָצענט, כדי ביי אַן אַנדער געלעגנהייט אומצוקומען אין גאַז אָדער אויף אַן אַנדער אופן. און אין אַזעלכע געלעגנהייטן איז אין לאַגער קיין דוחק נישט געווען. ס'האָבן זיך געטראָפן פאַלן פון אַן אַנדער קבלת פּנים. אָט ווי אַזוי מען האָט מקבל פּנים געווען אַ טראַנספּאָרט וואָס מען האָט אין קאַראַנטין נישט געשיקט:

„אין נאָוועמבער 1943 איז אָנגעקומען קיין אוישוויץ אַ טראַנספּאָרט פון לערך 13.000 ביז 15.000 אַרעסטאַנטן פון די לאַגערן גראָס־ראָזען און פלאָסענבורג. דאָס זענען געווען רוסן אָדער פּאָליאַקן, פולשטענדיק אויסגעמאַטערטע, גיכער ענלעכע צו לעבעדיקע סקעלעטן. דעמזעלבן אָוונט האָבן די בלאָק־עלטסטע באַקומען פון די ס"ס לייט אַן אָנווייזונג זיי צו ליקווידירן. אַזוי ווי דאָס זענען געווען נישט יידן, האָט מען זיי נישט געפירט צום גאַז און מען האָט איבערגעלאָזט די בלאָקעלטעסטע צו געפינען דעם אופן פון הרגענען זיי. מען האָט זיי געבראַכט אין די באַראַקן נר. 3 און 11. דערנאָך האָבן די ערגסטע בעסטיעס פון צווישן די בלאָקעלטעסטע אָנגעהויבן זיי באַגיסן מיט אַ שטאַרקן וואַסערשטראָם,

אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען נאָך אַנגעטון אין זייערע בגדים. אַ סך פון זיי, וואָס זענען געווען צו שוואַך, כדי צו באַוועגן זיך, האָט מען אַרויס־געוואָרפן אינדרויסן און איבערגעלאָזט דאָרט איבער נאַכט. אינדערפרי האָט מען געפונען 400 ביז 500 צום טויט פאַרפרוירענע קערפּערס". (דזשאַיש סערוויייוערס רעפּאָרט נר. 1, מאַטעריאַלן פון ד״ר ווינערס ביבליאָטעק אין לאָנדאָן).

8. די אָרגאַניזאַציע פון לאַגער

דער ריזיקער קאָמפּלעקס פון אַשוויענטשימער לאַגער האָט געקענט אַריינגעמען אומצאָליקע מענטשן־מאַסן. בעת דער גרעסטער „פּראָספּע־ריטי" האָבן זיך אין לאַגער געמאַטערט אַ 200.000 אַרעסטאַנטן. צו דער שמירה איבער אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן איז נויטיק געווען אַ נישט קליי־



אַ ס״ס־הונט מיט זיין שומר ביי דעם „הונדעצווינגער"
(דאָס בילד שטאַמט וואַרשיינלעך פון דאַכאַו)

נער גארניזאן. די אשוויענטשימער „איינגווינער" שאצן די צאל ס. ס.־לייט אויף דער טעריטאריע פון די לאגערס אויף 4.500 מאן. לויט די אפי־ציעלע דייטשישע דאקומענטן, וואס מ'האט געפונען אין לאגער, זענען אין נאוועמבער 1943 אין אשוויענטשים געווען פאלגענדע איינהייטן :

אין אשוויענטשים א': די ס. ס. קאמפאניעס 1, 2, 3, 4, ווי אויך די צווייטע שטאבס־קאמפאניע ס. ס. אין לאגער אשוויענטשים ב': די ס. ס.־קאמפאניעס 6, 7, 8, די ערשטע ס. ס. שטאבס־קאמפאניע און א שטאפעט פון יאג־הינט־פירער. אין לאגער אשוויענטשים ג': די ס. ס. קאמפאניע 5 און א וועכטער־קאמפאניע פון דער בונא־פאבריק.

דער מיטגליד פון דעם עקזעקוטיוו־אויסשוס פון די אשוויענטשימער ארעסטאנטן ־ אונטערגרונט־ארגאניזאציע גיט איבער די פאלגנדע צוזאמענ־שטעלונג פון די מיליטערישע כוחות אין אוישוויץ :

אשוויענטשים 1.	4 — קאמפאניעס ס"ם צו 200 מאן,	צוזאמען 800 מאן
	1 ″ ″ ″ 340 ″	″ 340 ″
אשוויענטשים 2.	5 — ″ ″ ″ 200 ″	″ 1000 ″
אשוויענטשים 3. בונא און אנדערע אויסנ־לאגערס	1 — ″ ″ ″ 320 אנד. וועכטער־קאמפאניעס 570	″ 890
	צוזאמען	″ 3030

א חוץ דעם זענען נאך געווען קליינע אפטיילונגען פון ארטילעריע, פלי־אלארם־קאמפאניעס, פאליציי. זייער צאל האט זיך אפט געביטן און ניט געווען סטאביל. די אוישוויצער ס. ס. האבן געהערט צו דער טרויעריק בארימטער עליט־דיוויזיע ס. ס. „טויטנקאפף". בדרך כלל זענען צירקא 70 פראצענט פון דעם דאזיקן שמירה־פערזאנאל געווען ס"ם און דרייסיק פראצענט פון דער ווערמאכט. אין די ס"ם רייען זענען געווען כמעט אלע אפיצירן און אונטער־אפיצירן — דייטשן, מיטגלידער פון דער נאצי־פארטיי. בלויז די געוועלנלעכע זעלנער זענען געווען פאלקס־דייטשן פון רומעניע, סלאוואקיע, אונגארן, קראוואציע, פוילן, אוקראינע. מיט גרוים

אכזריות האָבן זיך אויסגעצייכנט — אַלע, אָבער די ערגסטע זענען גע־וועזן — אַ חוץ די אָפיצירן — די אַ״ג „שוואַרצע", דהיינו די אוקראַי־נער. זיי האָבן בפרט אָנגעוואָרפן אַ פּחד און אימה אויף די יידישע אַרעס־טאַנטן, לגבי וועלכע זיי האָבן אָפּגעטון אויסטערלישע ווילדע שטיק (זע ווייטער קאַפּיטל „טויט דורך אַרבעט"). פון דער דאָזיקער פּלאָג איז מען אויסגעלייזט געוואָרן דורך אַ גליקלעכן צופאַל. אין אַ שיינער נאַכט (וואַר־שיינלעך 1943) האָבן 50 ס״ס־אוקראַאינער צוגענומען עטלעכע אויטאָס מיט ברויט און אַמוניציע און אַנטלאָפן אין די קאַרפּאַטן צו די פּאַרטי־זאַנער. פון דער צייט אָן האָט מען אַלע ס״ס אוקראַינער אַוועקגענומען פון לאַגער. אַ צווייטע שרעקלעכע פּלאָג זענען געווען די לאַגער־הינט. די הינט־שטאַפּעטע האָט געציילט 250 יאַג־הינט. אויף אַ באַפעל פון בערלין פונעם 16 אָקט. 1942 האָט מען פאַר די הינט אויפגעבויט אַ לוק־סוס־שטאַל, לויט גענויע אָנווייזונגען פון דעם וועטערינאַר־דאָקטאָר. לעבן דעם דאָזיקן הונט־סאַנאַטאָריום האָט מען אויפגעבויט אַ שפּיטאָל פאַר די הינטלעך און אַ ספּעציעלע קיך. (דאָס זעלבע איז געווען אויך אין אַנ־דערע לאַגערן למשל אין דאַכאַו.) אין דעם פאַל זענען די דייטשן געווען זייער ווייכהאַרציק און מיטגעפילט דעם „צער בעלי חיים". דאָס זענען געווען גרויסע ווילדע און בייזע הינט, ספּעציעל טרענירט אין אָרויפ־פאַלן אויף מענטשן און צערייסן זיי. זיי האָבן באַגלייט יעדע קאָלומנע פון אַרבעטער־אַרעסטאַנטן צוזאַמען מיט זייערע פירער די ס. ס.־לייט. „זיי האָבן זיך קוים געלאָזט איינהאַלטן אויף זייערע סמיטשעס (רימענע לייַ־צעס), שוימענדיק פאַר כעס, בילנדיק און שרייענדיק" (ז. שמאַגלעווסקאַ: „די רויכן איבער בירקענוי").

בראש פונעם לאַגער אוישוויץ איז געשטאַנען דער אָבערשטורם־באַנפירער רודאָלף פראַנץ פערדינאַנד העס. דאָס איז געווען אַן אַלטער דערפאַרענער מערדער. געבוירן אין יאָר 1900 איז ער, לויט זיינע אייגע־נע גבית־עדות אין זיין פּראָצעס, געווען אַ מיטגליד פון דער נאַצי־פּאַרטיי פון יאָר 1922, און פון 1934 מיטגליד פון דער ס. ס.־דיוויזיע טויטנקאָפּף. ווען ער איז געוואָרן לאַגער־קאָמאַנדאַנט אין אוישוויץ, האָט ער שוין גע־האַט אַ סך דערפאַרונג אין דעם דאָזיקן בלוטיקן האַנטווערק. אַבי ווען האָבן די דייטשן נישט געשיקט אויף אַזאַ וויכטיקן פּאָסטן ווי אוישוויץ!

אָשוויִענטשים

זינט 1934 איז העם שטענדיק געווען באַשעפטיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערס. ביז 1938 איז ער געווען אין דאַכאַו און דאַן אין זאַקסנהויזן. דעם 1 מאַי 1940 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס לאַגערקאָמאַנדאַנט אין אָשוויִענטשים. ער האָט זיך באַמיט אויף זיין הויכן פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן ווי אַמבעסטן צו באַפרידיקן זיינע פאָרגעזעצטע. אין יוני 1941 האָט ער באַקומען דעם באַפעל צו אָרגאַניזירן אין אָשוויִענטשים די מאַסן־שחיטות. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט שוין געהאַט דערפאַרונג אין דער מאָרד־מלאכה, האָט זיך העם גענומען צו פאַרפולקאָמען זיינע מעטאָדן. „איך האָב באַזוכט טרעבלינקע — דערציילט ער — כדי זיך צו באַקענען מיט די מעטאָדן, מיט וועלכע מען האָט דאָרט געאַרבעט”. ער באַרימט זיך אין זיין גבית־עדות, אַז זיין מעטאָד איז געווען אַ מער פולקאָמענער ווי אין טרעבלינקע, ווייל די אָשוויִענטשימער גאַז־קאַמערן האָבן געקאָנט אַריינגעמען מיט איין מאָל 2000 מענטשן, בשעת די טרעבלינקער האָבן געקאָנט ליקווידירן יעדעס מאָל נאָר 200 מענטשן. העס שאַצט אָפּ די צאָל קרבנות אין אָשוויִענטשים אויף 3 מיליאָן מענטשן. העס איז געווען לאַגערקאָמענדאַנט ביז דעצעמבער 1943.

אינצווישן איז דער לאַגער אָשוויִענטשים באַרימט געוואָרן מיט זיינע שרעקלעכע מעשים אין דער גאַנצער וועלט. די דייטשן האָבן זיך געמוזט רעכענען דערמיט און דורכגעפירט אַ כלומרשטע „רעאָרגאַניזאַציע” פונעם לאַגער, כדי אָפּצונאַרן די וועלט.

דורך דעם באַפעל פון רייכספירער ס. ס. היינריך הימלער האָט דעם 11 נאָוועמבער 1943 איבערגענומען די ליטונג פונעם לאַגער און פון דעם ס. ס. גאַרניזאָן דער אָבערשטורמבאַנפירער ליבענהענשעל. גלייכצייטיק איז געוואָרן באַפוילן צו טיילן דעם לאַגער אָשוויִענטים אין דריי אַדמיניסטראַטיווע איינהייטן: אווישוויץ ־. שטאַמלאַגער אונטער דער ליטונג פונעם הויפּטקאָמאַנדאַנט גופא (ד. ה. ליבענהענשעל), לאַגער אווישוויץ 2. (פרויען־לאַגער אונטער דער ליטונג פון שטורמבאַנפירער האַרטיענשטיין און אווישוויץ 3. (אויסנלאַגערן) אונטער דער ליטונג פון אָבערשטורמבאַנפירער שוואַרץ. אין דער „ערא ליבענהענשעל” איז דער קורס געוואָרן כלומרשט מילדערער, באמת איז אָבער דער „נייער קורס” באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער גרויזאַמער רעזשים פון קאָנצענטראַציע־

און פאַרניכטונגס־לאַגער איז געוואָרן קאָנטינואירט, נאָר געוויסע ווילדע משוגעתן זענען געוואָרן אַ ביסל זעלטענער. דער לעצטער הויפּט־לאַ־גערקאָמאַנדאַנט נאָך ליבענהענשלען איז געווען ריכאַרד בער. אַנדערע קאָמאַנדאַנטן פון די איינצלנע לאַגערן זענען געווען אָבערשטורמפירער אַאומייער, אָבערשטורמפירער האָפמאַן, אָבערשטורמפירער פריטש, פראַנץ העסלער, אָבערשטורמפירער שווארצהאבער, לאַגערפירער אין בירקענוי, אַ געבירטיגער פון טיראָל, אַ גרויסער שיכור און סאַדיסט, און אַנדערע. פאַר־טרעטער פון דעם לאַגערפירער איז געווען דער אַזוי גערופענער ראַפּאָרט־פירער.

די ראַפּאָרטפירער האָבן געהאַט אַלס זייערע געהילפן די א. ג. בלאָק־פירער. מיר ווילן דאָ אויסרעכענען אייניקע וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערער אכזריות: אָבערשאַרפירער פּאַליטש, ער איז געווען די שרעק פון לאַגער. אין יאָר 1944 האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ יידישער אַרעסטאַנטקע און איז צוליב „ראַסענשאַנדע״ אַרעסטירט געוואָרן. זיצנדיק אין תפיסה מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן האָט ער זיך באַרימט, אַז ער האָט אַליין אויסגעשאָסן 25.000 מענטשן.

אונטערשאַרפירער קאַדוק (איינער פון די אכזריותדיקסטע אין לאַ־גער, האָט אויף זיין געוויסן געהאַט טויזנטער מענטשן).

אבערשאַרפירער שטיוויץ,

אבערשאַרפירער קלאַוזען,

אבערשאַרפירער האַרטוויג,

אונטערשאַרפירער זאָמערער.

אַ באַזונדער הויכן און פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט צווישן די היטלע־ריסטישע גדולים אין לאַגער האָט פאַרנומען דער לייטער פון דער צענט־ראַלער בוי־לייטונג שטורמבאַנפירער בישאָף. זיין אויפגאַבע איז געווען דאָס פונאַנדערבויען פון קרעמאַטאָריעס אין לאַגער. זיינע פאַרטרעטער זענען געווען אבערשטורמפירער יאָטאַן און אבערשטורמפירער ענגעלינג.

אַ חוץ די ס״ס האָט נאָך געהאַט צו זאָגן איבער די אַרעסטאַנטן די „פּאָליטישע אָפּטיילונג״ („געשטאַפּאָ״), וועלכע האָט געהאַט איר זיץ אין אוישוויץ 1 און איז געווען דירעקט אונטערשטעלט דער געשטאַפּאָ־לייטונג אין קאַטאָוויץ (שעף רודאָלף מילדנער). די פּאָליטישע אָפּטיילונג האָט

געהאַט די אַלגעמיינע פּאָליטישע השגחה איבערן לאַגער, זי האָט פאַראָרדנט די כּסדרדיקע מאַסנעקזעקוציעס און איינצעלנע מאָרדן, זי האָט דורכגעפירט די „אויספאָרשונגען" (ד. ה. די כּלערליי מינים פון זייערע איינפאַלסרייכע פּייניקונגען), האָט באַדעקט דעם גאַנצן לאַגער מיט אַ געדיכטער נעץ פון שפּיאָנען, קאָנפידענטן אַגענטן און פּראָוואָקאַטאָרן. דער שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג אין אוישוויץ איז געווען אונטערשטורמפירער ערנסט גראַבנער. זיינע אַסיסטענטן זענען געווען: הויפּטשטורמפירער אוימייער, הויפּטשטורמפירער פּריטש, אבערשטורמפירער עבער, וואָס האָט זיך שוין פון ווייט געלאָזט דערקענען דורך זיין אַבנאָרמאַלן קאָפּ מיט דעם זייער שטאַרק אַנטוויקלטן, חיהשן אונטערקין, דער דורך די פּאָליאַקן פאַרהאַסטער „פּוילנפרעסער", ווילהעלם באָגער, אונטערשאַרפירער לאַכמאַן, אַלברעכט (אַ פאָלקס־דייטש, אַ געוועזענער מילנער פון דער געגנט פון לאָדזש), אונטערשאַרפירער פרידריך שטיוויץ, אַ זון פון אַ דייטשן פּאַסטאָר, דער מאַסנמערדער הויפּטשטורמפירער פּאַליטש א א וו.

אויסער די ס. ס. לייט איז נאָך געווען אַ מין אינערלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונג, צו וועלכער די דייטשן האָבן באַשטימט אַרעסטאַנטן. די העכסטע פונקציע איז געווען דער לאַגער־עלטעסטער Lagereltester בראש פון די בלאָקן זענען געשטאַנען די בלאָק־עלטעסטע, בראש פון די שטובן אין יעדן בלאָק זענען געווען די שטוב־עלטעסטע („שטובאָווי"), מיט די אַרבעטס־קאָמאַנדעס האָבן אָנגעפירט די א. ג. קאַפּאָס. דאָס וואָרט קאַפּאָ באַדייט אפשר די ראשי תבות פון קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער־פּאָליציי, אָדער עס קומט פון איטאַליענישן קאַפּאָ — קאָפּ (פירער). די גרעסטע מאַכט פון זיי האָט געהאַט דער לאַגער־קאַפּאָ, נאָך אים זענען געווען די אויבער־קאַפּאָס, וועלכע האָבן אונטער זיך געהאַט די געווענלעכע קאַפּאָס אַ נידעריקער ראַנג איז געווען אַן אונטער־קאַפּאָ און צום סוף די פאָראַרבעטער, די נידריקסטע מדרגה אין דער היעראַרכיע פון די קאָמאַנדע־כּבודים. בראש פון אַלע אַרבעטס־קאָמאַנדעס איז געשטאַנען דער אבערשטורמפירער סעלל.

די אַלע דערמאָנטע פונקציעס זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך דייטשישע אַרעסטאַנטן, ס׳רוב קרימינאַליסטן. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער עלעמענט.

מיר ווע̇לן ברענגען בלויז איין ביישפּיל כדי צו כאַראַקטעריזירן דעם עלעמענט, וועלכן די דייטשן האָבן געהאַלטן פאַר פּאַסיק אָנצופירן מיט די אַרעסטאַנטן: דער אַמאָליקער קאַפּאָ אין אָשוויענטשים, מיטן פיינעם ביינאָמען „טויטשלעגער", ברונאָ פּראַהנעקע, איז געווען 19 מאָל באַשטראָפט פאַר זיין אַריינקומען קיין אָשוויענטשים. זיין לעצטע שטראָף פאַר אָשוויענטשים איז געווען 5 יאָר צוכט־הויז. די מערהייט פון די קאַפּאָס זענען געווען געוועזענע פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, אַלפאָנסן, פּאַרשוינען, וואָס זענען צוגעוווינט געווען צו האַנדלען מיט לעבעדיקער סחורה, צו מאָרדן, פאַר וועלכע אַ מענטשלעך לעבן האָט אַפילו אין שלום־צייט נישט געהאַט קיין ווערט, אָפּגערעדט שוין איצט אין דער היטלעריס־טישער „תקופה פון פאַראַכטונג" און נאָך דערצו אין די לאַגער־באַדינ־גונגען. און נאָך מעלות האָבן זיי געהאַט — געווען שיכּורים, דעגענעראַטן און האָמאָסעקסואַליסטן, יינגלעך האָבן זיי געצוווּנגען צו הכנעה און זיי דעמאָראַליזירט (די דאָזיקע יינגלעך האָט מען גערופן פּיפּעלס) „יעדער דייטש וואָס האָט געהאַט עפּעס אַ חשיבות אין לאַגער, האָט געמוזט האָבן זיין „פּיפּל", אַ יונג בחורל. מיר האָבן זיי גערופן „מאַדמואַזעל" — באַ־מערקט ד״ר יזשי בענעש (אַ קרוב פון טשעכישן מלוכה־פּרעזידענט עדואַרד בענעש) אין זיינע אָשוויענטשימער זכרונות.

פאַר די דאָזיקע קרימינאַליסטן איז דער לאַגער נישט געווען מער ווי אַ נייער פּלאַץ פאַר זייער פאַרברעכערישער אַרבעט. פאַרקערט, דער באָדן און דער קלימאַט פון לאַגער איז געווען גינסטיקער צו אַנטוויקלען זייערע „טאַלענטן" ווי אין אַ נאָרמאַלער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זיי האָ־בן זיך דאָ געפילט אויסגעצייכנט גוט און געלעבט אין דער בעסטער חבר־שאַפט מיט די דייטשע ס״ס. די לאַגערלייט האָבן געהאַט די טענדענץ אַריבערוואַרפן אויף די דאָזיקע „פונקציאָנס־העפטלינגע" אַן אַלץ גרעסערע טייל פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. ווי הויך די דייטשן האָבן געשעצט דעם דאָזיקן עלעמענט אין די לאַגערן באַווייזט פאָלגנדער פאַקט: אין יאָר 1944 — ווען די לאַגע אויף די פראָנטן איז געוואָרן קריטיש — האָט דאָס אויבערקאָמאַנדאָ פון דער ווערמאַכט אַפּעלירט צו אַלע „גרינע ווינקלען" (VB = באַרופספאַרברעכער) אין די לאַגערן זיך איינצו־שרייבן אין דער ס״ס און צוגעזאָגט זיי פולע אַמנעסטיע. צו אַנדערע קאַ־

טענגאָריעס פון אַרעסטאַנטן האָט מען די ווענדונג נישט געמאַכט... אַ סך פאַרברעכער האָבן זיך געמאָלדן און אַזוי אַרום איז אָשוויענטשים פון זיי פּטור געוואָרן. בכלל פלעגן די דייטשן באַשטימען אויף די אַלע אַמטן די ערגסטע אויסוואורפן, שפּיצלען, וואָס האָבן זיך די אַרעסטאַנטן אַריינגע־געסן אין די ביינער, ערגער ווי די ס"ס לייט.

ווי אַזוי האָבן די דייטשן אויסגעזוכט די פּאַסיקע קאַנדידאַטן פאַר די דאָזיקע הויכע עמטער? מיר וועלן ברענגען דאָ נאָר איין ביישפּיל: אַ דייטשע דאָקטאָרקע — דווקא אַ פּאָליטישע — האָט דערציילט ווי מען האָט געוואָלט פון איר מאַכן אַ לאַגערעלטעסטע. כדי זי אויסצופּרוּוון, צי זי טויג פאַר דעם אַמט, האָט דער לאַגערקאָמאַנדאַנט געהייסן איר טרעטן און קאָפּן מיט די פיס אַן אַנדער אַרעסטאַנטקע, וואָס האָט געהאַלטן אין גוססן. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט און תיכף ומיד האָט זי פאַרלוירן איר הויכן פּאָסטן (פעלאַזיאַ לעווינסקאַ, "20 חדשים אין אָשוויענטשים", פּאַריז 1945).

כדי צו געבן אַ באַגריף, וואָסערע חיות עס האָבן זיך אויסגעהאָדע־וועט די ס"ס לייט, ברענגען מיר אַ קליינעם פּאָרטרעט פון איינעם אַזאַ „פונקציאָנס־העפטלינג", וואָס האָט זיך „קונה שם" געווען ווי אַ שטובן־עלטעסטער: יוזעק, אַרעסטאַנט נומער 17777 (אָשוויענטשים 1 בלאָק 17, שטוב 5). ער האָט זיך נוהג געווען כמעט יעדן אָוונט פאַרשלעפּן אין אַ ווינקל פון זיין באַראַק עטלעכע מענטשן, צומייסטן אָפּגעשוואַכטע, און אויף אַ סאַדיסטישן אופן זיי אומברענגען. זייער אָפט פלעגט ער זיי דער־שטיקן, אַרויפשטעלנדיק איין פוס אויפן גאָרגל פון קרבן. נאָכדעם האָט ער געמאָלדן, אַז זיי זענען געשטאָרבן פון אויסגעמאַטערטקייט. (גביות עדות פון געוו. אָשוויענטשימער אַרעסטאַנט ד"ר אַרטור מייער). בכלל האָבן די בלאָקעלטעסטע גוט פאַרשטאַנען די אַלגעמיינע טענדענץ אויס־צוהרגענען וואָס מער מענטשן אין לאַגער און האָבן גוט געוווּסט, אַז וואָס מער מענטשלעכע קרבנות וועלן פאַלן פון זייערע הענט, אַלץ בעסער וועט זיין זייער שם ביי זייערע האַרן, די ס"ס לייט. דער עדות, ס. יאַנקאָווסקי (געוו. אַרעסטאַנט אין אָשוויענטשים, נאָך דער מלחמה גענעראַל סעקרע־טאַר פון דער „אָרגאַניזאַציע פון די פּוילישע יידן אין פראַנקרייך") גיט איבער אַזאַ שווידערלעכן עפּיזאָד: „איך בין אַליין געווען אַן עדות פון אַ

געשפּרעך וואָס האָט געפירט אַ בלאָקפירער (אַן ס״ם מאַן) מיט זיין בלאָק־עלטסטן, אַ דייטשן אַרעסטאַנט. דער בלאָקפירער האָט געפרעגט דעם בלאָקעלטעסטן וויפל מתים ער האָט אין זיין בלאָק. דער בלאָקעלטעסטער האָט געענטפערט: „15״ און דער בלאָקפירער האָט געזאָגט: „דאָס איז צו ווייניק״. צומאָרגנס האָט דער בלאָקפירער ווידער אַ פרעג געטון און דער בלאָקעלטעסטער האָט געענטפערט, אַז ער האָט 35 מתים. האָט דער בלאָק־פירער געענטפערט: „אַזוי איז גוט״.

די אָרגאַניזאַציע פון די פרויענלאַגערס איז געווען אַן ענלעכע, מיט דעם חלוק, וואָס די ס״ס־פרויען האָבן אין זייער סאַדיזם איבערגעשטיגן די מענער פון דער ס״ס. צומייסטן האָבן זיי זיך רעקרוטירט פון פּראָס־טיטוטקעס, שיכורטעס, סאַדיסטקעס, אָן בושה און אָן אַ געוויסן, זיי האָבן זיך מחיה געווען, ווען זיי האָבן געקענט עמיצן דערנידעריקן, צע־טרעטן, טעראָריזירן און רודפן. אויך די דאָזיקע פונקציאָנערקעס זענען ס׳רוב געווען דייטשקעס. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אוממענטש־לעכער אכזריות, אַזוי אַז די לעבנסבאַדינגונגען אין לאַגער פאַר פרויען זענען געווען נאָך שווערערע ווי פאַר די מענער. „אין פרויענלאַגער האָבן זיך אונדז גוט איינגעגעסן אין זכרון די לאַגער־פירערין מאַנדעל (געשמט מיט איר אכזריות), די ראַפּאָרטפירערינס דרעקסלער, רופּערט און האססע, די באַרימטע סאַדיסטקע, לייטערין פון פערפלעגונג, פראַנץ. אַ לאַנגע צייט איז דער ראַפּאָרטפירער טויבע געווען די שרעק פון פרויענלאַגער״ (זכרו־נות פון חנה קאַמפּעל). אומזשעניִרט, אין די אויגן פון אַלע פרויען אין בלאָק, האָבן די אויפזעערינס און בלאָקעלטעסטע געהאַט לעסביִשע באַצי־אונגען. זיי זענען באַזונדערס געווען זשעדנע אויף בלערליי צירונג און קליידונג. ווי איז דער פרוי, וואָס האָט נישט נאָכגעגעבן תיכף ומיד זייערע ווונטשן. „פאַר מיינע אויגן שטייט נאָך — דערציילט ד״ר אָטאָ וואָלקען — די פרוי אַראַנקאַ העללער, נר. 80120 פון בודאַפּעשט. על פּי נס האָט זי אָפּגעראַטעוועט אַ שיין קלייד, וואָס איז געפעלן געוואָרן דער „קאַפּאָ״, אַראַנקאַ העללער האָט איר נישט געגעבן שנעל דערלאַנגט דאָס קלייד און יענע האָט גלייך גענומען נקמה. זי האָט איר אָפּגעבריטביידע פיס מיט קאָכנדיק וואַסער״. און וואָס האָט באַדייט אַזאַ זאַך אין די לאַגערבאַדינ־גונגען, איז איבעריק צו דערקלערן.

אונטער די וואַכנדיקע אויגן פון אַט די אַלע הינט האָבן געוווינט די לאַגעריסטן אין א. ג. בלאָקן, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט מיט אַ מויער און מיט אַ צווייפּאַכיקן דראָט (4 מעטער הויך), מיט אַ הויכער עלעקטרישער שפּאַנונג. ביי די דראָטן, יעדע צען מעטער, זענען געווען וואַכטורעמס, שטענדיק באַוואַכט דורך ס"ס מענער מיט מאַשינגעווערן. דאָס איז געווען די אַזוי גערופענע „קליינע פּאָסטן־קעטע". אַ חוץ דעם איז געווען אַ „גרויסע פּאַסטן־קעטע", וואָס האָט אַרומגענומען דעם גרויסן

די צווייפּאַכיקע דראָטן, די וואַכטורעמס און די מויער

שטח פון אַלע לאַגערן צוזאַמען, אין אַ מרחק פון איין קילאָמעטער פון דעם ערשטן קייטנרייף, באַוואַכט דורך די שומרים און ווילדע הינט. די דראָטן און דער צוגאַנג צו זיי זענען געווען העל באַלויכטן אין דער נאַכט.

די ווין־בלאָקן אין אָשוויענטשים א' פלעגן געבויט ווערן פון ציגל. דאָס איז געווען אַ מוסטער־לאַגער, דער אנשטענדיקסטער, וווהין מען פלעגט ברענגען צו פירן אויף אַ באַזוך געסט אין אַמטלעכע קאָמיסיעס.

אין אָשוויענטשים ב' און ג' זענען די בלאָקן געווען הילצערנע, מיט קליינע פענצטערלעך פון אויבן און דרייגאָרנדיקע פריטשעס, אין ווינטער שלעכט באַהייצטע. די באַראַקן (אין אָשוויענטשים האָט מען זיי גערופן — בלאָקן) זענען געווען געבויט אין פערד־שטאַל־סטיל; יעדער בלאָק איז געווען אויסגערעכנט אויף 40 פערד, אָבער אנשטאָט פערד האָבן אים באַוווינט... 500 ביז 1.000 מענטשן־אַרעסטאַנטן. דער אויוון איז געווען אַ מין פלאַכע באַנק, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך דעם גאַנצן בנין און געוואָרן באַהייצט דורך ברענגאַז (גאַז, וואָס איז פאַרבליבן נאָכן אויסנוצן די הייצונג אין פאַרשידענע ווירטשאַפטלעכע אינסטאַלאַציעס אין לאַגער). די דייטשן האָבן די דאָזיקע אויוונס גערופן „רוסענאָפען" — זיי האָבן געגעבן זייער



די עלעקטריזירטע דראָטן און די מויער. פון הינטן דער
באַרימטער בלאָק 11

ווייניק וואַרעמקייט. יעדער בלאָק איז געווען איינגעטיילט אין פיר „שטובן". דורך דעם בלאָק האָבן זיך געצויגן אין דריי שטאָק־הויך הילצערנע פריטשעס, „קאָיעס" אָדער „בוקסן". אויף די פריטשעס זענען געווען זייער שיטערע פאַפירענע שטרוי־זעק. אין איין בלאָק האָבן זיך געפונען בערך 500 מאַן און אויף יעדער פריטשע 6־10 מאַן. געווען אויך

פאַלן, ווען אין בלאָק האָבן זיך געפונען ביז 1000 מאַן און אויף אַ פּרי־טשע צו 15 מאַן און מער. נישט איינמאָל פלעגט דער העכסטער עטאַזש איינפאַלן און מיט זיין משא צעקאַלעטשען מענטשן פון אונטערשטע עטאַזשן (וועגן אַזעלכע פאַלן לייענען מיר אין ראַפּאָרט פון קאָמאַנדאַנט פון אָשוויענטשים, דעם 4־טן אָקטאָבער 1944, לאַגער BIIC דער א. ג. ציגיינער לאַגער).

די פירונג פו דעם לאַגער האָט געהאַלטן, אַז די באַראַקן זענען נישט גוט גענוג פאַר... בהמות. ווען מען האָט געדאַרפט איינריכטן אַ שטאַל

אַ פערדשטאַל־באַראַק אין אוישוויץ מיט די 3־גאָרנדיקע פּריטשעס. אינמיטן ציט זיך אַ לאַנגע געמויערטע באַנק — דער אויוון

פאַר די לאַגער־קי, האָט די לאַגער־לייטונג מיטן באַפעל פון 3טן יולי 1942 געהייסן איבערמאַכן אַ בלאָק, האָט געלאָזט בויען ווענטילאַציע־איינריכטונגען און מאַכן אַ צעמענטענעם פּוסבאָדן.

פון די פאַרלייזיקטע, שמוציקע, פאַרסמאַליעטע און שטינקענדיקע באַראַקן האָבן די אַרעסטאַנטן געהאַט אַן אויסזיכט, וואָס האָט זיי גע־דאַרפט געבן אַן עסטעטישע באַפרידיקונג. פאַר די באַראַקן איז געוואַקסן גראָז, געוועזן בלומענבייטן. די „גאָרטן־קאָמאַנדע״ פון אַרעסטאַנטן האָט זיי פלייסיק געפלעגט און באַמיסטיקט מיט אַש פון דער קרעמאַטאָריע. די שיינע, פּרעכטיק איינגעאָרדנטע ווילעס און הייזלעך פון די ס. ס.־לייט האָבן זיך געבאָדן אין גרינס און בלומען.

מיט אומדערהערטער חוצפּהדיקער צביעות האָבן די דייטשן גע־לערנט מוסר מיט די אַרעסטאַנטן. ביז היינט צו טאָג קען מען געפינען אין יעדן באַראַק „באַלערנדיקע״ לאָזונגען. למשל: „איין לויז איז דיין טויט״, אין דער צייט ווען דער גאַנצער לאַגער איז געווען שרעקלעך פאַר־לייזיקט. „ריינקייט איז דיין געזונט״, „זיי ערלעך״, „שאַנעווע דיינע אָנ־פירער״. „מיט ערלעכקייט וועסטו ווייט פאַרפאָרן״ א. א. וו. אַ סך אינס־טאַלאַציעס אין לאַגער זענען געמאַכט געוואָרן נאָר לשם דעקאָראַציע. אַט למשל האָט מען אין יאָר 1944 אויסגעבויט ביי די פרויענבאַראַקן אַ. ג. „וואַשרוימע״ (ביז דעמאָלט האָט בירקענוי קיין לויפנדיק וואַסער נישט געהאַט). „די וואַשרוימע״ האָט מען... געוויזן אַלע קאָמיסיעס, וואָס האָבן באַזוכט דעם לאַגער, אָבער די אַרעסטאַנטן האָט מען נישט דערלויבט זיך מיט זיי צו באַנוצן.

שרעקלעכע באַדינגונגען האָבן געהערשט אין 7־טן בלאָק פון אַמאָ־ליקן שפּיטאָל נר. 10 אין בזשעזשינקע, אין די יאָרן 1942־1943 בעת אַ טיפוס־עפּידעמיע. דער בלאָק־עלטעסטער איז דעמאָלט געווען יוזעף גאַרבאַר־טשיק פון פּויזן. מיט נאָך דריי באַהעלפערס האָט ער יעדע נאַכט געמאָר־דעט צו עטלעכע צענדליק מענטשן. לרוב זענען געפאַלן פון זייערע הענט אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געהאַט גאָלדענע ציין, אָדער וואָס האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיי באַהאַנדלען לייטיש און זיי וועלן אים דערפאַר באַ־צאָלן, ווייל זיי האָבן געלט. גלייך אין דערזעלבער נאַכט פלעגט ער מאָרדן די דאָזיקע צו אויפריכטיקע קליענטן. גאַרבאַרטשיק איז געווען זייער גי־ריק. דאָס גאָלד און די ווערטפולע זאַכן פלעגט ער צונעמען און אַ חוץ דעם אַרויסרייסן ביי זייערע קרבנות די גאָלדענע ציין (גבית־עדות פון ד״ר אָטטאָ וואָלקען).

9. וואָכעדיקע טעג אין אָשוויענטשים

„דאָס ניוואָ פון אונדזער לעבן איז נידעריקער ווי דאָס פון אַ בהמה. אַ פערד, אַ הונט, אַ קו קאָרמעט מען און מיר האָבן אַפילו דערצו קיין רעכט נישט", אָט אַזוי באַקלאָגט זיך אין אירע זכרונות אַן אָשוויענטשי־מער אַרעסטאַנטקע (פעלאַגיאַ לעווינסקאַ, אַ פּאָלקע פון פראַנקרייך). דער

אַ געשוואָלענע פון הונגער און צעשלאָגענע יידישע פרוי ווערט געצוווּנגען פון די דייטשן צו פּאָזירן פאַר דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט אין אַזאַ באַליידיקנדיקער פּאָזע

טעגלעכער לעבנסשטייגער אין לאַגער איז אָבער אייגנטלעך געווען נאָך ערגער ווי די דאָזיקע באַשיידענע אָנקלאַגע. דער סדר־היום אין אָשוויענ־טשים האָט אַזוי אויסגעזען: אויפשטיין 4.30 אינדערפרי, אַ האַלבע שעה אויף מאַכן די בעטן, אָנטון זיך, וואַשן און פרישטיקן. איבריק צו זאָגן,

אַז דאָס איז געווען אַ פיזישע אוממעגלעכקייט. די בעטן האָט מען געמוזט מאַכן זייער פעדאַנטיש(דייטשע אָרדענונג!) אַ ניט. האָט מען געקראָגן מערדערישע קלעפּ. דאַן שנעל געלאָפן אין קלאָזעט, ווו עס האָט זיך שוין געשטופּט און געטומלט אַן אומאיבערזעבאַרע מחנה פון יאָגנדיקע, זיך שטופּנדיקע, קלאָגנדיקע מענטשן און דאַן וואַשן זיך — נישט קיין זייף (דאָס איז געווען אַ חלום) אין נישט קיין וואַסער! אין לאַגער איז קיין וואַסערלייטונג און קיין לויפנד וואַסער נישט געווען, ביי די ווייניקע ברונעמס האָט זיך געטון אַ גיהנום. און דאַן נאָך שנעל — פרישטיקן. נאָר צו דעם ענין עסן וועלן מיר זיך נאָך צוריקקערן. דערווייל איז גענוג צו זאָגן, אַז מיינסטנס נישט געגעסנערהייט איז מען שוין געלאָפן, שנעל, שנעל, שנעל צום אַפּעל. ווי איז דעם, וואָס איז צום אַפּעל נישט געקומען פּינקטלעך! זייגער פינף האָט מען זיך געשטעלט צום אַפּעל. מען איז געשטאַנען אינדרויסן אין די לייכטע, געשטרייפטע תפיסה־מלבושים ביי יעדן וועטער. עס איז זיי אויסגעקומען צו שטיין שעהען־לאַנג. אַזוי לאַנג ביז מען איז סוף כל סוף צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אַרבעטסקאָמאַנדע.

אַן אָרקעסטער פון אויסגעמאַטערטע אַרעסטאַנטן איז געשטאַנען ביים אויסגאַנגס־טויער פון לאַגער און האָט באַגלייט די אויסמאַרשירנדיקע צו דער אַרבעט מיט לוסטיקע מעלאָדיעס. די אַרבעט איז געווענלעך געווען איבער די כוחות פון די אַרעסטאַנטן און דער איינציקער מיטל צו דערוועקן חשק צו אַרבעט איז געווען... קלעפּ. בעת דער אַרבעט אין דער קאָמאַנדע האָבן געשלאָגן די ס"ס־לייט, די קאַפּאָס און זייערע באַהעלפערס — די פאָראַרבעטער. נאָכן אומקערן זיך פון דער אַרבעט אין לאַגער האָבן ווידער געשלאָגן די עלטעסטע פון לאַגער, בלאָק, שטוב. מ'האָט געשלאָגן אָן אַ מאָס און אָן אַ צאָל. זייער פיל זענען געבליבן טויט אויפן אָרט. דער מין שלאָגן איז געווען אַ נישט אָפיציעלער, אַ נישט רעגולערער. געווען אָבער אויך אָפיציעלע מלקות כדת וכדין, ביי וועלכע מען האָט אַפילו צוזאַמענגעשטעלט אַן אַמטלעכן פּראָטאָקאָל און פאַרלאַנגט פריער אַ מעדיצינישע צייגעניש, אַז דער פאַרמשפּטער איז פיזיש גענוג פעסט אויף איבערצוטראָגן די באַשטימטע פאַר אים שמיץ!

הונדערטער אַזעלכע פּראָטאָקאָלן האָט מען געפונען, נאָכן אַנטלויפן פון די דייטשן, אין דעם אָשוויענטשימער מאָרד־אַנשטאַלט. דאָרט

װוּ מען האָט אומאָפיציעל, אָן פּראָטאָקאָלן און אָן מעדיצינישע ציינעניש, אָפּגעטון אַ סך ערגערע זאַכן.

אָט איז אַ פּאָר פּראָטאָקאָלן :

פּאַר גנבענען ברויט — 15 שמיץ.

פּאַר אָפּשיקן אַ בריװ צו דער פרוי אויף אַן אומלעגאַלן װעג — 25 שמיץ.

פּאַר רויכערן אין קלאָזעט (רויכערן איז בכלל געװען פאַרװערט) — 15 שמיץ.



די „אינסטאַלאַציע" אויף צו געבן שמיץ

פּאַר האָבן ביי זיך 5 מאַרק (אומלעגאַל) — 20 שמיץ, א. אַ. װ.

שמיץ, דאָס איז געװען די מילדסטע, אָפיציעלע פאָרם פון באַשטראָפונג. הגם מילד, איז זי געװען אי שמערצלעך, אי געפערלעך. געשלאָגן האָט מען ביד חזקה, אויף אַ ספּעציעלן טיש, על פּי רוב אויפן געזעס. נאָך דעם שלאָגן האָט דער אַרעסטאַנט על פּי רוב באַקומען גרויסע שמערצלעכע געשװירן און פלעגמאָנעס אויף דעם געזעס. אַ צװייטע

מדרגה פון באַשטראָפונג איז געווען די שטראָף־עקזערצירקע ד. ה. „שפּאָרט" ביז צו פולקאָמער דערשעפּונג. אַן אַנדערע פאָרם איז געווען — הייסן אַרבעטן אין די פרייע זונטיקדיקע טעג. אַ ווייטערע פאָרם פון שטראָף — הייסן שטיין „האבט ־ אכט" (אַן באַוועגונג) 24 אָדער מער שעהען, אַן אַנדערע — הייסן קניען 24 שעה מיט אויפגעהויבענע הענט, אָפט האַלטנדיק אין די הענט נאָך דערצו שווערע שטיינער, אָדער ציגל. אַ שווערע שטראָף איז געווען דאָס אָפּשיקן צו אַרבעט אין דער שטראָף־קאָמאַנדע (וועגן דער שטראָפקאָמאַנדע זע אין קאַפּיטל: „טויט דורך אַרבעט").

די שווערסטע מדרגות אין דעם מין באַשטראָפונג — דאָס זענען געווען די בונקערס. געווען עטלעכע מינים בונקערס — 1) שטייבונקערס — ווו מען האָט געמוזט שטיין די גאַנצע צייט, 2) וואַסערבונקערס ווו מ'איז געשטאַנען אין וואַסער, 3) הונגערבונקערס, ווו מ'האָט נישט גע־קריגן גאָרנישט צו עסן און צו טרינקען. אָט ווי עס באַשרייבט אַזאַ מין בונקער־שטראָף איינער פון די אַרעסטאַנטן: „חוץ דער שטראָף־קאָמאַנדע איז נאָך געווען אַן אופן פון שטראָפן פאַר קליינע חטאים — אַריינזעצן אין בונקערס. די דאָזיקע בונקערס האָב איך אַליין געזען אין בזשעזשינ־קער בלאָק נומער 2. איינע האָבן געהאַט אַ שטח 60 מאָל 80 צענטימעטער און 2 מ' די הייך, אַזוי אַז מ'האָט אין זיי געקאָנט נאָר שטיין. אַנדערע ווידער זענען געווען מיט נידעריקע סטעליעס און מחמת דעם האָט מען אין זיי געקאָנט שטיין נאָר איינגעבויגן. אַן טיר און אָן פענצטער, אײַנ־גאַנצן פּוסטע, דער דיל אַ שטיינערנער, דער אַריינגאַנג דורך אַן עפענונג אין דיל, וועלכע מ'האָט פאַרשפּאַרט אויף אַ שלאָס. אין אַזאַ בונקער האָט מען אַריינגעטריבן ביז 9 מענטשן, אַזוי, אַז צוליב דוחק אין לופט האָבן זיי זיך דאָרט געשטיקט. טיילמאָל פלעגן זיי אַרויס מיט צעביסענע פינ־גער, ווייל שטיקנדיק זיך אין אומבאַקוועמע פּאָזיציעס האָבן זיי פון ווייַ־טיק עס זיך אָנגעטון. געווענלעך האָט מען די אַרעסטאַנטן פאַרשפּאַרט אויף בייַנאַכט, אינדערפרי האָבן זיי געמוזט גיין צו דער אַרבעט. דער טערמין, ווי לאַנג זיי דאַרפן אָפּזיצן אין בונקער, איז געווען פון פאָראויס באַשטימט. ער איז געווען אַ פאַרשידענער. מיין באַקאַנטער וויעסלאַוו קעלאַר פון יאַראָסלאַוו, נר. 290 האָט פאַרן אַנטון ווינטער 2 סוועטערס

Konz.-Lager Auschwitz
Abteilung III
Auschwitz, den 10.11.42
Meldung
Zum Personalakt
Ich melde den die Schutz—, Vorb.—, Aso.—, Erz.—, Bibe. — Juden — Häftling Nr. 5?216
Sirmann Mendel 12.2.00. Grajewo
weil er trotz meiner wiederholten Verwarnung von der Arbeit zu drücken versucht hatte und aus Widerwillen zur Arbeit mit den 14 weiteren Häftlingen 5 Betonrohre beim Abladen zerbrach. Ausserdem die Mithäftlinge von der Arbeit abgehalten und dieselbige Unwillen gemacht hatte.
BEKANNTGEGEBEN
14. Nov. 1942
Vor- u. Zuname
SS-Unterscharführer
Dienstgrad
SS-Hauptsturmführer
20 NOV 1942

די חטאים פון די אָשוויענטשימער „פושעים" און זייער באַ־
שטראָפונג. אין ביידע פאַלן איז די שטראָף דער שטיי־בונקער


Konz.-Lager Auschwitz
Abteilung III
Auschwitz, den 24. Oktober 1942.
Meldung
Zum Personalakt
Rubin, Ludwik Isr. – geb. 15.3.25.
Schutz—, Vorb.—, Aso.—, Erz.—, Juden — Häftling Nr. 64495
weil er trotz Verbot hinter Haus 7 seine Großnotdurft verrichtete.
BEKANNTGEGEBEN
14. Dez. 1942
SS-Rottenführer
Gesehen u. weitergeleitet
Der 1. Schutzhaftlagerführer
Vor- u. Zuname
SS-Oberscharführer
Dienstgrad
20 NOV 1942

צו דער ארבעט באקומען א שטראָף צו „נעכטיקן״ א חודש צייט אין בונקער. בייטאָג האָט ער געמוזט אַרבעטן״ (גבית־עדות פון טאַדעוש סמאָטלען פאַר דער פּוילישער מלוכהשער אויספאָרשונגס קאָמיסיע). די שרעקלעכסטע בונקערס האָבן זיך געפונען אין אוישוויץ 1 אין דעם טרויער־ריק־באַרימטן בלאָק 11.

אין בלאָק 11 זענען געווען 36 קעלער־קאַמערן מיט קליינע תפיסה־פענצטערלעך. געלופטערט האָט מען זיי קיינמאָל נישט. אין די קאַמערן פלעגט מען אַריינזעצן בלערליי „פאַרברעכער״ וואָס האָבן עובר געווען קעגן דער לאַגער־דיסציפּלין, פּאָליטישע פאַרברעכער א. אַ. וו. אין די קאַמערן האָט געהערשט אַן אומבאַשרייבלעכע ענגשאַפט. אויף איין פּריטשע זענען געלעגן 3—4 אַרעסטאַנטן. אָבער אפילו אין דעם גיהנום איז נאָך געווען א געוויסע הדרגהדיקייט פון ליידן און פּיין.

אויסער די „נאָרמאַלע״ קעלער־קאַמערן זענען נאָך געווען צוויי קאַמערן מוראדיקע אין זייער אכזריות. איינע האָט געהייסן „שטיי־בונקער״ ד. ה. א קאַמער, אין וועלכער ס׳האָט געקאָנט אריין 5 מענטשן אין אַ שטייענדיקער פּאָזיציע. קיין פענצטערל, און ממילא קיין לופט, איז דאָ נישט געווען. געוויינלעך פלעגט מען אהער אריינשטעלן 5 מענטשן אויף אַ מעת לעת, נאָך וועלכן מען האָט אַרויסגעשלעפּט 2—3 מתים, זיי זענען דערשטיקט געוואָרן מחמת דוחק אין לופט.

געווען אָבער נאָך אַנדערע פאַלן. מ׳האָט אַריינגעלאָזט אין דעם „שטייבונקער״ א געמישטע גרופּע: געוויינלעכע פאַרברעכער אָדער קאַפּאָליט און פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. די קאַפּאָס האָבן געפונען א לייכטן אויסוועג פון דער לאַגע: כדי עס זאָל זיי נישט אויספעלן קיין לופט אין דער הערמעטיש געשלאָסענער קאַמער, האָבן זיי זיך גלייך געוואָרפן אויף די פּאָליטישע, זיי דערוואָרגן און אויף דעם אופן געקענט אויסהאַלטן א מעת לעת אין דער שטיקנדיקער קאַמער־לופט.

ערגער איז געווען דער „וואַסער־בונקער״. ער האָט געהאַט אַלע מעלות פון „שטייבונקער״ מיט איין קליינער פאַרפולקאָמונג: וואַסער האָט דערלאַנגט ביז צו די קני.

דאָס אַלץ זענען געווען באַשטראָפונגען פאַר לייכטע דיסציפּלינאַר־פאַרברעכנס. פאַר שווערע פאַרברעכנס — א פּרוּוו צו אַנטלויפן

למשל האָט מען באַשטראָפט מיט טויט און מען האָט דורכגעפירט די עק־זעקוציעס מיט אַלע מעגלעכע אופנים — סקילה שרפה, הרג וחנק וועגן דעם וועלן מיר רעדן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

ווען די אַרעסטאַנטן זענען פון זייער שווערער טאָג־אַרבעט צוריק־געקומען אין לאַגער, האָבן זיך אָנגעהויבן „שפּאָרט־שפּילן". די ס"ס־לייט האָבן געהייסן מאַכן פאַרשידענע איבונגען, שעהענלאַנג האָבן זיי געפּייניקט מיט באַפעלן: „אויפשטיין, פאַלן, ליגן, לויפן, קניען, קריכן" א. אַ. וו. מיט אַ בכוונדיקער רשעות האָט מען פאַר די שפּילן אויסגעוויילט בלאָטיקע און רעגנדיקע טעג. פון „שפּיל"־פּלאַץ זענען שוין געוועלנלעך אייניקע נישט אַוועקגעגאַנגען און פון דעם רעשט האַלבע מתים האָט זיך נישט איינער אומגעקערט אין באַראַק בלויז אויף אויסצוהויכן די נשמה.

אַן אַנדער מין שפּיל: ווינטערצייט האָט מען די אַרעסטאַנטן אויס־געשטעלט נאַקעט און באַגאָסן מיט קאַלט וואַסער. די פּעולה דערפון איז געווען אַ גאַנצע ריי טויט־פאַלן און אַ באַדייטנדע צאָל פאַרקילונגען.

די שטערבלעכקייט איז געווען אַ גרעסערע ווי אין נאָרמאַלע באַדינ־גונגען, ווייל די ענויים און יסורים האָבן געטראָפן מענטשן, וואָס זענען שוין געווען אָפּגעצערט פון הונגער.

זונטיק און די קריסטלעכע חגאות זענען על פּי דין געווען אַרבעטס־פרייע טעג. אָבער צום גרעסטן טייל בלויז טעאָרעטיש. אינדערפרי האָט מען דעמאָלט די אַרעסטאַנטן געהאַלטן ביז מיטאָג־צייט ביים אַפּעל. אָפט איז דער אַפּעל געווען פאַרבונדן מיט אַ סעלעקציע צום גאַז. פריי איז בלויז געווען דער נאָכמיטאָג. אָבער אין יאָר 1944 האָבן זיך געענדיקט אַפילו די דאָזיקע קנאַפּע פרייע שעהען. היטלער האָט גערופן דאָס דייטשע פאָלק צום „טאָטאַלן איינזאַץ" און פון וועמען האָט ער דען געהאַט מער רעכט צו פאַרלאַנגען דעם דאָזיקן פּאַטריאָטיזם, ווי פון זיינע קאַצעטניקעס ...

* * *

נישט אַלע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אָריענטירט, וואָס איז אייגנטלעך דער צוועק, די „העכערע אידעע", פון די אַלע אויסטערלישע אכזריות. „איך האָב לכתחילה נישט פאַרשטאַנען — שרייבט לעווינסקאַ — דעם

אמתן זין פון דעם דייטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער. ערשט בין איך דער־גאַנגען דערצו דורך די... קלאָזעטן. די באַדינגונגען זענען דאָרט געווען שוידערלעכע, נישט איינמאָל האָבן מיר זיך געמוזט שמוציק מאַכן איינע די אַנדערע. און דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען! מען האָט אונדז פאַר־משפט אונטערצוגיין אין אונדזער אייגענעם שמוץ, זיך וואַלגערן אין בלאָ־טע און דרעק. מען האָט געוואָלט אין אונדז פאַרניכטן די מענטשלעכע ווערדע, אַרויסרייסן פון אונדז אַלע מענטשלעכע אייגנשאַפטן... איינ־פלאַנצן אין אונדז אַ פחד און פאַראַכטונג צו זיך אַליין און צו אונדזערע מיטאַרעסטאַנטן. דאָס איז געווען דער ציל, דאָס איז געווען די אידעע! אַריינקאָפּען טיף אין בלאָטע... דאָס, וואָס שטייט אויף פון דער בלאָטע, איז שוין נישט קיין מענטש נאָר אַ קאָמישע פאַרברודיקטע באַשעפעניש. די ס"ס־מענער האָבן געקענט, זעענדיק אַ מענטש, וואָס האָט קוים גע־שלעפּט מיט די פיס, אים אַ קאָפּ טון אין דער בלאָטע, פון וועלכער ער איז שוין קיינמאָל נישט אַרויס".

„דאָס שרעקלעכסטע זענען געווען נישט די לייז און נישט די וואַנצן, אַפילו נישט די שווערע אַרבעט — נישט די דייטשע קלעפּ, נאָר די מאָ־ראַלישע בלאָטע — די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די אַרעסטאַנטן".

בדרך כלל זענען געווען געוויסע, הגם נישט באַדייטנדיקע, אונטער־שיידן אין גורל און באַציאונג צו באַזונדערע אַרעסטאַנטן. דער ערגסטער גורל איז אויסגעפאַלן אויף די א. ג. שטראַף־קאָמאַנדאָס. אַהין האָט מען אַפּגעשיקט גאַנצע טראַנספּאָרטן יידן, אַ טייל פּוילישע ווי אויך רוסישע און אויך אַנדערע אַרעסטאַנטן וואָס האָבן זיך מיט עפּעס „פאַרזינדיקט".

אַ טייל אַרעסטאַנטן האָט זיך געלעבט אַ ביסל בעסער. אין 16־טן בלאָק פון אַלטן לאַגער אין בזשעזשינקי איז געווען אַן א. ג. „אויפרוי־מונגס־קאָמאַנדאָ", אָדער ווי מען האָט עס גערופן אויפן לאַגער־לשון — „קאַנאַדע". די קאָמאַנדע איז געווען פאַרנומען ביים אויסקלייבן פּעקלעך און טשעמאַדאַנעס אויף דער באַן־ראַמפּע אין בזשעזשינקע און ביים סאָרטירן די זאַכן פון די פאַרגאַזירטע אין גרויסע מאַגאַזינען. אמת, זיי האָבן געהאַט אַ שטרענגן אָנזאָג אָפּצוגעבן אַלץ די דייטשן, פאַקטיש זע־נען אָבער אַ סך פּראָדוקטן און זאַכן אַריינגעפאַלן צו זיי אין די קעשע־

נעם. זיי האָבן אין אַלגעמיין נישט געהונגערט און אין די לאַגער־באַדינגונגען האָט דאָס שוין אויסגעמאַכט זייער אַ סך . . .

דאָס אַרויסטראָגן זאַכן פון מאַגאַזין האָט געהאַט אַ באַשטימטן נאָמען. מען האָט דאָס גערופן „אָרגאַניזאַציע”, װער עס האָט געקאָנט אָרגאַניזירן, דער האָט געקאָנט לעבן. געװען פרויען, װאָס האָבן געביטן זייער קלייד יעדן טאָג. געװען אויך מענער, װאָס זענען געגאַנגען אָנגעטאָן גאַנץ אָנשטענדיק, נישט אין די געשטרייפטע תפיסה־קלײדער, די דייטשן האָבן קיינמאָל נישט געפרעגט זיי: „פון װאַנען האָסטו די קלײדער?” אָבער װען מען האָט עמעצן געפאַקט ביים „אָרגאַניזירן”, האָט מען אים שטרענג באַשטראָפט. נאָך איינער פון די פאַראַדאָקסן פון דער דייטשער „לאַגעראָרדנונג”!

אין צװייטן בלאָק פון בזשעזשינקער לאַגער איז געװען די א. ג. זאָנדערקאָמאַנדאָ. דאָס איז געװען אַ גרופּע אַרעסטאַנטן, 400 ביז 1.200 מאַן. זיי זענען געװען באַשעפטיקט ביי די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס און האָבן זיך געטיילט אין דריי אָפּטיילן. דער ערשטער האָט באַדינט די גאַז־קאַמערן, דער צװייטער די קרעמאַטאָריעס, דער דריטער האָט צוגענומען ביי די פאַרמשפּטע אַלץ, װאָס זיי האָבן געהאַט, און אויסזאָרטירט. אויך זיי האָבן פון קיין הונגער נישט געװוּסט.

דער סוף זייערער איז אָבער נישט געװען קיין בעסערער װי פון די איבעריקע. אומגעפער אַלע דריי חדשים האָבן די דייטשן געביטן דעם מענטשן־באַשטאַנד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדאָ. זיי האָבן געשיקט אין די גאַז־קאַמערן אָדער דערשאָסן די נישט נויטיקע עדות פון זייערע פאַרברעכנס און אויף זייער אָרט אַװעקגעשטעלט פרישע מענטשן.

אַ באַזונדערע, אָפּגעטיילטע גרופּע האָבן געבילדעט אין לאַגער די ציגיינער (ביז צו זייער טראַגישן טויט אין די גאַזקאַמערן). אין קעגנזאַץ צו אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן זיי געלעבט אין אַן אייגענעם פאַמיליען־לאַגער. זייערע משפחות זענען נישט געװען אָפּגעטיילט פונאַנאַנדער. זיי האָט מען נישט געצװוּנגען צו אַרבעטן, דערפאַר האָבן זיי אָבער געהאַט אַן אייגענעם אָרקעסטער. זיי האָבן אויך געהאַט בעסערע קעסט װי די אַנדערע. אין זייער לאַגער האָט געהערשט אַן אומבאַשרייבלעכער שמוץ און חולאתן. אין אַן אייגענעם פאַמיליענלאַגער האָבן אויך געװוינט

משפחה־ווייז די טשעכישע יידן. זיי זענען נישט געווען געצוווּנגען צו ארבעט. אין זייער לאגער האט מען נישט דורכגעפירט קיין סעלעקציע, אבער זייער סוף איז געווען נישט ווייניקער ביטער ווי פון די ציגיינער (זע קאפיטל: אין גיהנום של מטה). די „ארישע" טשעכן האבן געבילדעט אין לאגער א מער ארגאניזירטע און סאלידארע גרופע. צווישן זיי איז געווען זייער א סך אינטעליגענץ. זיי האבן זיך קעגנזייטיק א סך געהאלפן.

אין די לעבנסבאדינגונגען אין לאגער האט געהערשט בדרך כלל א גרויסער אונטערשיד צווישן די יידישע און נישט יידישע ארעסטאנטן. פאר נישט יידישע ארעסטאנטן האט מען געזארגט אפילו צו געבן זיי פון צייט צו צייט געוויסע פארווייַלונגען. א חוץ די משוגענע, סאדיסטישע „ספארט־איבונגען" נאך דער ארבעט האט מען זיי דערלויבט פון צייט צו צייט טרייבן אמתן ספארט. נישט ווייט פון דער באן־ראמפע און פון דער קרעמאטאריע 1 אין בירקענוי איז געווען א ספארטפלאץ ווו די „ארישע" ארעסטאנטן האבן זונטיק נאכמיטאג געשפילט פוטבאל, פאלעיבאל און אנדערע שפילן: עס זענען פארגעקומען פוסבאל־מעטשן, למשל צווישן דער מאנשאפט פון זאונא (באדעגאנשטאלט) און לאגער „ד" אין בירקענוי. אין לאגער איז געווען א קינא, ווו מען האט געוויזן דייטשע קריגס־ און פראפאגאנדע־פילמען. איינמאל, ווען מען האט דורכגעפירט א באזונדערס גרויזאמע עפנטלעכע עקזעקוציע אין לאגער, האט מען דערנאך געוויזן די ארעסטאנטן א פילם וועגן גרויזאמקייטן פון... סאוויעטישן ג. פ. או.

אין לעצטן יאר פון דער עקזיסטענץ פון לאגער איז געווארן ארגאניזירט — א חוץ דעם געוויינלעכן לאגער־ארקעסטער א דאמענארקעסטער, וואס איז באשטאנען מייסטנס פון מאנדאלינעס. דער דאזיקער ארקעסטער האט איינגעארדנט 2 מאל אין וואך קאנצערטן פאר דעם שפיטאל: א חוץ מוזיקאלישע נומערן האט דער ארקעסטער אויך געגעבן וואקאלע פארטראגן (דועט אין סאלא). פאר יידן זענען די דאזיקע פארווייַלונגען פארוואנדלט געווארן אין א בלוטיקער איראניע. בשעת דער ארקעסטער האט געשפילט א לוסטיקן ווינער וואלץ („ווין בלייבט ווין") אדער איינעם פון די באריטמטע שטרוים וואלצן („אן דער שענען בלויען דאנאו", „פרילינגשטימען", „קייזערוואלצער" א. א. וו.), האט מען טויזנטער יידן געפירט

פון באַן־ראַמפּע צום גאַז. די דייטשע „מעלאַמאַנען" האָבן די יידן, וואָס זענען קוים לעבעדיק אַרויס פון די וואַגאָנען און געחלשט נאָך וואַסער און לופט, געהייסן זינגען: „פרילינג קומט אין דאַס לאַנד".

אין דער צייט פון מיטאָגס־צייט - אַפּעל האָבן זיך די ס"ס־מענער איזדעקעוועט איבער די טויט־מידע אַרעסטאַנטן און געהייסן זיי זינגען אין כאָר אַזעלכע לוסטיקע לידער ווי צ"ב „אַ, דו מיין בובי קאָפּף", אָדער: „אים לאַגער אַוישוויץ וואַר איך צוואַר, זאָ מאַנכען מאָנאַט, זאָ מאַנכעס יאַר". יידן האָט מען ספּעציעל געהייסן זינגען: „אָ, דו מיין יערוזאַלעם". אָפּט האָט מען געצוואונגען אַ קריסטלעכן גלח דיריגירן דעם יידישן כאָר. די סענטימענטאַלע קאַפּאָס האָבן אָפּט פאַרלאַנגט, מען זאָל זיי פאַרזינגען נאָך מיטאָג שיינע לידער. בפרט האָבן זיי ליב געהאַט יידישע לידער און דאָס דווקא זייער טרויעריקע (לויט עטלעכע פּוילישע און פראַנצויזישע גבית־עדות).

די דייטשן האָבן פאַר זייערע ליבלינגס־קינדער, די „פּראָמינענטן" אין לאַגער, צוגעטראַכט נאָך אַ מין „קולטורעלע" פאַרווילונג. פאַר די „לאַגער־אַריסטאָקראַטן" און אַ ריי אַנדערע לעבנסקרעפטיקע נאַטורן וואָס דער לאַגער־רעזשים האָט נישט באַוויזן זיי איבערצוברעכן, האָט מען גע־מוזט געפינען אַ מיטל אויסצולאָדן זייער ענערגיע, אויף אַן אופן וואָס זאָל זיין אומשעדלעך פאַר די דייטשן.

אין יאַנואַר 1944 איז אין בלאָק 24, אויפן ערשטן שטאָק, אוועק־געשטעלט געוואָרן אַ קליין, געמיטלעך שאַנדהייזל. דאָס הייזל האָט פאַר־נומען 20 צימערן, איינגעאָרדנטע מיט ביליקן גלאַנץ, ווי געוועגלעך אין אַזעלכע אַנשטאַלטן.

צו דער „אַרבעט" האָט מען אויסגעוויילט פון די אַרעסטאַנטינס 11 דייטשישע און 9 פּוילישע פרויען. צוגעזאָגט האָט מען זיי נאָך זעקס חדשים „אַרבעט" זיי צו באַפרייען, אין דער אמתן האָט מען זיי נאָך זעקס חדשים איבערגעפירט אין בזשעזשינקע און דאָרט פאַרטיק געמאַכט.

דער אַריינטריט אין הייזל איז געווען פריי בלויז פאַר „אַריער", גענאָסן האָבן אָבער כמעט נאָר די דייטשן. אַלץ איז דאָ געווען איינגע־אָרדנט מיט אַ דייטשישער סיסטעמאַטישקייט. נאָך דער אַרבעט האָבן די אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן ברעה געהאַט צו באַזוכן דאָס הייזל, זיך אויס־

געשטעלט אין אַ ריי און אויסגעקויפט אַ בילעט פאַר אַ מאַרק. יעדע פענס־יאַנערין האָט אויפגענומען זעקס געסט אין אָוונט. אַ באַזוך האָט געדויערט 20 מינוט. נאָך 15 מינוט האָט די „מאַמע״ אויסגערופן אין קאָרידאָר איר סטערעאָטיפּישן וואָרענונג־אויסרוף: „אַלץ צוגייטן, פופצן מינוט זענען שוין פאַרביי!״.

די מיינונג פון די אַקטיווע קאָנספּיראַציע עסקנים פון צווישן די אָשוויענטשימער אַרעסטאַנטן איז, אַז דאָס שאַנדהויז האָט בשלמות דערפילט די אויפגאַבע וואָס די דייטשן האָבן זיך געשטעלט. אַ סך שטאַרקע און געזונטע מענער זענען זייענדיק סעקסועל אויסגעהונגערט, אַ דאַנק דעם לאַנגיאָריקן שמאַכטן אין די תפיסות און לאַגערס, נישט ביי־געשטאַנען דעם נסיון און זיך אַריינגעלאָזט אין „הנאות־געווירבל״. דאָס האָט זיי אָפּגעריסן פון דער קאָנספּיראַציע־אַרבעט און בהדרגה אָפּגעשוואַכט דעם גייסט פון ווידערשטאַנד און בונט.

גלייך ווי די מייסטערהאַפטע צביעות זייערע, קומט אונדז אויס צו באַוווּנדערן די דייטשישע קונסט צו פאַרסמען דאָס לעבן פון אַרעסטאַנטן דורך קליינלעכע, טאָגטעגלעכע שיקאַנעס.

אָשוויענטשים איז געווען אַ מיל, וואָס האָט זיינע קרבנות בהדרגהדיק געמאָלן און צעריבן און זיי שטיקערווייז אָפּגעטויט — פיזיש און מאָראַליש. צווישן די דייטשישע שומרים פון לאַגער איז פאַרשפּרייט געווען די מיינונג, אַז מער ווי 2־3 מאָנאַטן איז קיין אַרעסטאַנט נישט אימשטאַנד אויסצוהאַלטן. אויף אַזעלכע „דורכגעטריבענע״, וואָס האָבן לענגער אויסגעהאַלטן, האָבן די דייטשן געקוקט, ווי אויף פושעים אָדער פאַרברעכער. איינמאָל האָט דער אונטערשטורמפירער שוואַרצהובער (קאָמענדאַנט פון מענער־לאַגער אָשוויענטשים ב׳ — בזשעזשינקי) געפרעגט אַן אַרעסטאַנט, ווי לאַנג ער איז שוין אין אָשוויענטשים. באַקומענדיק פון אַרעסטאַנט אַן ענטפער אַז 7 חדשים, האָט דער קאָמענדאַנט געזאָגט: „האָסט אונדז אודאי גוט אָפּגענאַרט, ווייל אויף די קעסט פון לאַגער קען מען לענגער ווי דריי חדשים נישט אויסהאַלטן״.

דאָס איז נישט געווען בלויז שוואַרצהובערס אַ פּערזענלעכע מיינונג, דאָס איז געווען — ווי ס׳ווייזט אויס — אַן אַלגעמיין אָנגענומענער פּרינציפּ ביי די ס״ס־לייט. ווען אין ווינטער 1944 האָט אַ נייער קאָמאַנ־

דאנט, קרויזע, איבערגענומען דעם פּרויענלאַגער אין בירקענוי, האָט ער אויך דערקלערט, אַז אַן אַרעסטאַנט טאָר נישט מער לעבן ווי זעקס וואָכן, אויב ער לעבט לענגער, איז עס אַ סימן, אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט קאָמבינירן, און אַזאַ איינעם דאַרף מען ליקווידירן. קלאָרע דיבורים האָט אויך גערעדט דער לאַגערפירער פריטש. ער פלעגט צו די נײַ געקומענע אַרעסטאַנטן האַלטן אַ רעדע, ווו ער האָט זיי דערקלערט: „יידן האָבן דאָס רעכט צו לעבן צוויי וואָכן, גלחים איין חודש, אַלע איבעריקע דריי חדשים".

קורץ און בינדיק . . .

10. די ווירטשאַפטלעכע עקספּלאָאַטאַציע פון דער אַרעסטאַנטן - מאַסע

אין אָשוויענטשים איז נישט דערלויבט געוואָרן די לעבעדיקע מתים רואיק אויסצוגיין. ביז דער לעצטער מינוט האָבן זיי געמוזט אָפּגעבן אַלע בוחות ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פאַרן „זיג פון נייעם סדר".

דער אָשוויענטשימער לאַגער איז געווען אַ ריזיקע אונטערנעמונג פאַר זיך און אַ חוץ דעם אַ רעזערוואַר פון אַרבעטס־כוחות פאַר אַ גאַנצע ריי דייטשישע פירמעס. פאַר יעדן אַרבעטער האָט די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער באַקומען דורכשניטלעך פון 1 ביז 4 מאַרק אַ טאָג. פאַר דער אַד־מיניסטראַציע איז דאָס געווען אַ קוואַל פון ריזיקע הכנסות. די אַרעסטאַנטן, פאַרשטייט זיך, האָבן פון דעם קיין פעניג נישט געזען.

די אינסטרוקציע פון דער אָשוויענטשימער אַדמיניסטראַציע (אָפּטייל 3א פון 18־טן דעצעמבער 1942) זאָגט קלאָר, אַז אין די אונטערהאַנדלונ־גען מיט די פירמעס דאַרף מען בכלל נישט באַרירן די פראַגע וועגן לוין פאַר די אַרבעטער. אַגב איז דער אָפּצאָל געווען אַ גאָר נידעריקער, בעת דער אַרבעטס־טאָג איז געווען אַן אומבאַגרענעצטער, פון פרימאָרגן ביז נאַכט. די פירמעס זענען נתעשר געוואָרן אויפן חשבון פון דער קאַטאָר־זשנער אַרבעט פון די ווייסע שקלאַפן.

גענעראַל אָסוואַלד פּאָהל, דער שעף פון אַלע דייטשע אַרבעטס־לאַגערן האָט דערקלערט אויף זיין פּראָצעס אין נירנבערג: די אַרבעטסקראַפט פון

די העפטלינגע (קאַצעטניקעס) איז געווען די סאַמע ביליקסטע, וואָס די פּריוואַט אינדוסטריע האָט געקראָגן, זינט זי עקזיסטירט". אין דער נאַפט־ראַפינעריע אין טזשעבינקע (שלעזיען) האָבן זיך אָפּגעהיט רעכענונגען, וואָס די דאָזיקע פאַבריק האָט געצאָלט פאַר אירע 600 אַשוויענטשימער אַרעסטאַנטן. די פירמע האָט געצאָלט דער לאַגער־פאַרוואַלטונג פאַר יעדן נישט־קוואַליפיצירטן אַרבעטער 4 רייכסמאַרק אַ טאָג, פאַר אַ קוואַליפיצירטן 6 מאַרק. במשך פון צוויי חדשים האָבן באַטראָפן די נעטאָ־הכנסות פון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע בלויז פון דער איינער, קליינער פלאַצוווקע

קיין לוין האָבן די אַרעסטאַנטן נישט באַקומען. זייער זעלטן פלעגן זיי בלויז באַקומען אַ פּרעמיע־שיין פון... 50 פעניג!

נישט ווייניקער ווי 106.790 רייכסמאַרק. (דער באַריכט פון פּוילישן פּראָקוראָר און ריכטער ד"ר יאַן זעהן).

אַ סך ווייניקער האָבן געצאָלט דייטשע רעגירונגס אונטערנעמונגען. די דינסטשטעלע R. A. B. S. (רייכס־אויטאָבאַן־שטעלע) אין ברעסלוי האָט געצאָלט דער לאַגער־פאַרוואַלטונג אוישוויץ פאַר אירע אַרבעטער פאָלגנדע פּרייזן:

פאַר אַ שוואַרצאַרבעטער 50 פעניג,
פאַר אַ פאַכאַרבעטער 75 פעניג,
פאַר אַ פאָראַרבעטער 1 מאַרק,
פאַר אַ דענטיסט אָדער ביוראָ־אַרבעטער 2 מאַרק,
פאַר אַ דאָקטאָר אָדער לאַגערעלטעסטן 3 מאַרק.

(זכרונות פונעם פראַנצויזישן דאָקטאָר ב. קרעווער, אַרעסטאַנט נר. 55.295).

געווען אויך אַנדערע פאַלן, ווען מען האָט פאַר אַ קוואַליפיצירטן אַרבעטער געצאָלט 1.50 מאַרק און פאַר אַ נישט קוואַליפיצירטן 50 פעניג טעגלעך. אפילו ביי די דאָזיקע נידעריקע לוינען האָט די לאַגער־אַדמיניס־טראַציע געקאָנט האָבן גרויסע רוחים, ווייל די אַרבעטער האָט זי סיי ווי גאָרנישט אויסגעצאָלט און די אייגענע אויסהאַלטונגס־קאָסטן פון אַרעס־טאַנט האָבן נישט באַטראָפן מער ווי דרייסיק פעניג אַ טאָג!

ס׳רוב אַרבעטער אויף די דאָזיקע אַרבעטס־שטעלעס זענען געווען יידן. די אָשוויענטשימער שקלאַפן האָבן געאַרבעט סיי אין די אונטערנע־מונגען, וואָס האָבן געהערט צום ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם פון לאַגער, און סיי ווי אָפּגעדונגענע אַרבעטער אין דרויסנדיקע אונטערנעמונגען.

צו די ווירטשאַפטלעכע אַרבעטס־שטעלן פון לאַגער האָבן געהערט: די קוילן־גרובעס (יאַווישאָוויצע, לאַגישאַ, פירסטען־גרובע ביי סאָסנאָוויץ, מיסלאָוויץ), די לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונג אין בודי (600 ביז 700 אַרבעטער), אין באַכיצע, האַרמענזע (פיש־ און עופות־ווירטשאַפט), אין בולאָווי, בזשעשטש, פּאָרעמבקעאַ. א. א. די דאָזיקע לאַנדווירטשאַפט־לעכע פאַרמעס און גערטנערייען האָבן געהערט (אַ חוץ בודי) צו די לייכט־סטע און אַנגענעמסטע אַרבעטס־פּלעצער. דאָ האָט מען, פאַרשטייט זיך, קיין יידישע פרויען נישט געשיקט, נאָר „אַריערינס״, צווישן זיי אַ סך פּאָלקעס, פאַרטרעטערינס פון פּוילישער עליטע — פון דער וויסנשאַפט, קונסט, ליטעראַטור (סעווערינאַ שמאַגלעווסקאַ: די רויכן איבער ביר־קענוי). גוט האָט זיך אויך געלעבט די פרויען (אַריערינס), וואָס האָבן אין דער געמיוז־פאַרמע פון ראַיסקאָ געהאָדעוועט דעם קאָק־סאַגיז, אַ פלאַנץ, פון וועלכער די נאַציס האָבן לויטן רוסישן ביישפּיל געהאָפט צו קריגן רוישטאָף פאַר זייער גומי־אינדוסטריע. אַנדערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן גענוצט די אַרבעט פון די קאַצעטניקעס זע־נען געווען אין גאָלעשאָוו, שווינטאָכלאָוויצע („איינטראַכטסהיטע״), יאַ־וואָזשנאָ (ניי־דאַקס), ברין, גליוויצע א׳, טשעכאָוויצע, טשעביניע און אַנדערע. עס זענען צווישן זיי אויך געווען אייניקע פאַבריקן פון מלחמה־אינדוסטריע, למשל די פאַבריק פון אויפרייס־שטאָפן „אוניאָן״, וואָס האָט באַשעפטיקט ביי טאָג 700 אַרבעטער און ביינאַכט די העלפט דערפון; ד. א. וו. (דייטשע אויסריסטונגס ווערקע) וואָס האָבן באַשעפטיקט ביי־

2.500 אַרעסטאַנטן. אַנדערע אונטערנעמונגען פון מלחמה־אינדוסטריע זענען געווען אין בלעכהאַמער, זאַבזשע (הינדענבורג), ניישטאַט, לעבט־ווערדען, פּראָווידענטאַל אאַ"וו.

פון די פּריוואַטע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַשעפטיקט אַרבעטער פון לאַגער, איז געווען די גרעסטע די פאַבריק פון סינ־טעטישן בענזין און קויטשוק אין מאָנאָוויצע (די בונאַ־ווערקע), געגרינדעט האָט זי איינע פון די גרעסטע דייטשישע פירמעס, די באַרימ־טע „י. ג. פאַרבענאינדוסטריע". אין די יאָרן 1940־1941 האָט זיך די פאַבריק ערשט געפונען אין סטאַדיע פון גרינדן. מ'האָט לכתחילה דורכ־געפירט בויאַרבעטן און מאָנטירט די אייזערנע מעטאַלענע קאָנסטרוקציעס. דער גענעראַל דירעקטאָר פון דער י. ג. פאַרבענאינדוסטריע ד"ר אָטטאָ אַמבראָס איז געווען אַ פּערזענלעכער פריינט פון היינריך הימלער און האָט פון אים באַקומען אַ צוזאָג, אַז ער וועט קריגן פון אים קאַצעטניקעס צו באַזונדערס גינסטיקע באַדינגונגען. די בונאַ ווערקע אין דעם אָשוויענ־טשימער לאַגער זענען געוואָרן געגרינדעט כמעט גלייכצייטיק. די דאָזיקע ריזנפאַבריק האָט באַשעפטיקט די גרעסטע צאָל געדונגענע קאַצעטניקעס. עס האָבן דאָרט געאַרבעט דורכשניטלעך ביז 25.000 קאַצעטניקעס (פון זיי ביז 90% יידן), אַ חוץ דעם 1000 ענגלישע קריגסגעפאַנגענע און אַן ערך 35.000 ציווילאַרבעטער. אין סעפּטעמבער 1944 איז די פאַבריק גע־וואָרן באָמבאַרדירט דורך אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען און שטאַרק באַ־שעדיקט געוואָרן. פון דער צייט האָט מען פאַרקלענערט די צאָל אַרבעטער. לויט דער גבית עדות פון געוו. אָשוויענטשימער תושב און דעפּוטאַט צום פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט אינזש. קורילאָוויטש האָבן דאָרטן די קאַצעטני־קעס געאַרבעט אין גאָר שווערע באַדינגונגען. פינף אַזיינגער באַגינען זע־נען די אַרעסטאַנטן אַרויסגעפּאָרן פון אָשוויענטשימער לאַגער צו דער סטאַנציע דוואָרי, פון וואַנען זיי האָבן נאָך געהאַט צו גיין 3—4 ק"מ ביז צו דער אַרבעטס־שטעלע. ביי דער אַרבעט פלעגט מען די אַרעסטאַנטן מוראַדיק שלאָגן. הגם אין אָפּמאַך האָט זיך גערעדט, אַז די אַרעסטאַנטן דאַרפן באַקומען וואַרעם געקעכץ, האָט מען זיי דאָס נישט געגעבן. די טעגלעכע אַרבעטס־נאָרמע, וואָס מען האָט פון זיי פאַרלאַנגט, איז איי־בערגעשטיגן די פיזישע כוחות פון אַ דורכשניטלעכן מענטש. קיין ווונ־

דער נישט, וואָס די מענטשן זענען זייער גיך געפאַלן פון די כוחות. פון די 25.000 קאַצעטניקעס ביי די בונאַ־ווערקע אין פרילינג 1944 זענען 1223 געשטאָרבן אָדער דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, 11547 ווידער האָט מען „איבערגעזידלט" קיין בזשעזשינקא צו דער קאַז־קאַמער.

היות ווי די אונטערנעמונג י. ג. פאַרבענאינדוסטריע האָט אויסגע־צאָלט קראַנקן־אונטערשטיצונג נאָר פאַר 14 טעג, האָט די לאַגער־קאָמענ־דאַנטור „באַזייטיקט" די מענטשן (צום גאַז), וואָס האָבן געקרענקט לענ־גער ווי 14 טעג, כדי נישט צו מינערן אירע הכנסות.

די „י. ג. פאַרבענאינדוסטריע" האָט באַשעפטיקט מענטשן אויך אויסער מאָנאָוויצע, אין אַ גאַנצער ריי שכנותדיקע מקומות, ווי האָלצ־האַגען, כעלמעק, פאַזשעצאָוו, פאַרקי, באָברעק א. א. וו.

אויך אַנדערע גרויסע דייטשישע פירמעס האָבן נהנה געווען פון דער אָשוויענטשימער שקלאַפן־אַרבעט, ווי למשל די פירמע סימענס און שוקערט (באָברעק). פון דער דאָזיקער ביליקער אַרבעט האָבן זיך אויך אַ גאַנצע ריי קלענערע דייטשע פירמעס נישט אָפּגעזאָגט.

11. טויט דורך אַרבעט

די נאַציסטישע דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע האָט מיט טויזנטער היל־בערס און מיט אַ באַטויבנדן רעש און ליאַרם אויסגעפּויקט אין דער גאַנ־צער וועלט איר רעקלאַמע־אַרטיקל פאַר אירע אייגענע דייטשע פאָלקסגע־נאָסן: „קראַפט דורך פרייד".

אָבער די פאַרברעכערישע נאַציסטישע פאַרניכטונגס־מאַשין האָט פּראָדוצירט נאָך אַ צווייטן געברויכס־אַרטיקל, וועלכן זי האָט גאָרנישט אַזוי הויך אויסגעפּויקט פאַר דער וועלט. פאַרקערט, זי האָט אים שטילער־הייט אויסבאַהאַלטן פאַר זיך אַליין, זי האָט אים שעמעוודיק, מיט צניעות און מיט צביעות, געפּרוווט רעאַליזירן, אָן רעש און אָן רעקלאַמע. דער דאָזיקער אַרטיקל, באַשטימט פאַר די או"ה און בפרט פאַר יידן, האָט גע־הייסן: „טויט דורך אַרבעט".

אַרבעט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער איז נישט געווען אַ צוועק פאַר

זיך אַליין. אַרבעט איז געווען אַ מיטל, דער פּרעטעקסט, ווי אַזוי מענטשן צו דערפירן צום טויט מיט די גרעסטמעגלעכסטע יסורים, דערנידערונגען און עינויים.

„די אַרבעט איז נישט געווען דער צוועק פאַר זיך אַליין, זי האָט קיינעם נישט געבראַכט קיין שום נוצן. מיר האָבן געטראָגן שטיינער אויף אַ מרחק פון צען און מער קילאָמעטער און אַריינגעוואָרפן אין ראָוו. נאָך עטלעכע טעג, ווען דער ראָוו איז געווען פול, האָט מען אונדז געהייסן נעמען די שטיינער און זיי צוריקטראָגן אויפן פעלד, פון וואַנען מיר האָבן זיי גענומען. אָדער מען האָט אונדז אין אַ שווערן ווינטער געהייסן טראָגן שניי פון איין עק לאַגער אויפן צווייטן עק. ביי דער אַרבעט האָבן מיר זיך אָפּגעפרוירן די הענט און די פיס״ — דערציילט פּעלאַגיע לעווינסקאַ פון אוישוויצער לאַגער.

אין אָשוויענטשים האָבן געאַרבעט איבער 300 אַרבעטער־גרופּעס. יעדע אַרבעטס־קאָמאַנדע האָט געציילט פון 50 ביז 1.200 מאַן.

צו די שווערסטע אַרבעטן האָט געהערט דאָס טריקענען די אָשווויענטשימער בלאָטעס. ביי אַלע אַרבעטן אָבער איז דאָס ערגסטע געווען נישט די אַרבעט גופא, נאָר דאָס באַהאַנדלען די אַרעסטאַנטן. מען האָט זיי געטרודעט, געשלאָגן, געפּייניקט, געחוזקט און געשפּאָט. די דאָזיקע ענויים האָבן טיילמאָל געהאַט גאָר אַ טראַגישן סוף.

מאָריס שטאַסמאַן פון בעלגיע דערציילט: אויגוסט 1943 האָב איך געאַרבעט ביים בויען אַ פאַבריק פון דער י. ג. פאַרבענאינדוסטריע. איינמאָל האָבן די ס. ס.־לייט געבראַכט 400 מאַן פון פראַנקרייך, יוגאָסלאַוויע און בעלגיע און זיי גענומען באַגראָבן לעבעדיקערהייט, זאָגנדיק צו אונדז: „קוקט זיך צו און אַרבעט בעסער, אַז נישט וועט מיט אייך דאָס זעלבע פּאַסירן״.

די אַרבעט אין לאַגער האָט זיך געפירט אין אַ מערדערישן טעמפּאָ און וועלכע נישט איז פּאַרזיכטיקייטס־מיטלען. דער סך־הכל פון אַזאַ מין אַרבעט איז געווען: צעבראָכענע הענט, פיס און ריפּן, צעהאַקטע שאַרבנס און איבערגעבראָכענע רוקנביינער. מזל האָבן געהאַט די, וואָס זענען אויפן אָרט געשטאָרבן. די פאַרוווּנדעטע זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין „קראַנקן־



Schutzhaftlager

Arbeitsdienst

Beginn .... Uhr, Ende .... Uhr, Arbeit: ....

Es wurden .... Schutzhaftgefangene zur Arbeit gestellt.

Bei Beginn der Arbeit richtig übergeben: | **Nach Beendigung der Arbeit vollzählig zurückgebracht:**

Arbeitsdienstführer | Posten- oder Postentruppführer

richtig übernommen: | **vollzählig übernommen:**

Posten- oder Postentruppführer | Blockführer v. D.

Geprüft:

Arbeitsdienstführer

דער אַרבעטסצעטל (טעגלעכער ראַפּאָרט) פאַר די ס״ס־אַרבעטס־
פירער מיט אָנווייזונגען ווי מען דאַרף זיך נוהג זיין מיט די
אַרעסטאַנטן, אין דייטש, אונגאַריש, ליטוויש און רומעניש



Kontrollvermerk:

בוי״, פון וואַנען זיי זענען נאָך עטלעכע טעג אָדער וואָכן איבערגעטראַנס־פּאָרטירט געוואָרן צום גאַז.

נישט נאָר דער טעמפּאָ פון דער אַרבעט איז געווען אַ מערדערישער, דער מהות פון דער אַרבעט און דער קוואַנטום כחות און אָנשטרענגונג וואָס די אַרבעט האָט פאַרלאַנגט, איז געווען אַזוי קאַלקולירט, אַז ער האָט איבערגעשטיגן די כוחות פון אַ נאָרמאַלן מענטש און אפשר אפילו פון אַן אַטלעט. מיר וועלן ברענגען אייניקע ביישפּילן:

ביים בויען די שאָסייען (איינע פון די אָפטע באַשעפטיקונגען פון די קאַצעטניקעס) פלעגט מען צובינדן אַ נישט געווענלעכע צאָל מענער צו אַ שווערער וואַלצע און דערנאָך זיי צוגעיאָגט מיט אַ בייטש. די וואַלצע האָבן זיי געצויגן אויף אַ וועג, וואָס איז געווען אויסגעשיט מיט דראָבנע שטיינדעלעך; אַליין זענען זיי דערצו אָפט געווען באָרוויס. די זעלבע אַר־בעט האָט מען אויך געהייסן טון די פרויען. צום מיינסטן האָט מען צו דער וואַלצע איינגעשפּאַנט יידן אָדער גלחים און געהייסן זיי „אַרבעטן״ אַ גאַנצן טאָג. דער שומר און שמייסער איז געווען אַ דייטשער קאַפּאָ קראַנקעמאַן. אויף דעם אופן האָט מען אויסגעהרגעט כמעט אַלע גלחים אין לאַגער און אַ שיעור יידן. (דער באַריכט פון ד״ר יאַן זעהן, זכרו־נות פון חנה קאַמפּעל.)

אין דער אַזוי גערופענער „קאַרטאָפל־קאָמאַנדאָ״ איז געווען דער פאָלגנדער „סטיל פון אַרבעט״: די קאַצעטניקעס האָט מען געהייסן אויס־לאָדן די קאַרטאָפל פון וואַגאָנען, יעדע צוויי קאַצעטניקעס האָבן באַקומען אַן עמער מיט 150 קילאָ קאַרטאָפל און געמוזט זיי ברענגען אין „לויפ־שריט״ צו די גריבער, אויסלאָדן, צוריק לויפן און ווידער דאָס זעלבע.

דאָס זעלבע טעמפּאָ האָט מחייב געווען ביי אַנדערע אויסלאָד־אַרבעטן. אויסלאָדן צעמענט, האָט געהייסן — נעמען אַ זאַק מיט 50 קילאָ און שנעל אים ברענגען פון באַן־ראַמפּע צו די מאַגאַזינען (150 מע־טער). אָבער אין 2 שעה האָט מען געמוזט איבערטראָגן 484 זעק.

אין דער מיטאָגסצייט האָבן געמוזט ספּעציעלע קאָמאַנדעס פון קאַ־צעטניקעס טראָגן ברויט און זופּ פון דער קיך און בעקעריי אין די בלאָקן. אויך דאָס האָט געמוזט גיין אין אַ משוגענעם טעמפּאָ אין די משא (דער

פארפליכטנדער קאָנטינגענט) איז תמיד געווען איבער די כחות פון די טרעגער.

ווי דערמאָנט, האָבן צו די שווערסטע אַרבעטן געהערט די ערד־אַרבעטן אין אָשוויענטשימער בלאָטעס. צו דער אַרבעט האָט מען באַנוצט מייסטנס יידן און רוסישע קריגסגעפאַנגענע. דאָס איז געווען אייגנטלעך אַן אָרגאַניזירטער מאַסנמאָרד. ווען עמיצער פון די רוסישע קריגס־געפאַנגענע פלעגט פאַלן ביי דער אַרבעט פון דערשעפּונג — האָט דער ס. ס. ראַפּאָרט־פירער סטיוויץ בודק געווען מיט אַ גליענדן אייזן, צי ער לעבט נאָך. אויב ער האָט נאָך געגעבן סמנים פון לעבן, האָט מען אים געשלאָגן מיט דראַנגעם ביזן טויט.

געווען אַ סאָרט אַרבעט ביי שטיינברוכן, וואָס איז פּשוט באַטראַכט

פרויען ביי דער אַרבעט (אַ צייכענונג)

געוואָרן ביי די ס. ס.־לייט ווי אַ סאָרט פון פאַרניכטונגס־פּראָצעס. וועגן דעם זאָגט עדות דער פאָלגנדער ציניִשער באַפעל פון שעף פון דער אַמטס־גרופּע „ד" אין דעם ס. ס.־פאַרוואַלטונגס־ אוןווירטשאַפטס־הויפּט־אַמט אָראַניענבורג, בערלין, פון 15 נאָוועמבער 1941 צו דער לאַגער־ליטונג

(דער באפעל איז געווען שטרענג געהיים): „דער רייכספירער ס. ס. און פאליציי (ד. ה. הימלער) האט פרינציפיעל מסכים געווען אפצולייגן דאס אויסהרגענען די רוסישע קריגסגעפאנגענע אין די קאצעטן, אויב זיי זענען גענוג שטארק צו ארבעטן אין די שטיינברוך־גרובן. דער לאגער־פירער און דער לאגער־ארצט דארפן דעריבער אויסקלויבן פון יעדן נייעם טראנספארט אזעלכע קריגסגעפאנגענע, וואס זענען גענוג שטארק פאר אזא ארבעט". (ציטירט לויט ד"ר זעהן).

קאצעטניקעס, וואס האבן געהאט א האנטווערק אדער אן אנדער נוצלעכן פאך אין זייער האנט, האבן נאך געהאט א האפענונג צו א לייכטערער ארבעט אין זייער פאך. אן ארבעט און לכל הפחות עפעס מענטשלעכערע באדינגונגען. דעם ערגסטן גורל האבן געהאט פארטרעטער פון פרייע בארופן, סוחרים, באאמטע און בכלל אינטעליגענץ. זיי האבן געבילדעט די מאסע פון די שווערארבעטער (איבער 70%) און צווישן זיי איז די שטערבלעכקייט געווען די גרעסטע.

אבער ווי געזאגט, די פרויען האט מען אויך נישט געשוינט. „אויף די לאנדווירטשאפטלעכע פערמעס האבן די ס. ס.־לייט איינגעשפאנט דריי פרויען צו איין פלוג און א פערטע האט אנגעפירט דעם פלוג און געאקערט. די ערד אין אשוויענטשים איז געווען זייער א שווערע (ליים און בלאטע). אדער מען האט איינגעשפאנט 6—8 פרויען אין א שווערן וואגן וואס האט געפירט לאנד־פראדוקטן, ליים, קוילן א. א. וו. אדער פרויען האבן געגראבן „ענטוועסערונגס־גראבן", שטייענדיק ביז צו די קני אין דעם אייזיק־קאלטן וואסער" (ד"ר ייזשי בענעש).

צו די געפערלעכסטע האט געהערט די ארבעט אין די קוילן גרובן. די קאצעטניקעס זענען געווען נישט קוואליפיצירט צו דער ארבעט און קיינער האט זיך נישט געגעבן די מי זיי ווי געהעריק אויסצובילדן. די די גרובן זענען נישט געווען ווי געהעריק פארזיכערט, ס'זענען פארגעקומען אפטע קאטאסטראפעס (וואסער, גאז). אפט איז דער סופיט איינגעפאלן באגראבנדיק צענדליקער ארבעטער, אפט זענען ארבעטער געווארן איבערגעפארן דורך אומפארזיכטיק פארנדע לארעס מיט קוילן. קיין צייט אויף אויסצוריכטן די פארעלטערטע און געפערלעכע אינסטאלאציעס איז נישט געווען אין די באדינגונגען פון דער פיבערהאפטער קריגספראדוק־

ציע. און אַרבעט האָט מען פאַרלאַנגט. אין איינעם אַ גרובן האָט מען למשל פאַרלאַנגט, אַז יעדע גרופּע פון 3 יידן זאָל אָנלאָדן במשך פון 8 שעה 50 וועגעלעך מיט קוילן. אין אַן אַנדער גרובן האָט מען פון זיי פאַרלאַנגט 14 שעה אַרבעט, שטייענדיק אין וואַסער ביז צו די קני, איינגעבויגן אין די נידעריקע קאָרידאָרן, איינשלינגענדיק אַ גאַנצן טאָג גאַז. אויב זיי האָבן נישט אויסגעאַרבעט זייער נאָרמע, האָט מען זיי אין אָוונט קיין ברויט נישט געגעבן. אין דער נאַכט האָט מען אָוועקגעשיקט פולע אויטאָס מיט לעבעדיקע מתים צום גאַז. געזונטע שטאַרקע מענער האָבן ביי די באַדינגונגען נישט אויסגעהאַלטן די אַרבעט אין די קוילן־גרובן מער ווי אַ פּאָר וואָכן.

די זעלבע שרעקלעכע אַרבעטסבאַדינגונגען האָבן אויך געהערשט אין דער א. ג. שטראַף־קאָמאַנדע. די דאָזיקע קאָמאַנדע האָט זיך געפונען אין דעם דאָרף בודי (Budy) 8 קילאָמעטער ווייט פון שטאַמלאַגער אוישוויץ. ס׳איז דאָרט געווען אַ מענער און פרויען לאַגער. דאָרט האָבן, אין פולשטענדיקער איזאָלירטקייט פון דעם רעשט לאַגער, אין פּיין און יסורים פאַרבראַכט זייערע טעג די „באַשטראָפטע" קאַצעטניקעס.

אָט ווי אַזוי טאַדעאוש סמאָלען באַשרייבט זיי (פּראָט. פון דער פּוילישער הויפּט־קאָמיסיע):

„דער הויף פון בלאָק איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן מויער, איבער וועלכן עס זענען געווען אַרומגעצויגן שטעכיקע דראָטן. די שטראַפקאָמאַנדע־מאַנשאַפט האָט נישט געטאָרט פאַרלאָזן דעם בלאָק און הויף, אויסער ווען זי איז געגאַנגען צו דער אַרבעט אונטער דער ס. ס.־עסקאָרטע. ס׳איז נישט געווען דערלויבט צו האָבן וועלכע עס איז פאַרבינדונגען מיט אַרעסטאַנטן פון אַנדערע לאַגערן.

די שטראַפקאָמאַנדע־לייט זענען געווען באַשעפטיקט ביי גראָבן ענטוואַסערונגס־קאַנאַלן אַרום דעם לאַגער אָדער ביים רעגולירן די ווייסל. אַרבעטן האָבן זיי געמוזט לויט אַ טעמפּאָ, באַוועגן זיך נאָר לויפנדיק. די „קאַפּאָ"־פונקציעס האָבן אויסגעפירט בלויז דייטשן, די גרעסטע באַנדיטן און סאַדיסטן. הגם זיי האָבן באַקומען די זעלבע דערנערונג ווי די אַרעסטאַנטן פון אַנדערע בלאָקן, האָבן זיי מחמת שיקאַנעס מצד די ס. ס., פון לאַגער־פאַרוואַלטונג און די קאַפּאָס כמעט קיינמאָל נישט גע־

קאַנט דערעסן זייערע פּאַרציעס. אָפט האָט מען זיי געוועקט אינמיטן נאַכט, אומברחמנותדיק געממיתט מיט שטעקנס, געקאָפּעט מיט די פיס און גע־הייסן שטיין אין אַ רעגן אַ גאַנצע נאַכט אויפן הויף און שפּעטער גע־טריבן צו אַרבעט נישט געבנדיק קיין דערנערונג."

טאָג־טעגלעך נאָך דער אַרבעט איז צו דער אַרבעטס־שטעלע פון דער שטראָף־קאָמאַנדע געקומען אַ „ראָלוואַגן" און געבראַכט פון דאָרט אַ פּאָר צענדליק מתים.

דער „פליישוואָגן" איז אַרומגעפאָרן זאַמלען קרבנות נישט בלויז אין שטראַפסקאָמאַנדע. אין יעדן אַרבעטס־קאָמאַנדע, אויף אַלע וועגן און שטעגן פון אַשוויענטשימער לאַגער האָט מען טאָג־טעגלעך געמוזט זאַמלען קרבנות. די ס. ס. - לייט און די קאַפּאָס האָבן זיך געלאַנגווײלט, באַוואַ־כנדיק די אַרבעטנדע קאַצעטניקעס. זיי האָבן געזוכט פאַרוויילונג און „שפּאַס" דורך איזדיעקעווען זיך, דורך שלאָגן און מאַטערן ביז צום טויט די אַרבעטער. ביי דער דאָזיקער באַהאַנדלונג און ביי דער שווערער אַר־בעט זענען אַ סך פון זיי געבליבן ליגן טויט אויף די אַרבעטס־פּלעצער און אויף די וועגן צו אַרבעט.

אויסער אַזעלכע אומצאָליקע איינצלמאָרדן פלעגן פּאַסירן אויך שווי־דערלעכע מאַסנמאָרדן. מיר ווילן דאָ ציטירן בלויז צוויי אַזעלכע מאַקאַב־רישע פאַלן :

„מען האָט אונדז אָפּגעפירט צו עפּעס אַ נייער בוי־אַרבעט אין איישוויצער שטאַמלאַגער. דער ס. ס. - מאַן לאַסמאַן מיט נאָך אַ גרופּע ס. ס. - לייט האָט פון אונדזער גרופּע אויסגעוויילט 30 מענטשן, געפירט זיי צו אַן אויסגעגראָבענער יאַמע און זיי דאָרט פאַרשאָטן ביז צו די שול־טערן, דאַן זענען זיי אַרויף אויף פערד און האָבן אָנגעהויבן אַרומצו־שפּרינגען איבערן פעלד אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן געהרגעט אַלע 30 איינ־געגראָבענע מענטשן". (אַ גבית עדות ציטירט אינעם באַריכט פון דער סאָוויעטישער אויספאָרש־קאָמיסיע).

„אַ גרופּע פון 500 מענטשן האָט מען געהייסן גראָבן גריבער ביז אַנדערהאַלבן מעטער טיפע. דאַן האָט אַ גרופּע אוקראַינער געבונדן זיי די הענט און זיי אָנגעהויבן פאַרשיטן, איבערלאָזנדיק בלויז די קעפּ איבער דער ערד. דאַן האָבן זיי אַרויפגעשיט אויף די קעפּ [illegible] די צעמישטע

מענטשן בלערליי מיסט און אָפּפאַל. נאָך עטלעכע מינוטן זעט מען שוין נישט קיין קעפּ, נאָר מען הערט פון אונטער דעם מיסט אַ מין כראָפּען. ווען זיי האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אויף דעם דאָזיקן מיסט אַ מאַסע הונגעריקע האַלבווילדע חזרים, וועלכע האָבן אָנ־



אַ צייכענונג ווי מען גייט צוריק פון דער אַרבעט מיט די צום טויט פאַרפייניקטע חברים

געהויבן צו צעריסן די האַלב דערשטיקטע מענטשן" (גבית עדות פונעם עסטרייכישן קאַצעטניק קורט האקער).

מיר מיינען, אַז דאָס בילד פון דער „אַרבעט" אין קאַצעט אָשוויענ־טשים איז שוין אַ גענוג פולקאָמע . . .

12. הונגער

אין דער זעלבער צייט, ווען דער מחבר פון באַרימטן בוך „הונגער" — קנוט האַמסון, האָט זיך עפנטלעך געחברט מיט היטלער־דייטשלאַנד, האָט די דייטש; נישט געקאַרגט קיין קאָמפּלימענטן אין זיינע אַרויסטרע־טונגען און האָט זיין זון געשיקט אין די ס. ס.־בריגאַדעס, אין דער צייט האָבן הונדערטער טויזנטער אָשוויענטשימער אַרעסטאַנטן געשמאַכט פאַר הונגער, וואָס איז טויזנטמאָל שרעקלעכער געווען פון אַלע האַמסונישע באַשרייבונגען.

ד"ר י. וואַלמאַן האָט אין זיין גבית־עדות אַרויסגעזאָגט אַן אינטע־רעסאַנטע אָבסערוואַציע: זינט ער איז געקומען קיין אָשוויענטשים, אינ־מיטן 1942 יאָר ביז דער מיט 1943, האָט ער אויף דער טעריטאָריע פון

לאַגער נישט באַמערקט נישט קיין איין פויגל און נישט קיין איין קאַץ! פייגל און קעץ האָבן נישט געהאַט וואָס צו זוכן אויף אַן אָרט, ווו פאַר־הונגערטע מענטשן האָבן שוין גיריק אויסגענישטערט און אויפגעגעסן די קלענסטע ברעקלעך שפּייז, אַפילו פון די מיסטהויפן. דורכן לאַגער האָבן זיך געשאַרט שאָטנס־סקעלעטן, אָדער מענטשן מיאוס געשוואָלענע פון הונגער. אויף צו געבן אַ קליינע פאָרשטעלונג פון דעם צו וואָס פאַרא מדרגה פון מאָגערקייט און דערשעפּונג די היטלעריסטישע תלינים האָבן געקענט דערפירן אַ מענטשלעכן אָרגאַניזם, גיבן מיר אַ פּאָר ביישפּילן פון ד״ר וואָלקענס סטאַטיסטיק. די דאָזיקע מאַטעריאַלן זענען נוגע אַרעס־טאַנטן, וואָס זענען געקומען קיין אָשוויענטשים דעם 5־טן דעצעמבער 1943 מיט אַ טראַנספּאָרט פון פלאָסענבורג (בייערן).

אָט וואָס די ציפערן דערציילן:

נר. פון אַרעסטאַנט	זיין נאָמען	וווּקס אין צ״מ	וואָג אין ק״ג
87.078	שעדראַטיק טאַדעאוש	180	43,0
95.433	צורילאַ סטאַניסלאַוו	175	39,5
166.600	דאַטשענקאַ מיכאַל	167	34,5
166.400	ליסענקאַ ניקאָלאַי	173	39,0
166.641	יעוועץ מיכאַילאַ	171	35,5
166.336	האַסינג מיכאַיל	156	28,0

די ציפערן נויטיקן זיך אַפילו נישט אין קאָמענטאַרן. אָבער מיר קענען ברענגען צו זיי אַ סטאַטיסטישע דערגענצונג. פון פלאָסענבורג איז אַרויס אַ טראַנספּאָרט פון 1.200 מאַן, אָנגעקומען קיין אָשוויענ־טשים זענען 948. דעם 18־טן דעצעמבער ד. ה. נאָך צוויי וואָכן איז פון זיי געבליבן 948 מאַן.

און אָט נאָך עטלעכע ציפערן פון דער אָשוויענטשימער „סאַנאַ־טאָריע״:

די אַרעסטאַנטקע נר. 44.884, אַ פּאָלקע, געבוירן אין יאָר 1914, געקומען קיין אָשוויענטשים דעם 15 מאַי 1943, הויך 1,60 מ׳, געוווינן

פריער (פאַר דעם אַרעסט) 75 קילאָ, האָט געוווגן עטלעכע חשדים נאָך דער באַפרייאונג און היילונג אין רויט־קרייץ שפּיטאָל — 25 קילאָ.

א האָלענדישע יידישע פרוי נר. 27.858 „א", געבוירן 1908, 155 ס"מ הויך, געבראַכט קיין אָשוויענטשים אין מיטן 1944 יאָר, האָט געוווגן 23 קילאָ נאָך דער באַפרייאונג (מאַטעריאַלן פון דער פוילישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, באַריכט פון ד"ר יאַן זעהן). ד"ר ייזשי בענעש

„לעבעדיקע מתים" ווערן געבראַכט דורך זייערע חברים פאַרחלשטע נאָך דער אַרבעט

האָט געוווגן נאָך אַ האַלב יאָר אוישוויץ 49,2 קילאָ; ער איז געווען 1,78 מעטער הויך. דער יידישער קאַצעטניק פון פראַנקרייך גי (וואָלף) כהן שרייבט אין זיינע זכרונות, אַז ער האָט אין אָשוויענטשים פאַר־לוירן 43 קילאָ במשך פון אַ דרייפערטל יאָר.

די אַשוויענטשימער קאַצעטניקעס האָבן געדאַרפט קריגן טעגלעך: 350 גראַם ברויט און א חוץ דעם: 1) צום פרישטיק: א האַלבע ליטער שוואַרצע „ערזאַץ״ קאַווע אָדער קרויטעכץ־טיי — מיט 5 גראַם צוקער, 2) צום מיטאָג: איין ליטער זופּ. דאָס האָט געדאַרפט זיין א פלייש־זופּ (מיט 20 גראַם ביינערפלייש פּראָ ליטער) אָדער א קאַרטאָפל־זופּ. 3) צום נאַכטמאָל: 40 גראַם וואורשט אָדער מאַרגאַרין. אָדער 50 גראַם מאַר־מעלאַד אָדער קעז.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען בלויז טעאָריע, הגם דאָס זע־נען געווען, ביי דער שווערער אַרבעט, ריכטיקע הונגער־פּאָרציעס. דאָס ברייטל פון 1400 גראַם האָבן די בלאָק־עלטעסטע אַזוי קונציק געטיילט אויף פיר טיילן, אַז יעדער קאַצעטניק האָט געקראָגן העכסטנס 300 גראַם. אין בירקענוי האָט מען למשל אין יאָר 1942 אָפיציעל געטיילט יעדעס ברייטל אויף 8—6 טיילן, אַזוי אַז יעדער איינער האָט געקריגן בלויז 200 גראַם אָדער 175, — דעם ריווח האָבן צוגענומען די „פּראָמי־נענטן״.

דער דערנערונגס־ווערט פון ברויט איז געווען גלייך נול. ווי עס דערציילט דער געוו. אַשוויענטשימער אַרעסטאַנט, דער לאָדזשער דאָק־טאָר יעקב וואַלמאַן, האָט אן אַנאַליז פון דעם אַשוויענטשימער עסנ־וואַרג אַרויסגעוויזן אין ברויט א צומיש פון טראָטשינעס (ביז 25% האַלץ־מעל) און א גרויסע צאָל שעדלעכע באַקטעריעס. א חוץ דעם איז אין ברויט געווען צוגעמישט סאַלעטרע, וואָס האָט געברענט.

אין דער פלייש־זופּ האָט געפעלט דאָס פלייש און אין קאַרטאָפל־זופּ האָט געפעלט דאָס מאַרגאַרין. ווייל פלייש פלעג מען סיסטעמאַטיש צונעמען צו דער ס. ס.־קיך (זיי האָבן א פּנים נאָך געהאַט צו ווייניק, נעבעך!) און 50% פון מאַרגאַרין פלעגן פון די מאַגאַזינען צעגנבענען די פאַרשידענע מאַכערס.

„א גרויסע נבלה זענען באַגאַנגען די בלאָק־עלטעסטע, וואָס האָבן פאַר זיך צוגענומען שפּייז, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די אַרעס־טאַנטן און די הונגעריקע געגעבן פאַרקלענערטע פּאָרציעס.

עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען די בלאָק־עלטעסטע האָבן פאַר זיך צוגענומען די צוגאָב־פּראָדוקטן צום ברויט און פאַר דער אויף דעם אופן

דאָס אויסזען פון די לעבנסגעבליבענע אין די
ערשטע טעג נאָך דער באַפרייאונג



„פאַרדינטער״ ווערשט אָדער מאַרגאַרין זיך איינגעהאַנדלט פּאַפּיראָסן און בראָנפן. אַזוי האָבן זיי באַזאָרגט זיך און די ס. ס.־לייט, בשעת די אָרעמ־טאַנטן האָבן געשלונגען די סלינע פאַר הונגער״ (ד״ר וואָלקען).

די זופּן זענען געווען מיט ברוקווע אָדער מיט גראָז, זעלטן איז אין דער זופּ אַרומגעשווומען אַ זכר פון אַ קאַרטאָפל (די „געדיכטע״ זופּ פון דנאָ פונעם קעסל האָבן די „פּראָמינענטן״ באַהאַלטן פאַר זיך און זייערע פּראָטעקציעס). אַ טייל ווייטערע אַרבעטס־קאָמאַנדעס, וואָס זע־נען פון דער אַרבעט צוריקגעקומען ערשט אין אָוונט, האָבן די זופּ גע־געסן קאַלטערהייט.

„גייענדיק צו דער אַרבעט און צוריקקערנדיק האָט מען גערעדט אויסשליסלעך פונעם עסן. דאָס איז געווען די איינציקע טעמע און די סיבה דערפון איז געווען דער אייביקער הונגער. אָבער נישט געקוקט אויפן שטענדיקן הונגער, האָט דער אָנבליק פון דעם זופּ־קעסל אַרויס־גערופן אַ געפיל פון עקל. די סיבה דערפון איז געווען דער שלעכטער ריח וואָס איז געגאַנגען פונעם קעסל — דער גערוך פון סאַלעטרע. לויט דער דייטשישער פּראָפילאַקטיק האָט די סאַלעטרע געדאַרפט אָפּטעמפּן ביי אונדז די זינלעכע אינסטינקטן. אין דער אמתן האָט זי אָבער געברענט אונדזערע אינגעווייד, צעקאַלטשעט די בלאָנעס פון אונדזערע דערנע־רונגס־אָרגאַנען, קאַליע געמאַכט די אַרבעטס־פעאיקייט פון אונדזערע געדערים. מיר פלעגן באַקומען אַפּצעסן אין מויל און אין די קישקעס און צוריקגעגעבן דאָס עסן צוזאַמען מיט אייטער און בלוט״. (פּ. לע־ווינסקא).

דער אופן פון דערלאַנגען עסן האָט דערוועקט אַן עקל.

„אויף 800 מענטשן אין איין באַראַק — דערציילט ד״ר אָטאָ וואָל־קען — זענען געווען 200 שיסלען און 30 לעפל. אַזוי ווי די צייט, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן עסן איז געווען אַ באַגרענעצטע, פלעגט מען זיך ווארפן כאַפּן אַ שיסל, אָפּצוּוואַשן זי איז קיין צייט נישט געווען און די ווייטערדיקע קאָנסומענטן האָבן שוין געמוזט עסן אין שמוציקע כלים. ביי פריש אָנגעקומענע האָבן די אַנטי־היגיענישע באַדינגונגען פון לאַגער־באַשפּייזונג אַרויסגערופן אַזאַ ווידערווילן, אַז די ערשטע פאַר טעג האָבן זיי זיך בכלל צום עסן נישט צוגערירט. אָבער דער הונגער האָט צום סוף

גובר געווען און ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויסגעהונגערטע לאַ־געריסטן פלעגן זיך וואַרפן אופן שמוציקן דיל און אויסלעקן די רעשט־לעך זופּ וואָס האָבן זיך איבערגעגאָסן איבער די שיסלען.

דער הונגער האָט געהאַט אַ צעשטערערישע ווירקונג אויף די קעגנ־זייטיקע באַציאונגען צווישן די קאַצעטניקעס.

„געגוג געווען, עמיצער זאָל באַקומען אַ גרעסער שטיק ברויט אָדער נאָך אַ ביסל זופּ, מיר זאָלן אים אַזוי האַסן, אַז מיר זאָלן פּעאיק זיין אים צו דערמאָרדן. אַ טעאָרעטיקער שטעלט זיך אוודאי פאָר, אַז מענטשן פון איין לאַגער פאַראייניקט די שותּפותדיקע צרה און זיי וועלן זיין באַ־נאַנדער. אויב די ווירקלעכקייט האָט געשאַפן אַנדערע באַציאונגען, איז עס אַ רעזולטאַט נישט פון איינגעבוירענע, בייזע נייגונגען, נאָר פון צע־שרויפטע נערוון". (וואָלקען)

נישט ווייניקער ווי פון הונגער זענען די אָשוויענטשימער תּו־שבים געפּלאָגט געוואָרן פון דורשט.

„אין לאַגער איז נישטאָ קיין וואַסער. די הענט וואַשט מען זיך מיט שניי. ס'איז פאַראַן נאָר איין וואַסערלייטונג, באַשטימט פאַר דייטשישע אַרעסטאַנטקעס. אַנדערע „אַריערינס" מעגן זיך צורוקן צום וואַסער נאָר דעמאָלט, ווען די דייטשקעס האָבן שוין באַפרידיקט זייער באַדערפעניש. די יידישע פרויען האָבן בכלל קיין רעכט נישט זיך צו דערנענטערן צו דער וואַסערלייטונג.

די יידישקעס, אַרויסגעוואָרפן פונעם וואַשצימער, בעטלען אַ טראָפּן וואַסער. איך זע פנימער פון פרויען מיט ליפּן פאַרברענטע פון פיבער, מיט ווייט געעפנטע, גלאַנציקע אויגן — קראַנקע אויגן, וואַסער!

אין עטלעכע בלאָקן, בפרט אין יידישע, האָט מען אין אָוונט נישט געגעבן גאָרנישט צו טרינקען. די אומגליקלעכע פלעגן אָפּגעבן זייער גאַנץ טעגלעך עסן פאַר אַ ביסל וואַסער" (פ. לעווינסקאַ).

דאָס אַזוי היים־באַגערטע אָשוויענטשימער וואַסער וואָלט אַזוי אויך קיין איין אָשוויענטשימער קאַצעטניק אין נאָרמאַלע צייטן נישט גע־טרונקען. ד"ר אינזש. צונקער פון וראָצלאַווער (ברעסלאַו) אוניווערסי־טעט האָט אין פעברואַר 1941 אויסגעפאָרשט אויף הימלערס באַפעל די אייגנשאַפטן פון אָשוויענטשימער וואַסער. דעם 26סטן מערץ 1941 האָט

ער ארויסגעגעבן זיין עקספערטיזע, אז דאָס דאָזיקע וואסער טאָר מען נישט נוצן „אפילו צו וואשן דאָס מויל". אויפן סמך פון דעם האָט די לייטונג פון לאגער פארבאָטן די ס. ס.-לייט צו באנוצן דאָס וואסער צום טרינקען אָדער צום וואשן דאָס געשיר.

אָבער פאַר די קאצעטניקעס איז דאָס דאָזיקע געפערלעכע וואסער געווען דער אידעאל פון שענסטן און בעסטן. זיי האָבן בלית ברירה גע־מוזט באנוצן זיך מיט א סך ערגערע וואסערן.

„ווען מיר האָבן אויפן וועג צו דער ארבעט אָנגעטראָפן עפּעס א ברודיקע קאלוזשע אָדער א ראָוו מיט וואסער, איז נישט געווען קיין שום כח, וואָס האָט אונדז געקאָנט אָפּהאלטן פון אוועקגיין פון דער ארבעטס־קאָלומנע און טרינקען דאָס וואסער. מיר זענען געפּגרט פון דורשט" (פ. לעווינסקא).

פאַר די דאָזיקע וואסערן האָט הימלער נישט פארלאנגט קיין פראָ־פעסאָרסקע עקספּערטיזעס . . .

13. די קראַנקהייטן און די היגיענע אין לאַגער

רעדנדיק וועגן עסן און טרינקען אין לאגער, האָבן מיר בארירט בלויז איין זייט פון די היגיענישע באדינגונגען אין לאגער. פריער האָבן מיר שוין געזען, ווי קלאָגעדיק עס זענען געווען די וווינבאדינגונגען און ארבעטס־באדינגונגען. עס געהערט זיך נאָך צו זאָגן א וואָרט וועגן דער קערפּערלעכער היגיענע פון די קאצעטניקעס.

די דייטשן האָבן אלץ געטון, כדי די באדינגונגען פאַר קערפּערלע־כער היגיענע זאָלן זיין די ערגסטע אין דער וועלט. אז קיין וואסער און קיין זייף איז נישט געווען, האָבן מיר שוין געהערט. אָבער דאָס איז נאָך געווען ווייניק. מען האָט זיי געגעבן לאַגער־קליידער. אין די עפעקטן־קאַמערן האָבן זיך געהויפט הונדערטער טויזנטער העמדער, די פיינסטע וועש פון גאַנץ אייראָפּע, וואָס מען האָט צוגענומען ביי די גאַז־קרבנות. מען האָט אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד גאַנצע צוגן וועש און קליידער. פונדעסטוועגן איז נאָך געבליבן גענוג אָנצוטון הונדערטער טויזנטער

מענטשן. אָבער ניין! די קאַצעטניקעס האָט מען געגעבן אַלטע צעריסענע העמדער נאָך די שוין טויטע פריערדיקע אַרעסטאַנטן. די דאָזיקע וועש איז געווען שרעקלעך פאַרלייזט. ס'איז נישט געווען ווו זיי צו וואַשן. אין גאַנצן לאַגער איז נישט געווען קיין איין באַליע. יאָ, איינמאָל אין דריי חדשים האָט מען צוגענומען ביי די קאַצעטניקעס די וועש און געגעבן זיי צום רייניקן אין די... גאַז־קאַמערן. אין דער צווישן צייט האָבן די מענער און פרויען געדאַרפט גיין נאַקעטערהייט צום באָד. שעהענווייז האָט מען געוואַרט אויף דער ריי צום באָד אונטער די שטעכעדיקע שפּאָט־ווערטער און בליקן פון די ס. ס.־מענער. נאָכן באָד האָט מען צוריק באַקומען די וועש. זי איז געווען אַזוי פאַרלייזיקט ווי פאַר דער דעזינפעקציע. דער גאַז איז געווען צו שוואַך כדי אָפּצוטויטן די לייז און די לאַרוון פון די לייז (ניסן).

די פאַרלייזיקטקייט אין לאַגער האָט בכלל אַנגענומען אומגלויבלעכע מאַסשטאַבן. פון די דעקעס האָט מען געקענט אַראָפּנעמען לייז גאַנצע זשמעניעס. פון צייט צו צייט האָט די אַדמיניסטראַציע דורכגעפירט א. ג. „ענטלויזונגען" (לויז־אַפּעל). ביי דער געלעגנהייט פלעגן אומקומען אַפּט צוזאַמען מיט די לייז אויך מענטשן. ד"ר וואַלקען באַשרייבט א „נאָרמאַלע ענטלויזונג" :

„דער גאַנצער בלאָק האָט זיך אויסגעשטעלט אין רייען ווי צום אַפּעל. מיר האָבן אויסגעטון די רעקלעך, הויזן, העמדער, גאַטיעס און מאַרשירנדיק זיי געוואָרפן אויף אַ באַשטימט אָרט אין אַ הויפן. שפּעטער זענען מיר געלאָפן נאַקעטערהייט דורך דער „לאַגער־שטראַסע" צום באָד. מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין בנין „זאַונע" צום 150 מאַן. אונטער יעדן טוש האָבן זיך „געבאָדן" 3 מענער. נאָך עטלעכע מינוט האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן דורך אַ צווייטע טיר. אַזוי ווי קיינער פון אונדז האָט קיין האַנטוך נישט געהאַט, האָט אונדז, אָפּהענגיק פון וועטער, אויסגעטרוקנט די זון אָדער דער ווינט. אין „נודיסטן"־מאַרש זענען מיר געקומען צום בלאָק, ווו מיר האָבן באַקומען פרישע וועש. זי האָט עקלדיק אויסגעזען. געווען פאַרזייט מיט שוואַרצע פּונקטן, אַ זכר פון צעקאָכטע און צעקוועטשטע פליי. כמעט אַלע וועש־שטיקער זענען געווען פאַרפלעקט מיט בלוט אין ראָפּע פון די ווונדן פון זייערע פריערדיקע אייגנטימער."

נישט געווען פאַר די קאַצעטניקעס קיין אנדער ברירה ווי צו באַ־קעמפן די לייז אויף אַ מעכאַנישן אופן, דורך זוכן און קנאַקן לייז. אַפילו דאָס איז נישט געווען מעגלעך. בייטאָג איז דאָס געווען צו געפערלעך, ביינאַכט האָט מען אין בלאָק קיין ליכט נישט געהאַט. און בכלל איז דאָס געווען אַ צו שוואַך מיטל פּטור צו ווערן פון דער מכּת־כּינים.

אַ צווייטע מכּה זענען געווען די פליי.

„פליי ריזנגרויסע, גרויס ווי מוראַשקעס, אין פאַנטאַסטישע מענ־גען... אין די שטרוי־זעק, אין די ברעטער, צווישן די ציגל, טויזנטער, מיליאָנען פליי... אין די אונטערשטע בוקסן זענען אויפגעשטאַנען עטלעכע מענער און טרייסלען אויס ענערגיש זייערע העמדער און אונטער־הויזן... קומט צו לויפן די נאַכט־וואַך און הייבט זיי אָן שלאָגן אומרחמנותדיק מיט אַ גראָבן שטעקן איבער די קעפּ. „ווי זענט איר אַרויס, חזירים? דאָ פאַר־גלוסט זיך אייך אָפּצוטרייסלען די פליי? דאָ?״ אַט אַזוי שרייבט אין זיינע זכרונות אַ יידישער דאָקטאָר פון פוילן (טאַדעוש שטאַבהאָלץ: זיבן גיהנומס).

נאָך אַ גלענצנדע געלעגנהייט צו פאַרשאַפן די קאַצעטניקעס פיזישע און גייסטיקע ענויים — דאָס זענען געווען די באַרבאַרישע רעגולאַמינס בנוגע די מענטשלעכע נויטדורפטן פון די אַרעסטאַנטן.

אין בית־הכּסא האָט מען געמעגט גיין בלויז אין באַשטימטע שעהען. דאָס דערליידיקן זיך אין אַנדערע שעהען איז געווען פאַרווערט. כּדי אָפּ־צוהיטן דעם סדר אין די דאָזיקע ענינים, איז אויסגעטיילט געוואָרן פון צווישן די אַרעסטאַנטן אַ ספּעציעלע „שייס־קאָמאַנדע״. די לאַטרינעס זענען געווען שרעקלעך שמוציק און צו קליין פאַר אַזעלכע מענטשן־מאַסן, בפרט נאָך מאָגן־קראַנקע און בלויז אין באַשטימטע שעהען. דער ממונה אויף דער „שייס־קאָמאַנדע״, אַ קאַפּאָ, איז געזעסן מיט אַ גראָבער פאַלקע פאַר דער טיר און האָט געציילט ביז צען. אויב דער אַרעסטאַנט איז נישט גלייך אַרויסגעגאַנגען, פלעגט ער אים דערלאַנגען מיט דער פאַלקע איבערן קאָפּ. אַ סך אַרעסטאַנטן האָבן דורך דער דאָזיקער באַהאַנדלונג געפונען אַ שרעקלעכן טויט — דערטרונקען ווערן אין דרעק.

אין שייכות אָבער מיט דער דערנערונג האָט דער רוב אַרעסטאַנטן

געליטן אויף שלשול און דאָס רעגלאַמענטירן די נאַטירלעכע באַדערפע־נישן איז געווען פאַר די אַרעסטאַנטן אַן אמתע פּלאָג.

אַ סך פון זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זיך מכין געווען גייענ־דיק צו דער אַרבעט, שטייענדיק ביים אַפּעל, אין די קליידער. דער מאַנגל פון טואַלעט־פּאַפּיר (פון פּאַפּיר בכלל!) און פון פרישע וועש האָט גורם געווען נייע פיזישע און מאָראַלישע יסורים. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אָפט האָבן שלשול־קראַנקע געפּרוואווט בטוּר צו ווערן פון זייער באַ־שמוצטער שטינקענדיקער אונטערוועש. די לאַגער־פאַרוואַלטונג האָט גע־ווּוּסט פון דעם, אָבער זי האָט גאָרנישט געטון (אַ חוץ מוראדיקע קלעפּ פאַר די „שולדיקע״, וואָס מען האָט זיי על פּי צופאַל געכאַפּט) כדי דאָס צו פאַרריכטן.

די העפטלינגס באַקליידונגס־קאַמער אין אוישוויץ שרייבט אין איר אָפיציעלן באַריכט וועגן אַן אייזנבאַן טראַנספּאָרט פון אַן אַרבעטס־קאָ־מאַנדע קיין דייטשלאַנד: „די העפטלינגע האָבן זיך בשעת דער רייזע און צוליב דער היץ, וואָס האָט געהערשט אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנען, אויס־געטון און האָבן אַרויסגעוואָרפן די באַקליידונגס־שטיק וואָס האָבן זיך באַשעדיקט ביים טראַנספּאָרט. בפרט די שלשול־קראַנקע האָבן אַוועקגע־וואָרפן זייערע באַשמוציקטע העמדער און אונטערוועש, אָדער זיי האָבן זיי צעריסן און באַנוצט אַנשטאָט טואַלעטן פּאַפּיר״.

ווי אַ פּועל יוצא פון די שרעקלעכע היגיענישע באַדינגונגען און פון הונגער האָבן זיך צעוויגן די אַרעסטאַנטן פאַרשפּרייט אַ סך קראַנקהייטן, וואָס האָבן איינגעשלונגען טויזנטער מענטשלעכע קרבנות.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די שרעקלעכסטע און אַממייסטן פאַר־שפּרייטע פון די דאָזיקע לאַגער־מכות:

.1 — דער שלשול.

די פאַרשפּרייטסטע איז געווען דער שלשול (דורכפאַל). דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינע באַצייכענונג פאַר אַ גאַנצער ריי קראַנקהייטן וואָס די סיבות זייערע זענען געווען פאַרשידענע. אַהער פלעגט מען פאַררעכע־נען די דעזינטעריע (Diarrhoe), ווי אויך דעם נישט אָנשטעקנדיקן הונגער־שלשול.

ווינטער 1942 און 1943 האָבן דורכגעמאַכט דעם שלשול ביי 80% ארעסטאַנטן אין בזשעזשינקע. „באַקעמפט" די קראַנקהייט האָט מען דורך גאַז. וויסנדיק אָבער, אַז מעלדן זיך צו אַ דאָקטאָר הייסט זיכערער טויט, האָבן זיך די ארעסטאַנטן באַמיט צו פאַרהוילן און פאַרבאַהאַלטן זייערע ליידן. די דייטשן האָבן יעדע פּאָר טעג דורכגעפירט אַ קאָנטראָל אין די ארבעטס־בלאָקן. אַן ארעסטאַנט, ביי וועלכן זיי האָבן געטראָפן אונטער־הויזן פאַראומריייניקט דורך צואה, אַ סימן פון שלשול, האָבן זיי געשיקט אין שפּיטאָל און פון דאָרט צום גאַז.

„דאָס איז נישט געווען קיין געוועהנלעכער שלשול — שרייבט ד"ר ייזשי בענעש — פון אַזאַ קראַנקן האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געגאָסן ליטער וואַסער, אָפט באַפאַרבט מיט בלוט. מען האָט געמוזט האָבן אַ גרויסע ווילנסקראַפט כדי זיך קענען איינהאַלטן. די איינציקע רפואה איז געווען אָפּיום, אָבער אָפּיום האָט מען געגעבן בלויז די דייטשע פּאַציענטן".

די הויפּט־סיבה פון דער שרעקלעכער קראַנקהייט איז געווען די שלעכטע דערנערונג און בפרט דאָס ברויט, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ סך האָלצמעל און סאַלעטרע און אַ חוץ דעם נאָך אַנדערע געזונטהייט־שעדלע־כע קאָמפּאָנענטן.

אַ שרעקלעכע, געהיימניספולע שלשול־עפּידעמיע אין בירקענאַו אין יאָר 1944 האָט געהאַט אַ מאַקאַברישע סיבה. עטלעכע וואָכן האָט גע־הערשט די עפּידעמיע און מען האָט זי צוגעשריבן דעם אונגאַרישן גענזן־שמאַלץ, וואָס איז אריינגעשמוגלט געוואָרן אין דעם לאַגער אין אומגע־הויער גרויסע קוואַנטומס. נאָך עטלעכע וואָכן, ווען אַ סך מענטשן איז נישט גוט געוואָרן און אַ סך זענען זייער שווער קראַנק געוואָרן פון דעם שמאַלץ איז מען גאָר דערגאַנגען אַז דאָס שמאַלץ שטאַמט נישט פון די פּראָוויאַנטן פון די פאַרגאַזטע קרבנות, נאָר דאָס איז מענטשן פעטס פון די קרעמאַטאָריעס! (ט. שטאַבהאָלץ).

2. — טיפוס.

אַ סך קרבנות האָט צוגערויבט דער בויכטיפוס אין פאַרשידענע גע־שטאַלטן, בפרט דער פּאַראַ־טיף. די פּראָפילאַקטיק אָדער היילונג איז געווען די זעלבע ווי ביים שלשול — די גאַז־קאַמער.

די אַלגעמײנע פּאַרלײזיקטקײט האָט געבראַכט צו אַ גרױסער עפּי־דעמיע פֿון פֿלעקטיף. אין די יאָרן 1941 ־ 1943 האָבן כמעט אַלע לאַגע־ריסטן דורכגעמאַכט די קראַנקהײט. אָן אױסנאַם זענען געװען נאָר די, װאָס זענען שױן אַמאָל קראַנק געװען און דעריבער געװען אימוניזירט. די גרעסטע עפּידעמיעס זענען געװען יעדעס יאָר אין װינטער, פֿון מיטן נאָװעמבער ביז סוף מערץ. די דײטשע אָנפֿירערשאַפֿט האָט נישט אַרײנ־געטון קײן האַנט אין קאַלטן װאַסער כדי צו באַקעמפֿן די עפּידעמיע און ראשית כל אױף צו באַקעמפֿן די אומפּליט און פּאַרלײזונג. די הײלונג האָט אַזױ אױסגעזען: די קראַנקע האָט מען איבערגעפֿירט קײן אָשװיענ־טשים אין 20סטן בלאָק און שפּעטער האָט מען זײ „געשפּילעװעט", ד. ה. געהרגעט דורך פּענאָל־אײנשפּריצונגען אין האַרץ.

אין יאָר 1943 און 1944 האָט מען אָנגעהױבן אַ טײל טיפֿוס־קראַנ־קע אַרײנשיקן אין די לאַגער־שפּיטאָלן. באַלד האָבן זײ אױסגעמאַכט 50% פֿון אַלע פּאַציענטן. די שטערבלעכקײט צװישן זײ איז געװען דורכשניט־לעך 25%. (ד"ר גאָלזע).

אָט װי אַזױ עס באַשרײבט אײנע פֿון די טיפֿוס־עפּידעמיעס, אַ פּױלישע אַרעסטאַנטקע:

„װידער מיט אַ שרעקלעכער קראַפֿט איז אױסגעבראָכן דער פֿלעק־טיף. גרױסע טראַנספּאָרטן יידישע פֿרױען, װאָס קומען אָן מאַסנװײז פֿון בעלגיע, פֿראַנקרײך, האָלאַנד, דײטשלאַנד, שטאַרבן אױס פֿון טאָג צו טאָג. עס שטאַרבן די גריכינס (יידישע פֿרױען פֿון גריכנלאַנד)... אײניקע גײען אין שפּיטאָל און שטאַרבן דאָרט, אַנדערע באַהאַלטן זיך אױס אין די בלאָקן און שטעקן אָן זײערע געזונטע מיט־שלעפֿער, מוטשען זיך בײ די אָנפֿאַלן און שטאַרבן אװעק צװישן זײערע שלאָפֿנדע קאַמעראַדן. בײנאַכט זענען די בלאָקן פֿול מיט קרעכצן און פֿיבערגעשרײען... עס פּאַרפּלײצן אונדז די לײז װאָס אַנטװיקלען זיך אַמבעסטן אױף די גופֿים פֿון די פּי־בערדיקע קראַנקע". (סעװערינאַ שמאַגלעװסקאַ)

3. — מאַלאַריע.

דער אָשװיענטשימער לאַגער האָט זיך געפֿונען אין אַ בלאָטיקער, זומפּיקער געגנט. קײן װוּנדער נישט, אַז אין לאַגער זענען געװען אַ סך

קראַנקע אויף מאַלאַריע. די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט אַ באַזונדערע אָפּ־טיילונג פאַר מאַלאַריע־קראַנקע (די „מאַלאַריע סטאַציע״) אין 20סטן בלאָק פון אָשוויענטשים א׳. אהין האָט מען געבראַכט די פאַרדעכטיקטע אויף מאַלאַריע. מען האָט אויסגעפּאָרשט זייער בלוט און נאָכן שטעלן דעם דיאַגנאָז האָט מען זיי געשפּילעוועט אָדער גאַזירט.

4. — דיסטראָפיע, הונגער־געשווילעכץ און די „מוזעלמענער״.

דער שרעקלעכער הונגער, וואָס האָט געהערשט אין לאַגער, האָט דערפירט צו אַ צושטאַנד פון דערנערונגס־דיסטראָפיע. פאַראַן צוויי פאָר־מעס פון דער חולאת: אַ טרוקענע (Distrophia alimentaris sicca) און אַ געשוואָלענע (Distrophia alimentaris oedemosa). אין לאַגער־לשון האָבן די דיסטראָפיקער געהייסן „מוזלמענער״. מעגלעך, אַז דער נאָמען נעמט זיך דערפון, וואָס מען האָט די דאַזיקע לעבעדיקע סקעלעטן פאַרגליכט מיט די מוזלמענישע דערווישן אָדער מיט די אינ־דישע פאַקירן, אָדער מיט גאַנדי. הגם די עטימאָלאָגיע איז נישט געוויסן ווייסנשאַפטלעך געגוי (נישט גאַנדי און נישט די פאַקירן זענען מוזלמענער), האָט זיך דער דאַזיקער נאָמען איינגעבירגערט נישט בלויז אין אָשוויענטשים, נאָר אויך אין אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. צו דעם נאָמען האָט מען זיך אַזוי צוגעוווינט, אַז מען האָט אים אפילו באַ־נוצט אין אַמטלעכע ראַפּאָרטן קיין בערלין (אבערשטורמפירער שווארץ אין אַ ראַדיאָ־טעלעגראַמע פון 30סטן דעצעמבער 1942 צו ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטונג הויפּט־אַמט בערלין ־ אראַניענבורג).

יעדע פאַר טאָג איז אין לאַגער פאָרגעקומען אַן אַבלאַווע אָדער סע־לעקציע אויף מוזלמענער. אין אַן אַקציע איז געוועלנלעך אומגעקומען 1.000 ־ 2.000 אַזעלכע אומגליקלעכע נפשות. מען פלעגט זיי געוועגלעך פאַרמאַכן אין אַ פּוסטן בלאָק אויף 2־3 טעג אָן עסן און אָן טרינקען. שפּעטער זענען פאַרפאָרן אויטאָס און מ׳האָט זיי אַוועקגעשלעפּט אין קרע־מאַטאָריום. פאַרן אויפלאָדן אויפן אויטאָ, האָט מען פון זיי אַראָפּגעשלעפּט די מלבושים, אָן אונטערשיד, צי האָט נאָך עמיצער פון זיי געלעבט, צי נישט און אַריינגעוואָרפן אין גאַז־קאַמער.

מחמת דעם, וואָס די לאַגער־קאָמאַנדע האָט זיך אין אירע באַריכטן

און סטאַטיסטיקן געוואָלט באַווייזן מיט אַ וואָס קלענערע צאָל קראַנקע און אומפּעאיקע צו דער אַרבעט און די גאַז־קאַמערן האָבן ווידער נישט געקענט אָניאָגן מיט דער איבעראַרבעטונג פון „רוישטאָף" — האָט מען אַ חוץ דעם אויסגעזעענדיקט די מוזלמענער, ווי ס'האָט זיך נאָר געלאָזט און מיט אַלע מעגלעכע מעטאָדן: שווערער אַרבעט, פּייניקונגען, „ספּאָרט"־איבונגען, קלעפּ, שפּילעווען, וואַרגן א. אַ. וו.

5. — טובערקולאָז, פּנעוומאָניע און בראָנכיטיס

צווישן די דיסטראָפיקער האָט זיך מוראדיק פאַרשפּרייט טובערקולאָז, וועלכן מען האָט אויך געהיילט מיט גאַז. די אַנאַטאָמיש־פיזיאָלאָגישע ספּעציאַליסטן פון דער סאָוויעטישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע האָבן גלייך נאָכן באַפרייען אָשוויענטשים דורך דער רויטער אַרמיי דורכגעפירט אַ סעקציע איבער 400 מתים, וואָס זענען אומגעקומען אין די לעצטע טעג פון היטלער־רעזשים. ביי העכער 90% האָט מען פעסטגעשטעלט ווייטגייענדיקע טובערקולאָז־פאַרענדערונגען אין די לונגען און אַנדערע אָרגאַנען. לויט ד"ר גאַלזע זענען 18 ביז 20 פּראָצענט פון אַלע שפּיטאָל־קראַנקע געווען טובערקולאָזע. אַ חוץ דעם זענען אין די ספּעציפישע לאַגער־באַדינגונגען געווען זייער אַ סך לייכטערע לונגען־קראַנקהייטן.

6. — שקאָרבוט.

אין דער אַרעסטאַנטן־דערנערונג האָבן לחלוטין געפעלט וויטאַמינען, וואָס האָט אַרויסגערופן שקאָרבוט און אַ בלאָטערדיקע אַנצינדונג פון שליימדריזן אין מויל (Stomatitis ulcerosa). די לעצטע קראַנקהייט איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט בפרט צווישן די קינדער אין ציגיינער־לאַגער.

7. — קרעץ.

אַ שרעקלעכע שמוץ, ענגשאַפט און דוחק אין וואַסער צום וואַשן האָבן גורם געווען צו דער פאַרשפּרייטונג פון קרעץ. קרעציקייט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען איז נישט קיין ערנסטע קראַנקהייט און לאָזט זיך

אויסהיילן אין משך פון עטלעכע טעג. אין אָשוויענטשים זענען אָבער פיל מענטשן פון דעם געשטאָרבן.

אין יאָר 1944 האָבן די דייטשע דאָקטוירים אָפּגעקליבן 6.000 קרעציקע פרויען פון בזשעזשינקער פ.ק.ל. (פרויען־קאָנצענטראַציע־לאַגער) און זיי פאַרגאַזירט.

8. — פלעגמאָנעס און עקזעמען.

ביי די אַרעסטאַנטן, וואָס זענען אָנגעקומען אין לאַגער, איז מען זיך נוהג געווען צוצונעמען די שיך און אַרויסגעבן הילצערנע שיך אָדער פלאַכע פאַנטאָפל. דאָס פלעגט רייבן די פיס און אַרויסרופן וווּנדן און מכות. די אינפעקציע האָט זיך זייער באַלד פונאַנדערגעשפּרייט אין די אָרגאַניזם־געוועבן, ווייל ס'האָט זיי געפעלט די ווידערשטאַנדס־קראַפט. ס'האָבן זיך געמאַכט אייטער־וווּנדן (פלעגמאַנעס), וואָס האָבן געצוווּנגען דעם קראַנקן צו גיין אין שפּיטאָל און ממילא שוין צום גאַז.

זייער אַ סך אייטער־וווּנדן האָבן גורם געווען די ס. ס.־לייט און קאַפּאָס מיט זייערע שטענדיקע קלעפּ. פון די אָפּיציעלע שמיץ אויפן געזעס האָבן זיך אַנטוויקלט כמעט תמיד ברייטע פלעגמאָנעס. די קלענסטע הויט־פאַרלעצונג האָט זיך אין די לאַגער־באַדינגונגען געמוזט אַנטוויקלען אין אַן אייטערדיקע וווּנד. בפרט האָבן די פלעגמאַנעס געפּלאָגט די יעניקע אַרעסטאַנטן, וואָס פלעגן קריגן די מייסטע קלעפּ און געווען אויך אין אַנדערע באַציאונגען באַהאַנדלט ערגער פונעם רעשט. ד. ה. די יידן. „אינ־טערעסאַנט איז די באַמערקונג פון אַ טשעכישן אַרעסטאַנט, אַז אויך די פראַנצויזן זענען געווען אַזוי שטאַרק געפּלאָגט דורך פלעגמאַנעס. „אין לאַגער איז געווען אַ מאַסע אייטער־וווּנדן. אָבער אַזאַ מאַסע פלעגמאַנעס, ווי עס האָבן געליטן פון דעם די יידן און די פראַנצויזן, איז בכלל נישט דערקענבאַר". (ד"ר ייזשי בענעש)

9. — דיפטעריע.

אין פרילינג 1944 האָט אין לאַגער געהערשט אַ דיפטעריע־עפּידע־מיע. אַזוי ווי קיין סערום איז נישט געווען, זענען כמעט אַלע קראַנקע אויסגעשטאָרבן.

10. — אָפּפּרירונגען.

אָפט זענען געװען אױך פאַלן פון אָפּפרירונגען. אַן ארעסטאַנט כמעט באָרװעס און נאַקעט, אָדער אין שלעכטע שיך, איז שעהען לאַנג געשטאַנען אין פראָסט אױפן אַפּעל־פּלאַץ אָדער ארומגעגאַנגען אין שנײ און אױף געפרױרענער ערד. אין דעם פאַל האָט אױך די שלעכטע דער־נערונג געשפּילט אַ ראָליע, װײל פון הונגער געשװאָלענע הענט און פיס זענען לײכטער אָפּגעפרױרן געװאָרן.

עס פלעגט זיך טרעפן, אַז אין די װינטער־טראַנספּאָרטן זענען אָנ־געקומען מענטשן מיט געפרױרענע הענט אָדער פיס. מען האָט זײ באַלד געשיקט אין גאַז.

11. — פּסיכישע קראַנקהײטן.

דער הונגער, װי אױך די פיזישע און מאָראַלישע ענױים האָבן גע־האַט אַ גרױסע װירקונג אױף דעם פּסיכישן צושטאַנד פון די ארעסטאַנטן.

ד״ר ברונאָ פישער — אַ פּראָפעסאָר פון פּסיכיאַטריע אױפן פּראַ־גער אוניװערזיטעט, האָט במשך פון זײן לאַנגיאָריקן אױפנטהאַלט װי אַן ארעסטאַנט אין אָשװיענטשימער לאַגער געמאַכט פאָלגנדע אָבסערװאַציעס: צוליב דער נישט גענוגנדיקער און אומפּאַסיקער דערנערונג (דער עיקר דער דוחק אין װיטאַמין ב׳ פאָספאָר און װײסל) זענען אין לאַגער געװען בנמצא פאַרשידענע פּסיכאָזן.

די סאַמע פאַרשפּרײטסטע באַצײכנט פּראָפ׳ פישער װי אַ פּעללאַגראַ־פּסיכאָז. זי נעמט זיך פון שלעכטער דערנערונג (דיסטראָפּיאַ אַלימענטאַ־ריס) און „ב״־אַװיטאַמינאָז. איר װירקונג איז אַזאַ: די בלוטצירקולאַציע װערט געשטערט, ס׳װערן געשװאָלן די פיס, עס װערט געשװאָלן דער מוח, בהדרגהדיק װערט דער מענטש אָפּגעטעמפּט, עס פאַרשװינדט די אינ־טעליגענץ, דער מענטש װערט אָפּט מבולבל א. א. װ. אַזעלכע ארעסטאַנטן זענען געװאָרן גלײכגילטיק צו די ארומיקע שרעקנס־סצענעס, האָבן כמעט נישט רעאַגירט אױף די פּײניקונגען און לײדן, װאָס מען האָט זײ אָנגע־טון. אַ 3.000 - 4.000 אַזעלכע פאַלן האָט פּראָפ׳ פישער אָבסערװירט פּערזענלעך אין די לאַגערן א׳ און ב׳.

ביי אַנדערע, ווידער, פאַרקערט, זענען געווען דערשיינונגען פון איבערגעטריבענער רייצבאַרקייט, אַ נייגונג צו היסטעריע, צו האַסטיקע און אומדערוואַרטע כעס־אויסברוכן, וויינען א. אַ. וו. גאַנץ אָפט האָט זיך געמאַכט, אַז דער אַרעסטאַנט האָט פּלוצלינג פאַרלאָרן דאָס באַוווּסטזיין און האָט זיך שוין מער נישט אויפגעכאַפּט. דאָס האָט מייסטנס פּאַסירט ביי אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן געמוזט שווער אַרבעטן, נישט געקוקט אויף זייער שפּייז־דיסטראָפיע.

פּאַראַלעל צו דער פולשטענדיקער אַפּאַטיע האָט זיך באַוויזן אַ נייגונג צו זעלבסטמאָרד: „זאָל שוין נעמען אַ סוף"! טיילמאָל האָבן די אַרעסטאַנטן געבעטן ביי זייערע שומרים, די ס. ס.־לייט, אַ קויל ווי אַ חסד (גנאָדע־שוס) אָדער זיך אָנגעהאָנגען אויף די עלעקטריזירטע דראָטן, כדי צו געפינען דעם טויט. אויך קראַנקע אין שפּיטאָל האָבן געבעטן די דאָקטוירים, מען זאָל זיי שיקן אין קרעמאַטאָריע, און גאַז־קאַמער.

שרעקלעך איז געווען — דערציילט מ. לעווינסקא — ווען די עלעקטרישע לאַדונג פון די דראָטן איז געווען שוואַכער פון דער ווידערשטאַנדס־קראַפט פון דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם. איינמאָל אין אָוונט האָט אַ וויל־דער געשריי געשטעלט אויף די פיס דעם גאַנצן לאַגער. צוויי פרויען זע־נען געהאנגען אויף די דראָטן: די עלטערע איז אַראָפּגעהאָנגען ווי אַ שמאַטע, די יינגערע האָט זי געפּרוווט אַראָפּרייסן און איז מיט איר ברוסט צוגעפּרעסט געוואָרן צום דראָט. מען האָט די טאָכטער אַראָפּגעריסן פון דראָט נאָך אַ לעבעדיקע צוזאַמען מיט דער טויטער מוטער".

די זעלבסטמערדער, וואָס זענען נישט מצליח געווען, האָבן די דייטשן שטרענג באַשטראָפט. זיי האָבן דעם זעלבסטמאָרד־פּרואוו באַטראַכט ווי אַ סאַבאָטאַזש־אַקט, וואָס איז אויסן אַוועקצונעמען דעם דריטן רייך אַן אַרבעטס־קראַפט, וואָס איז אַזוי נויטיק צום „ענדגילטיקן זיג".

12. — פרויען קראַנקהייטן.

פרויען זענען סיי פיזיש סיי מאָראַליש געווען לייכטער פאַרוווּנד־באַר און האָבן געליטן שטאַרקער פון די ענויים און יסורים אין דער באַר־באַרישער אַטמאָספער פון לאַגער. אַ סך פרויען האָבן אָנקומענדיק אין לאַגער גלייך באַקומען אַן אַטאַק פון היסטעריע, אָדער משוגעת. איבעריק

צו זאָגן, אַז מען האָט זיי אויפן אָרט דערליידיקט. שוואַנגערע פרויען האָבן זיך באַמיט צו באַהאַלטן זייער צושטאַנד. מיט דער מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן באַמערקט אַ שוואַנגערע יידישע פרוי, האָט מען זי גלייך באַשטימט צום טויט. עס איז כמעט אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז כמעט אַלע פרויען אין לאַגער האָבן פאַרלוירן זייער מאָנאַטלעכע (לויט אַ גינעקאָלאָגישע אַנקעטע, דורכגעפירט דורך דער ערשטער רוסישער אויספאָרשונגס קאָמיסיע, זענען עס געווען 93% פון אַלע פרויען אין לאַגער). די סיבה דערפון איז געווען די אונטערדערנערונג, אָבער אין אַ נישט גרינגערער מאָס אויך דער שרעקלעכער נערוונשאָק.

די מאָראַלישע יסורים האָבן זיך אַ סך שטאַרקער אָפּגערופן אויפן געזונט פון די פרויען ווי ביי די מענער און האָבן גורם געווען אַ גרויסע שטערבלעכקייט.

* * *

אָפּשליסנדיק ווילן מיר באַמערקן, אַז דער שטאַרקער ווילן צום לעבן האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין לעבן פון אַרעסטאַנט. געווען פאַלן, ווען געזונטע און פיזיש שטאַרקע אַרעסטאַנטן זענען שנעל צוזאַמענגעבראָכן, דאַגעגן קערפּערלעך שוואַכע — אָבער מיט אַ שטאַרקן ווילן און גלויבן צום לעבן — האָבן דורכגעהאַלטן די אומגלויבלעכסטע ענויים און יסורים.

דער גיהנום פון די קראַנקע אין אָשוויענטשים — דאָס איז אַ גאַנצע עפּאָפּייע פון ליידן און ענויים, אַזוי באַשרייבן אים די אָשוויענטשימער אַרעסטאַנטן: „קראַנקע, מיט שווערע, אייטערדיקע וווּנדן האָבן וואָכנלאַנג געוואַרט, ביז מען האָט זיי איבערגעבונדן. אַנדערע ווידער, נישט געקוקט אויף דעם שווערן צושטאַנד פון זייער קראַנקהייט האָבן געמוזט גיין צו דער אַרבעט — פון דאָרט האָט מען זיי שוין אַוועקגעטראָגן. אויב איינער האָט זיך איינגעקעשנט און אומבאַדינגט געוואָלט אָנקומען אין מעדיצינישן אַמבולאַנס, האָט ער נישט געהאַט קיין ברירה, ווי נאָר רעזיגנירן פון אונטערברויט, ווייל מען האָט געמוזט גלייך נאָכן אוונט־אַפּעל יאָגן צום אַמבולאַנס און איינער פון די ערשטע זיך שטעלן פאַרן דאָקטאָר. די קאָמאַנדע, וואָס האָט געאַרבעט ביי דער קרעמאַטאָריע, פלעגט אָפט ברענגען פאַרשידענע רפואות און טייער זיי פאַרקויפן קראַנקע מיטאַרעסטאַנטן.

איין אספירין־טאַבלעטקע האָט צ. ב. געקאָסט אַ ברויט־פּאָרציע, אַ פלעשל מיטיגאַל — 50 גראַם מאַרגאַרין״. (ד״ר אַטטאַ וואַלקען)

די דייטשע לאַגער־פאַרוואַלטונג האָט גאַרנישט געטון, כדי צו באַקעמפן די קראַנקהייטן, פאַרקערט, זי האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז די צאָל דערקראַנקונגען און די שטערבלעכקייט זאָל זיין וואָס גרעסער. נאָכן קומען פון דער רויטער אַרמיי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די מאַגאַזינען פון אָשוויענטשימער לאַגער זענען געווען אומצאָליקע נייאינקע שיסלען און לעפלען. מען האָט זיי גאָרנישט אַרויסגעגעבן די אַרעסטאַנטן, כדי זיי אויף אַזאַ אופן צו פּייניקן, פאַרסמען דאָס לעבן און אַרויסרופן חולאתן.

די זעלבע טייוולאָנישע קאַפּריזן און האָבן הנאה פון מענטשלעכע ליידן לאָזן זיך באַמערקן אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע פּרטים פון טאָג־טעגלעכן לעבן. אין שפּיטאָל למשל האָט מען פאַרלאַנגט פון די אַרעסטאַנטן־באַדינער אומבאַדינגטע ריינקייט. די דילן פלעגט מען כסדר וואַשן און רייבן. גענוג געווען צו געפינען אַ שטויבל אָדער אַ שטיקל פּאַפּיר, אַז דער דייטשישער תּלין זאָל הייסן דעם באַדינער אָפּלעקן מיטן צונג דעם דיל. אָבער אין די בעטן זענען די קראַנקע געלעגן צו צוויי און צו פיר מאַן, אין אַ „בוקסע״ צו 10 ביז 15 מאַן, אויף שטרוי־זעק, וואָס זענען געווען דורכגעווייקט מיט צואה, ראַפּע און בלוט און זיי האָבן געוואַרט אויף דער נאָענטסטער סעלעקציע.

יעדן טאָג איז פאָרגעקומען אַן איבערקוק פון די אַרעסטאַנטן. ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט געהאַט ברודיקע פיס! אין די באַראַקן איז אָבער קיין לויפיקע וואַסער נישט געווען און וואַסער צום וואַשן פלעגט מען אויסטיילן גאַנץ קנאַפּ.

מעלדן זיך צום שפּיטאָל איז געווען אַ ריזיקע. עס האָט זיך זייער אָפט געקאָנט ענדיקן מיט אַ סעלעקציע צום גאַז. מען האָט געאַרבעט מיט 40 גראַד היץ ביי די שווערסטע אַרבעטן, אַבי נאָר נישט גיין אין שפּיטאָל (פ. לעווינסקאַ, סידאַניאַ מאַנדעל אין „פרשת השואה״, ג־ד ז׳ 67). „בעסער ליגן אין אַ בלאָטע אין רעגן אויפן פעלד, איידער גיין אין אַ שפּיטאָל אַריין, ווייל דאָס איז זיכערער טויט״ — אַזאַ איז געווען דער לאָזונג (ס. שמאַגלעווסקאַ, ז׳ 35, 40). אַזוי אַרום איז די שטערבלעכקייט אין

די בלאָקן געווען אַן אומגלויבלעכע. למשל אין פרויען־לאַגער זענען פון 15.000 אַרעסטאַנטקעס געשטאָרבן טעגלעך 100 אין יאַנואַר 1943, אָבער אין פעברואַר־מערץ 1944 שוין 800 טעגלעך! (פּ. לעווינסקאַ).

די, וואָס האָבן זיך געמאָלדן קראַנק, האָט מען איינגעטיילט אין היילבאַרע און אומהיילבאַרע פּאַציענטן. די היילבאַרע „אַריער" זענען געגאַנגען אין שפּיטאָל, די אומהיילבאַרע צו די פענאָל־איינשפּריצונגען. ביי יידן פלעגט מען אָוועקשיקן 80 ־ 90 פּראָצענט פון אַלע קראַנקע צום

אַ צייכענונג פון דעם שפּיטאָלבלאָק נר. 12 ווי עס שטייט אַ ריי
פון פאַרחלשטע פּאַציענטן. אַ דאָקטאָר „באַהאַנדלט"
די קראַנקע

גאַז. („קאָנצענטראַציע לאַגערן", באַנד 4 פון דער אָפיציעלער פראַנצויזישער אויסגאַבע וועגן דער געשיכטע פון צווייטן וועלט־קריג.)

געווען אַ סך פאַלן, ווען מענטשן, צעשלאָגענע דורך ס. ס.־לייט אָדער קאַפּאָס, האָבן זיך גענויטיקט אין עטלעכע טעג רו, כדי צו קומען ווידער צו זיך. זיי האָט מען גרויסמוטיק באַפרייט עטלעכע טעג פון דער אַרבעט און געשיקט אויף די א. ג. „שאַנונגס־בלאָקס". נאָר וויי צו די נאַאיווע קאַנדידאַטן אויף „שוינונג". די ס. ס.־שומרים האָבן זיי געהייסן אָפּקראַצן אַלטע ציגל און כדי זיי זאָלן נישט מיד ווערן שטייענדיקער־

הייט, האָט מען זיי אונטערגעזוכט אויף שאַרף צוגעשפּיצטע קלעצער. (ט. שטאַבהאַלץ).

דעם זעלבן חוזק פון די קראַנקע האָט מען געטריבן אין די אַזוי־גערופענע לאַגער־שפּיטאָלן (קראַנקען־בוי, רעוויר, אַמבולאַנס).

ביז 1942 זענען קיין שפּיטעלער און דאָקטוירים בכלל נישט געווען פאַר די אַרעסטאַנטן. זינט 1942 האָט פונקציאָנירט אַ געגנג רײנער און פאַרהעלטניסמעסיק אָרנטלעכער שפּיטאָל אין אוישוויץ 1, בלאָק 12 (רע־פּרעזענטאַנץ־שפּיטאָל!). דאַקעגן די שפּיטעלער און רעוויר־שטובן אין בירקענוי (געגרינדעט 28 יולי 1943) האָט זיך ווייניק וואָס אונטערשיידט פון אַ געוועגלעכן באַראַק. די זעלבע דריי גאָרנדיקע בוקסעס: די זעלבע 12־5 מענטשן אויף איין געלעגער. עס ליגן צוזאַמען קראַנקע אויף טיף, שלשול, לונגען־ענטצינדונג, גריפּע א. א. וו. אַלע האָבן אייטערדיקע וווּנדן, פאַרונקלען, אַלע זענען פאַרלייזיקט ביז גאָר. קיין שום באַזונדערע דיעט איז נישט געווען. די קראַנקע האָבן נישט באַקומען קיין רפואות: למשל אויף 500 שלשול־קראַנקע פלעגט מען באַקומען 20 פּילן קוילן און 20 פּילן טאַנאַלבין און דאָס נישט יעדן טאָג. אויף אַלעמען איז געווען איין רפואה: מען האָט די קראַנקע געגעבן עפּעס אַ מין „שמערצטאַבלעטקעס".

„אין דעם שפּיטאָל־בלאָק זענען געווען 1.000 ביז 2.000 פּאַציענטן. פאַלן פון פולשטענדיקע רעקאָנוואַלעסצענץ זענען געווען זעלטענע. די שטערבלעכקייט האָט באַטראָפן אין זומער 3 ־ 5 פּראָצענט, ווינטער מער ווי 10% פון די קראַנקע" (ד"ר גאַלזע 130.615).

פון דעם בלאָק 7 אין בירקענוי דערציילט מען אַט וואָס:

די דורכשניטלעכע צאָל אַרעסטאַנטן אין בלאָק 7 א. נ. רעוויר אָדער שפּיטאָל־בלאָק, האָט באַטראָפן 800 מאַן. געשטאָרבן איז טעגלעך 150 פּערזאָן און איך געדענק אַ טאָג, ווען ס'איז אומגעקומען 320 פּערזאָן. דאָס עסן און באַהאַנדלען אין בלאָק 7 איז געווען דאָס זעלבע ווי אין אַנדערע בלאָקן. נאָר מחמת דעם, וואָס די מענטשן זענען געווען שווער קראַנקע און אין אַ צאָל, וואָס איז איבערגעשטיגן די אויפנעם־מעג־לעכקייטן פון בלאָק, איז די מערהייט געשטאָרבן פון דוחק אין לופט, פּראָסט פּשוט דערשטיקט געוואָרן." (ד"ר וואַלקען און ט. סמאַלען.)

וועגן יידישן שפּיטאָל אין לאַגער „פ" אין בירקענוי דערציילט ד"ר

ט. שטאַבהאַלץ: „דאָרט האָט געהערשט אַ שרעקלעכער געשטאַנק. דאָ זענען געלעגן איינער לעבן אַנדערן צוזאַמענגעפּרעסט יידישע שלשול־קראַנקע, באַקלעבט מיט אייגענעם שמוץ. קוים לעבעדיקע סקעלעטן. צוויי דייטשישע שטובנעלטסטע האָבן זיך אַרומגעדרייט, געזאַמלט די צואה פון דיל און מערדערלעך געשלאָגן די קראַנקע".

זייער אָפט זענען אין די שפּיטעלער פאָרגעקומען סעלעקציעס צום גאַז.

דער מעדיקער־פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון דייטשע דאָקטוירים על פּי רוב ס. ס.־לייט. דער הויפּט־אַרצט איז געווען אַ פּוילישער רענעגאַט ד"ר ראַמאַן צענקטעללער, אַ ווילדע חיה, אַ שרעק פון אַלע פּאַציענטן, וואָס האָט געשיקט צום טויט טויזנטער קראַנקע. די דאָקטוירים צווישן די אַרעסטאַנטן האָבן זייער זעלטן פאַרנומען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן מעדיקער־פּאָסטן. על פּי רוב האָט מען זיי בלויז דערלויבט צו זיין „פלעגער" אין שפּיטאָל.

די דייטשישע דאָקטוירים — אַ חוץ דעם וואָס זיי האָבן על פּי רוב נישט געהאַט דעם גוטן ווילן צו העלפן די קראַנקע — זענען זיי געווען גאַנץ קנאַפּע קענער אָדער פולשטענדיקע איגנאָראַנטן. אויב עס האָבן זיך יאָ געפונען צווישן זיי עטלעכע דאָקטוירים מיט גרעסערע פּראַקטיק אָדער מיט געוויסע אַמביציעס, האָבן זיי דאָס נישט אָנגעווענדעט לטובת די קראַנקע. זיי האָבן מיט זייערע אַמביציעס העכער געצילט, זיי האָבן זיך אין לאַגער פאַרנומען מיט „וויסנשאַפט".

14. פאַרברעכנס לשם „וויסנשאַפט"

בלאָק נומער 28 פון 1 אָשוויענטשימער לאַגער. אין צימער נר. 13 געפינען זיך אַ 30 יונגע, געזונטע יידישע יינגלעך. זיי זענען הערמעטיש אָפּגעשלאָסן, אפילו אין בית הכסא טאָרן זיי נישט גיין. דער צימער איז איינגעהילט אין אַן אוירעאָלע פון אַ גרויסן „וויסנשאַפטלעכן" סוד. ד"ר געזא מאַנכ׳פעלד, פּראָפעסאָר פון פאַרמאַקאָלאָגיע און עקספּערימענטאַ־

לער פּאַטאָלאָגיע אויפן אוניווערזיטעט אין פּעטש (אונגארן), א געוו. אַשוויענטשימער ארעסטאַנט, דערציילט:

„עס האָבן מיך שטארק פאראינטערעסירט די פּאָרשונגען פון סו־דותפולן צימער נר. 13 און כ׳האָב מיך באמיט זיך אריינצובאקומען אהין. מיין שילער, א מעדיצינער ד״ר לאסלא שווארץ, האָט דאָרט געארבעט. איינמאָל אין אָוונט האָט ער מיך אריינגעפירט. כ׳האָב דערזען א גרופּע יונגע מענטשן, וואָס מען האָט זיי אריינגעשפריצט אונטער דער הויט נאַפט און בענזין. כ׳האָב געפרעגט: „צו וואָס מאַכט איר דאָס? אַזעלכע עקספּערימענטן קען מען דאָך מאַכן אויף חיות, און איבעריקנס, די פּעולה פון נאַפט און בענזין אויפן אָרגאַניזם איז שוין אין דער מעדיצין לאַנג באַקאַנט און אויסגעפאָרשט״.

מיין באַגלייטער האָט מיר געזאָגט, אז מיט די עקספּערימענטן פירט אָן דער הויפּט־שטורמפירער ד״ר קליין, דער לאַגער־מעדיקער, לויט אַן אויפטראַג פון עפּעס א מיליטערישן דאָקטאָר, כדי אויסצופּרוּוון די ווירקונג פון בענזין און נאַפט־איינשפּריצונגען אויף יידן. ס׳גייט אין דעם, אז א סך דייטשע זעלנער האָבן זיך געלאָזט איינשפּריצן נאַפט און בענזין, וועלנדיק קראַנק ווערן און אויף אזא אופן אויסמיידן צו גיין אויפן פראָנט. מיר מוזן דעריבער אויספאָרשן די רעזולטאַטן און קראַנקהייטס־סימפּטאָמען פון אָט די איינשפּריצונגען.

די איינשפּריצונגען זענען על פּי רוב געווען טיפּע: מען האָט אריינ־געשפּריצט צו 2-3 קוואַדראַט־צענטימעטער, הויפּטזעכלעך איןביידע פּיס. נאָך 8 טאָג האָבן זיך געבילדעט שטאַרקע פלעגמאַנעס. מען האָט דעמאָלט געמאַכט איינשניטן אין דעם אייטער, אַוועקגעשיקט אין הערמעטיש פאַר־שלאָסענע רעטאָרטן צום היסטאָלאָגישן אינסטיטוט אין ברעסלאַו.

פאַר די קרבנות פון דער דאָזיקער וויסנשאַפטלעכער התמדה זענען די רעזולטאַטן געווען פּאַטאַלע. ד״ר קליינס פּאַציענטן זענען שווער קראַנק געוואָרן. די ווונדן האָבן זיך שלעכט געהיילט און ביי דער נאָענטסטער סעלעקציע זענען א סך פון זיי באַשטימט געוואָרן צום גאַז.

אין בלאָק 28 האָט מען א חוץ דעם אויף די ארעסטאַנטן אויסגע־פּרוּווט פאַרשידענע כעמישע מיטלען צו רייצן די הויט, כדי קינסטלעך ארויסצורופן ווונדן און פלעגמאַנען. אזוי האָט מען אָנגעווענדט בלערליי־

זאַלצן, פּאַסטעס און פּודערס, ווי למשל אַן 80 פּראָצענטיק פּליסיקייט-געמיש פון עסיג-זויערקייט-זאַלץ מיט אַלומיניע. Solution de Barow אויסגעשניטענע שטיקער הויט און טיפערע געוועבן פּלעגט מען שיקן קיין וורָאצלאַוו (ברעסלאַו) צו דעם היסטאָלאָגישן אינסטיטוט לשם אויספאָרשונג. די פּרטים גיט איבער שמואל שטערן פון בודאַפּעשט, וואָס האָט אין אָשוויענטשים אויסגעפּילט די פונקציעס פון אַ פעלדשער. איבער אַן אַנדערער גרופּע פון אַרעסטאַנטן האָט מען דורכגעפירט עקספּערימענטן אויף אַרויסצורופן די געלבזוכט דורך אַריינגעבן אַקריכין, 15-20 טאַבלעטקעס במשך פון אַ טאָג. אַנדערע האָט מען איינגעשפּריצט בלוט פון מאַלאַריע-קראַנקע. ד״ר קליינס געהילף אין די אַלע אַרבעטן איז געווען דער ס״ס-אָבערפעלדפעבל עמיל קאַשוב.

די היטלעריסטישע למדנים האָבן געהאַט נאָך אַנדערע „וויסנשאַפטלעכע״ פּאַראינטערעסירונגען. פאַר זיי איז געשטאַנען אַ האַרבע קשיא, צי די מזרח-אייראָפּעאישע און מערב-אייראָפּעאישע יידן רעאַגירן אויף דעם זעלבן אופן אויף די אַנטשטעקונגס-סובסטאַנצן פון אַ פלעק-טיפוס. כדי צו שטילן די נייגעריקייט זייערע, האָבן זיי איינגעשפּריצט די ערשטע בעסטע 9 על פּי צופאַל אויסגעקליבענע מערב-אייראָפּעאישע יידן בלוט פון קראַנקע אויף פלעק-טיפוס. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די מערב-אייראָפּעאישע יידן זענען באמת וויניקער ווידערשטאַנדספעאיק ווי די מזרח-אייראָפּעאישע יידן און אַ ראיה, אַז פון העכער צען „עקספּערימענטיר-יידן״ זענען ביז צען טעג כמעט אַלע געשטאָרבן.

אַנדערע „אינטערעסאַנטע״ עקספּערימענטן איבער יידן האָט דורכגעפירט דער אונטערשטורמפירער ד״ר קעניג אין מאָנאָוויצע. ער האָט געפאָרשט די ווירקונג פון עלעקטרא-אויפטרייסלונג אויפן מענטשלעכן אָרגאַניזם. צו די שלייפן פון די פּאַציענטן האָט ער צוגעלייגט צוויי עלעקטראָדעס און דורכן מוח אַדורכגעלאָזט אַ שטאַרקן עלעקטרישן שטראָם: ביי דעם עקספּערימענט זענען אַ סך יונגע מענטשן אומגעקומען.

יונגע דייטשע דאָקטוירים האָבן זיך געוואָלט אין לאַגער ספּעציאַליזירן אויף כירורגיע. זיי האָבן דורכגעפירט אויף די אַרעסטאַנטן אָפּעראַציעס אַן וועלכער נישט איז מעדיצינישע נויטווענדיקייט. למשל דער יונגער דאָקטאָר קעניג האָט פּראַקטיקירט ביי עקספּערימענטיר-אַמפּוטא-

ציעס פון הענט און פיס אין אַן אָנצינדונגס־צושטאַנד. דער קראַנקהייטס־פּראָצעס ביי זיינע פּאַציענטן איז טיילמאָל געווען אין אַזאַ לייכטער פאָרם, אַז דער קראַנקער האָט געקענט אויסגעהיילט ווערן דורך געוועגלעכער טעראַפּיע אין משך פון אַ פּאָר טעג אָדער וואָכן. אָבער דעם ס״ס־דאָקטאָר האָט דאָס ווייניק וואָס געאַרט. ער האָט אַמפּוטירט אַ פינגער צוליב אַ געוועגלעכער פּאַנאַריס, ווו עס האָט גענוגט אַ קליינער איינפאַכער איינשניט. צוליב אַ פלעגמאָן האָט ער אַמפּוטירט אַ פוס. פריער האָט ער אַמפּוטירט און שפּעטער געשיקט דעם פּאַציענט אין גאַז־קאַמער.

די דאָקטוירים טילא און פישער פלעגן אויסקלייבן גרעסערע גרופּעס אַרעסטאַנטן און אָן מעדיצינישע אָנווייזונגען דורכפירן בלינדאַרם־קרעבס־, פרויען־ און ברוך־אָפּעראַציעס, נישט פרעגנדיק די פּאַציענטן, צי זיי ווילן עס. ווען עמיצער האָט זיך נאָר פּאַרקלאָגט פאַרן הויפּט־דאָקטאָר פון אַשוויענטשים הויפּטשטורמפירער ענדרעס, אַז ער האָט לייכטע מאָגן־שמערצן, פלעגט זיך דער דאָקטאָר נוהג זיין גלייך צו מאַכן אַן אָפּעראַציע, וואָס הייסט אין פאַך־לשון (גאַסטראָ־ענטעראָ־סטעמיע), ד. ה. אָפּערירן די פאַרבינדונג פונעם מאָגן מיט דער קישקע. אָדער מען האָט „באַשלאָסן״, אַז דאָס איז אַ מאָגנקרעבס און דורכגעפירט אַן אָפּעראַציע „בילראָטה 1״ אָדער „בילראָטה 2״. דאָס זענען געווען שווערע אָפּעראַציעס און דאָס רוב אָפּגעשוואַכטע און אויסגעהונגערטע אַשוויענטשימער אַרעסטאַנטן האָבן דאָס נישט אויסגעהאַלטן. די, וואָס זענען יאָ געבליבן לעבן, האָט ד״ר ענדערס בעת דער סעלעקציע באַשטימט צום גאַז.

געוויסע אומבאַשטימטע עקספּערימענטן זענען געמאַכט געוואָרן אין 11־טן בלאָק. מ׳האָט עפּעס איינגעשפּריצט אַ פּאָר מענער און נאָך אַ פּאָר שעה זענען זיי געשטאָרבן.

דייטשע פאַרמאַצעווטישע פירמעס פלעגן שיקן אין לאַגער זייערע נייע פּרעפּאַראַטן, כדי אויסצופּרווון זייער ווירקונג אויף די אַרעסטאַנטן. אַזוי למשל איז געשיקט געוואָרן דער פּרעפּאַראַט 1034 פון דער גרופּע סולפאַלינאַמידן, אַ ניי מיטל קעגן אַ רויז.

עס זענען אויף די אַרעסטאַנטן דורכגעפירט געוואָרן אויספאָרשונגען איבער דער ווירקונג פון אַ געוויסן איינשלעפערונגס מיטל. מ׳האָט עטלעכע אַרעסטאַנטן געגעבן צו טרינקען קאַווע אין וועלכער מען האָט

געהאַט אַריינגעשאָטן עפּעס אַ פּולווער. דער עקספּערימענט האָט זיך נישט איינגעגעבן — די אַרעסטאַנטן זענען געבליבן לעבן. נאָכדעם האָט מען דעם עקספּערימענט איבערגעחזרט. פריער האָט מען זיי דערלאַנגט אַלקאָהאָל און אין דער קאַווע האָט מען אַריינגעלייגט אַ גרעסערע פּאָרציע סם. דאָסמאָל האָט זיך דער עקספּערימענט איינגעגעבן. צוויי פּאַציענטן זענען באַלד געשטאָרבן, די אַנדערע צוויי — צומאָרגנס.

אַ מעדיצינישע קאָמיסיע פון ס״ס־דאָקטוירים האָט ווידער עקספּערימענטירט איבער אַ גרופּע יידישע אַרעסטאַנטן אויף אַן אַנדער אופן. אין די מוסקולן האָבן זיי געמאַכט איינשפּריצונגען און גלייכצייטיק עפּעס דערלאַנגט אין מויל אַריין. נאָך 15 מינוט האָט מען געפרעגט, צי די פּאַציענטן ווייזן נישט אַרויס סימנים פון פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט צום לעבן. מען האָט צוגעלייגט אַ רעוואָלווער צום קאָפּ פון פּאַציענט און געפרעגט, צי ער וויל לעבן, צי שטאַרבן און צי ער האָט מורא. מ׳האָט אים אויסגעפרעגט וועגן זיינע פּערזענלעכע שונאים. די קאָמיסיע האָט געוואָלט אַרויסבאַקומען די פאָלגנדיקע ווירקונגען: 1) די גרייטקייט צו אויפריכטיקע דערקלערונגען און 2) אַ פולשטענדיקע פּסיכישע גלייכגילטיקייט. דער עקספּערימענט האָט זיך נישט איינגעגעבן (מערץ 1944).

די אָשוויענטשימער אַרעסטאַנטן דערציילן נאָך וועגן אַ פאַרברעכערישער פּראָצעדור, וואָס איר אייגנטלעכן פאַרלויף און ציל האָט זיך ביזן היינטיקן טאָג נישט איינגעגעבן אויפצוקלערן. דאָס איז דער סודותדיקער ענין פון קאַרטעקעס מיט מענטשלעך פלייש. די היטלעריסטישע תליינים האָבן דערשאָסן יונגע שיינע מענטשן, מענער און פרויען, און די נאָך וואַרעמע הענט און פיס האָבן זיי אָפּגעשניטן און בחפזון אָפּגעשיקט מיט די קאַרטעקעס פון רויטן קרייץ(!) אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. צווישן זיך האָט מען אין לאַגער גערעדט, אַז דאָס וויל מען די הענט און פיס איבערפלאַנצן די פאַרוווּנדעטע דייטשישע סאָלדאַטן, אָבער ס׳פעלן אויף דעם געגוגנדע באַווייזן.

לייכטזיניקע, פאַרברעכערישע און עם־הארצישע עקספּערימענטן האָט מען דורכגעפירט איבער די קרבנות, באַשטימטע צום גאַז. די סיי ווי צום טויט פאַראורטיילטע האָבן געזאָלט דינען דער דייטשער וויסנשאַפט צו פאַרברעכערישע וויוויסעקציעס. לשם זה האָט מען לעבן דער

קרעמאַטאָריע נר. 3 איינגעאָרדנט אין אַפּריל 1944 אַ גרויסע לאַבאָראַטאָריע, וווּ מען האָט פון די גאַז־קרבנות אויסגעוויילט מענטשן צו די געפּערלעכסטע עקספּערימענטן. אַזוי למשל האָט מען אַ פּרוּוו געגעבן אַ גרויסע דאָזע אַנעסטעטיק און געמאָסטן וויפל צייט עס וועט דויערן, ביז זי וועט שטאַרבן. אָדער מען האָט איינעם געעפנט די אָדערן כדי זיך צו איבערצייגן, צי פונעם אָרגאַניזם וועט אַרויסרינען 5 ליטער בלוט. (ד״ר גאָלזע)

איידער מיר גייען איבער צו אַנדערע שווידערלעכקייטן, לאָמיר איבערכאַפּן דעם אָטעם און זיך פאַרנעמען מיט אומשולדיקערע דייטשישע פּאַראינטערעסירונגען אויף דעם מעדיצינישן געביט.

אַזאַ אומשולדיקע שפּיל אין דער כביכול מעדיצינישער נאַצי־וויסנשאַפט איז געווען דער אינסטיטוט פאַר היגיענע אין רייסקאָ. 3,5 קמ. פון אָשוויענטשים. אין דעם דאָזיקן אינסטיטוט האָבן געאַרבעט אַ הונדערט מיט צען אַרעסטאַנטן, פון זיי ביי 50 וויסנשאַפטלעכע כוחות, אונטער דער ליטונג פון עטלעכע דייטשע ס״ס־דאָקטוירים. די גאַנצע אַרבעט פון אינסטיטוט איז געווען אַ פּראָפּאַגאַנדע־בלאָף און אויסן געווען צו באַווייזן דער וועלט, אַז די דייטשן זאָרגן פאַרן געזונט פון דער „איינגעבוירענער" באַפעלקערונג און פון די אַרעסטאַנטן. אין דער ווירקלעכקייט האָט מען פון די אויספאָרשונגען קיין פּראַקטישע אויספירונגען נישט געמאַכט. די דייטשישע ליטער פון אינסטיטוט האָבן אָבער פּראָפיטירט פון דעם, ווייל זיי האָבן געהאַט אין זייער רשות ווי מיטאַרבעטער באַרימטע פאַכלייט און אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרן פון צווישן די אַרעסטאַנטן, וועמענס אַרבעטן זיי האָבן אָנגעגעבן פאַר אייגענע.

אַזוי האָט למשל פּראָפעסאָר געזאַ מאַנספעלד געהאַט אַן אויפטראַג פון דער ליטונג צו זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן פלעק־טיפוס. איינמאָל האָט די דאָזיקע מאַטעריאַלן צוגענומען דער פאַרטרעטער פון אינסטיטוט־ליטער, אַ בעלגיער, דעל מאַטע, אַ פאָלקס־דייטש פון ליטיך (ליעזש) און איז מיט זיי אַוועקגעפאָרן. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זיך פּראָפעסאָר מאַנספעלד דערוווּסט, אַז דעל מאַטע האָט אויף אַ בעלגישער אוניווערזיטעט אָנגעגעבן די מאַטעריאַלן ווי אַ דיסערטאַציע און אויף דעם סמך באַקומען אַ דיפּלאָם פון אַ דאָקטאָר.

כּמעט ווי אַן אידיליע הערן זיך די באַריכטן פון אָשוויענטשימער־אַרעסטאַנטן וועגן די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען פון שטאַנדאַרט־אַרצט, אָבערשטורמגרופּנפירער יאָזעף מענגעלע. דער דאָזיקער אַסיסטענט פון פראַנקפורטער אינסטיטוט פאַר ערב־ביאָלאָגיע און ראַסן־פאָרשונג האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די אַרעסטאַנטן. זיין אַכזריות האָט ער אַרויסגעוויזן דער עיקר בעת די סעלעקציעס אָדער ביים אויפנעמען אַ נייעם טראַנספּאָרט אויף דער באַן־סטאַנציע. גאַנצע פּאַרטיעס אָן אויסנאַם פלעגט ער שיקן צום גאַז. אָבער דאָקטאָר מענגעלע האָט געהאַט איין שוואַכן פּונקט: ער האָט געאַרבעט איבער אַ טעמע, וואָס איז פון ראַסיסטישן קוקווינקל אַ באַזונדער וויכטיקער, דהיינו: איבער דער פאַרערבונג פון פיזישע און פּסיכישע איינגנשאַפטן. צוליב דעם האָט ער ספּעציעל געפאָרשט צווילינג־קינדער, כלערליי מיסגעבורטן, מיסגעוויקסן און צווערגן. וועגן דעם האָבן די מיטגלידער פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע געוווּסט און שטענדיק געפונען צייט און געלעגנהייט מודיע צו זיין די נייע טראַנספּאָרטן מיט אומגליקלעכע קרבנות, אַז ס׳איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט אָפּצוראַטעווען אַ געוויסע צאָל קינדער, אויב זיי וועלן זיך אויסגעבן פאַר צווילינגס. אויף ניך האָט מען אויסגעקליבן קינדער, וואָס זענען געווען ענלעך און אין די אייגענע יאָרן, איינגעקנעלט מיט זיי גלייך לויטנדיקע פערזענלעכע דאַטעס וועגן זיך אַליין און די קינדער, שטאָלץ מיט זייער נייער ראָל האָבן מיט אַ וואַזשנער מינע דערקלערט די הענקערס: „ווייר זינד צווילינגע". נאָך אַזאַ מימרא פלעגט מען זיי אַוועקשטעלן אין אַ זייט.

אַ דאַנק דעם אינטערעס פאַר וויסנשאַפט מצד ד״ר מענגעלע, האָט אַ טייל קינדער — בערך 200 — דערלעבט די באַפרייאונג. וויפל פון זיי זענען געווען פאַקטישע צווילינגס איז שווער צו זאָגן, אָבער אַז די יסודות אויף וועלכע ס׳האָט זיך געשטיצט די דייטשע ראַסן־וויסנשאַפט זענען אין דעם פאַל געווען שוואַך ביז גאָר — דאָס אונטערליגט נישט קיין שום ספק. זיינע פאָרשונגסאָביעקטן, די צווילינגע, צווערגן און כלערליי מיסגעוויקסן האָט מענגעלע געהייסן גרופּירן אין בלאָק 15 אין בירקענוי. אויף דעם זעלבן בלאָק זיינען אויך געלעגן... די סיפיליטיקער.

ד״ר מענגעלע האָט אַלעמאָל געמאָסטן זיינע פּאַציענטן, גענומען פון זיי בלוט, געמאַכט בלוט־טראַנספּערן א. אַ. וו. ביי איין פאָר צווילינגע

נר. 5107־א האָט ער למשל גענומען דאָס בלוט ניין מאָל. ד״ר מענגעלע האָט מיט „זיינע״ צווילינגע עקספּערימענטירט ווי מיט קראָליקעס. איינמאָל האָט ער געהאַט אַזאַ משונהדיקן איינפאַל: ער האָט געפונען צוויי טשעכיש־יידישע פּרויען צווילינגע. הגם זיי זענען געווען פאַרהייראַט, האָט ער פאַר זיי געפונען נייע מענער, אויך צווילינגע. איידער עס איז אים אָבער געלונגען צוצוטרעטן צו דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן עקספּערימענט בנוגע פאַרערבונג, איז געקומען די עוואַקואַציע פון לאַגער און האָט אים געשטערט אין זיין וויטערער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. (ד״ר בענעש, אַנדריי קאַבילעצקי נר. 139021, ד״ר גאָלזע „מפרשת השואה״ ג׳־ד׳, פּ. שעכטער, ר. גאָלדמאַן און אַ סך אַנדערע עדות.)

אין דער שרעקלעכער אַטמאָספער פון דער אָשוויענטשימער מתים־פאַבריק פירן אונדז ווידער אַריין די דערציילונגען פון אָשוויענטשימער אַרעסטאַנטן וועגן קאַסטראַציע־עקספּערימענטן. די דאָזיקע עקספּערימענטן האָבן געהאַט וויטזיכטיקע געאָפּאָליטישע צילן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די פאַרברעכערישע נאַציסטישע פּלענער צו שאַפן לעבנסרוים פאַר דער נאָרדישער ראַסע אין אייראָפּע. דאָס איז מעגלעך געווען בלויז דורך אויסהרגענען און סטעריליזירן די „איינגעבוירענע״ באַפעלקערונג. די ביידע מעגלעכקייטן האָט מען עקספּערימענטירט, „פאַרבעסערט״ און אויסשטודירט אין אָשוויענטשים. די אומגליקלעכע יידישע יינגלעך, וועלכע מען האָט צעקאַליעטשעט און געמוטשעט צום טויט האָבן גאָרנישט געוווּסט, אַז זיי זענען דער קרבן פון אַזאַ גרויסער „אידייע״.

וועגן דעם פאַרלויף פון דעם דאָזיקן „וויסנשאַפטלעכן״ עקספּערימענט דערציילן זייער אַ סך עדות. די גענויסטע באַשרייבונג גיט ד״ר שמואל שטיינבערג, וועלכער איז געווען באַשעפטיקט אין בלאָק 21, אויפן זאַל נר. 1, ווו עס זענען געלעגן די פּאַציענטן נאָך דער קאַסטראַציע (באַנד 4 פון דער פראַנצויזישער מלוכה־אויסגאַבע וועגן דעם וועלטקריג).

דאָס פלעגט אַזוי אויסזען: מ׳האָט אויסגעוויילט אַ גרעסערע גרופּע פון יונגע (18־35 יאָר) געזונטע מענער, 100־200 בערך און זיי געבראַכט קיין בזשעזשינקי, ווו ס׳איז געווען אינסטאַלירט אַ ספּעציעלער אַפּאַראַט צו רענטגען־סטעריליזאַציע.

דער דאָקטאָר האָט דאָ קודם כל נאָכגעקוקט, צי די יאָנדרעס זענען

ביי זיי אין אָרדענונג. אויב די בדיקה האָט געגעבן א פּאָזיטיוון רעזולטאַט, האָט מען זיי באַלויכטן דורך 5-6 מינוטן מיט איקס-שטראַלן.

די סעאַנסן מיט דעם רענטגען־אַפּאַראַט פלעגן געווענלעך דורכפירן נישט געשולטע כוחות אויף א נישט פאַכמענישן אופן, ווי א פּועל־יוצא דערפון האָבן זיך באַקומען ווייטיקדיקע און שווערע ברי־וווּנדן פון דער דריטער מדרגה, וואָס האָבן זיך שווער געהיילט. די קראַנקע האָט מען נאָך א געוויסער צייט (א חודש נאָך די רענטגען־באַשטראַלונגען) איבער־געפירט קיין אָשוויענטשים־שטאַמלאַגער אין כירורגישן בלאָק נר. 21. דאָ האָט מען זיי גענוי אויסגעפרעגט, וואָסערע שטערונגען זיי פילן: צי האָבן זיי סעק־סועלע פאַרגליסטונגען, פּאָלוציע, מאָגנשטערונגען, שטערונגען פון זכרון א. אַ. וו. מען האָט זיי געהייסן אָנאַניזירן און גענומען זייער ספּערמע צו מיקראָסקאָפּישער בדיקה. אויב זיי האָבן נישט געקאָנט אָדער נישט גע־וואָלט אָנאַניזירן, האָט מען ארויסגערופן די ערעקציע דורך מאַסאַזש מיטן פינגער אין דער שטול־קישקע. שפּעטער האָבן די דייטשן צוגע־טראַכט א הענטל, וואָס האָט נאָך עטלעכע באַוועגונגען אין דער קישקע ארויסגערופן עיאַקולאַציע.

ערשט איצט האָט מען די אומגליקלעכע יונגעלייט קאַסטרירט.

די אויסגעשניטענע יאַנדרעס האָבן די דייטשן געשיקט קיין וורא־צ־לאַוו צו היסטאָלאָגישער אויספאָרשונג. ביי א טייל פלעגט מען די קאַס־טראַציעס דורכפירן „אויף ראַטעס", עטאַפּנווייז. נאָך דער ערשטער באַ־שטראַלונג האָט מען באַזייטיקט נאָר א האַלבן יאָנדער. נאָך א געוויסער צייט די צווייטע העלפט. געווען ארעסטאַנטן, וואָס האָבן מיטגעמאַכט 4 אַזעלכע אָפּעראַציעס. אין געוויסע „סעזאָנען" האָט מען דורכגעפירט 30 - 20 אָפּעראַציעס א טאָג. די אָפּעראַציעס האָט מען דורכגעפירט ביי א לאָקאַלע לענדן־אָפּטויבונג מיט נאָוואָקאַין, נישט ביי נאַרקאָזע. נאָך דער אָפּעראַציע האָט דער קראַנקער דערפילט שרעקלעכע שמערצן. די מערהייט קאַסטרירטע האָט זיך נישט לאַנג געמאַטערט — זיי זענען געשיקט גע־וואָרן אין גאַז־קאַמער.

מיר גיבן איבער גבית־עדותן פון עטלעכע, על פּי נס, אָפּגעראַטע־וועטע קאַסטרירטע ארעסטאַנטן.

דער עדות דוד סורעס פון סאַלאָניקי דערציילט: „אין יולי

האָט מען מיך צוזאַמען מיט נאָך 10 גריכן געשיקט קיין בזשעזשינקי און סטעריליזירט מיט רענטגענשטראַלן. אין אַ חודש שפּעטער האָט מען אונדז אַלע קאַסטרירט״.

דער עדות נ. וואַליגורא דערציילט: ווען מען האָט מיך אין אָנהויב דעצעמבער געבראַכט קיין בזשעזשינקי, האָט מען פון אונדזער טראַנספּאָרט אויסגעוויילט אַלע יונגע מענער פון 18־30 יאָר און דורכגעפירט אַ רענטגען־סטעריליזאַציע. אין דעם זעלבן טאָג, וואָס מיך, האָט מען סטעריליזירט 200 מאַן. נאָכן פאַרלויף פון 11 חדשים אין נאָוועמבער 1943, איז ערשט דורכגעפירט געוואָרן די קאַסטראַציע.

דער עדות אהרון וואַלד (פון פּוילן) דערציילט: אַפּריל 1943 איז געקומען אין אונדזער בלאָק נר. 27 אין בירקענוי דער ס״ס־מאַן פּראָפ׳ שומאַן און האָט צוגענומען אַלע יינגלעך פון 20 ביז 24 יאָר קיין אָשוויענטשים אין בלאָק 21... צוערשט האָט מען אונדז אָפּראַזירט, געבאָדן, דאַן געמאַכט אַ לעוואַטיוו (2 ליטער) און צוויי איינשפּריצונגען אין חוט השדרה... איך האָב מיך געוועהרט, געוואָלט אַנטלויפן. פּראָפ׳ שומאַן האָט געזאָגט: „מיר דאַרפן דאָס צו אַן עקספּערימענט״. נאָך דער אָפּעראַציע האָב איך געהאַט שרעקלעכע שמערצן במשך פון 48 שעה. 90 % פון די פּאַציענטן זענען געשטאָרבן. נאָך אַכט טאָג האָב איך שוין געמוזט גיין צו דער אַרבעט״.

געווען פאַלן, ווען פּאַציענטן, וואָס האָבן זיך אָריענטירט אין דעם כאַראַקטער פון די אָפּעראַציעס זענען געלאָפן צו די עלעקטרישע דראָטן און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

ביי די, וואָס זענען געבליבן לעבן נאָך דער קאַסטראַציע, האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן די צווייט־ און דריט־ראַנגיקע געשלעכטלעכע אייגנשאַפטן. ס׳איז נעלם געוואָרן די באַהאָרונג אויפן פּנים. דאָס פעטסגעוועב פון קערפּער האָט זיך אָנגעהויבן אויסצובילדן אויף אַן אופן, וואָס איז אייגנאַרטיק פאַר פרויען. די שטים האָט זיך געענדערט און דער געשלעכטלעכער אימפּולס איז גענצלעך אַטראָפירט געוואָרן.

די קאַסטראַציעס האָבן דורכגעפירט די דייטשישע לאַגער־דאָקטוירים פון ס. ס. און אַ דאָקטאָר פון די אַרעסטאַנטן דערינג, אַ וואַרשעווער פאָלקס־דייטש. אָנפאַנג 1944 איז ער באַפרייט געוואָרן פון לאַגער.

אין באַריכט פון דער כירורגישער אָפּטיילונג ביים לאַגער־שפּיטאָל איז באַמערקט, אַז אין משך פון דריי חדשים: אָקטאָבער, נאָוועמבער, דעצעמבער 1943 זענען צווישן אַנדערע אָפּעראַציעס אויך דורכגעפירט געוואָרן: 89 קאַסטראַציעס, 5 סטעריליזאַציעס און 5 אָפּעראַציעס אויף צו באַזייטיקן דעם אייערשטאָק (ביי פרויען).

ווי עס ווייזט אויס, האָבן די היטלעריסטן געהאַלטן, אַז דאָס איז נאָך נישט גענוג. מען האָט געוואָלט מאַכן אין אָשוויענטשים נאָך אַנדערע „וויכטיקע" עקספּערימענטן מיט לעבעדיקע מענטשן. צו יענער צייט האָט זיך הימלער זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט די עקספּערימענטן פון אַ ס"ס־מאַן הויפּטשטורמפירער ד"ר ראַשער, אַרצט פון דער לופטוואַפע. דער דאָזיקער „מענטשן־פריינט" האָט אָפּגעקילט נאַקעטע מענטשן לאַנג־דיק זיי שטיין אין פראָסט 9-14 שעה, ביז צו דער טעמפּעראַטור 27-29 גראַד מינוס צעלזיוס. דערנאָך האָט ער זיי אַריינגעלאָזט אין אַ הייסן באָד און זיי ווידער „אויפגעלעבט". די דאָזיקע עקספּערימענטן זענען הימלערן פאַרגעקומען אַזוי וויכטיק, אַז ער האָט פּערזענלעך פאָרגעשלאָגן דעם שעף פון דער לופטוואַפע, גענעראַל מילך, צו באַפרייען ד"ר ראַשערן פון דער לופטוואַפע, כדי ער זאָל קענען דורכפירן זיינע עקספּערימענטן אינגאַנצן אונטער זיין ד. ה. הימלערס השגחה און אחריות (בריוו פון הימלערן צו מילכן פון נאָוועמבער 1942: אַמעריקאַנער דאָקומענטן צום 1טן נירנבער־גער פּראָצעס, נר. P. S. — 1617). ווייזט אויס, אַז הימלערס פאַוואָריט האָט זיך פון דעמאָלט אָן אינגאַנצן געווידמעט זיין „ליבלינגס־אידעע" און דעם 17 פעברואַר 1943 האָט ער הימלערן אָנגעשריבן אַ בריוו, וועלכן ס'איז כדי צו ציטירן צוליב זיין אומפאַרשעמט־נאַאיוון ציניזם און ביזאַנטיש סערוויליזם:

„הויכפאַרערטער רייכספירער — שרייבט ד"ר ראַשער — ...אַם איינפאַכסטן וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געקאָנט פאָרן קיין אוישוויץ און דאָרט געקאָנט אויפקלערן די פראַגע פון ווידערדערוואַרעמונג פון דער־פרוירענע מענטשן אין אַ שנעלן טעמפּאָ און אין אַ גרויסע ריי פון מאַסן־עקספּערימענט. אוישוויץ איז אין יעדער באַציאונג אַ סך בעסער געאייגנט פאַר אַזאַ מאַסן־עקספּערימענט ווי דאַכוי. ערשטנס איז דאָרט קעלטער, און צווייטנס איז דער לאַגער זייער גרויס, אַזוי אַז דאָס (דאָס הייסט די עקס־

פּערימענטן) וועט נישט זיין אַנזעעוודיק, ווייל די פּאַרזוכספּאַרשוינען (!) מאַכן אַ גרויסן געוואַלד (!) ווען זיי פירן זייער שטאַרק.

„הויכפּאַרערטער רייכספירער, אויב דאָס איז אייער מיין, דורכצו־פירן אין אַ שנעלן טעמפּאָ די דאָזיקע עקספּערימענטן, וואָס זענען אַזוי וויכטיק פאַר אונדזער לאַנדמיליטער, בעט איך געהאָרכזאַם, מיר צו געבן דעם געהעריקן באַפעל, כדי מיר זאָלן קענען אויסנוצן נאָך די לעצטע ווינ־טער־פרעסט. מיט געהאָרכזאַמסטע גרוסן, בין איך אין אויפריכטיקסטע דאַנקבאַרקייט מיט הייל היטלער, דער אייך תמיד איבערגעגעבענער ס. ראַשער.״

מיר מיינען, אַז דער דאָזיקער עקלהאַפטער דאָקומענט באַדאַרף קיין שום קאָמענטאַרן נישט.

15. איינגאַרטיקע אָשוויענטשימער גינעקאָלאָגיע

אין בלאָק נומער 10 פון לאַגער אָשוויענטשים־שטאַמלאַגער, האָט געפייערט אירע טריומפן די היטלעריסטישע גינעקאָלאָגישע וויסנשאַפט. דאָ איז געווען דער מקום פון דער אַזוי גערופענער „וויסנשאַפטלעכער אָפּטיילונג״. אַהער האָט מען אַריינגעלאָזט 400 - 500 יידישע יונגע, גע־זונטע מיידלעך פון 16 - 30 יאָר. אַז ס׳האָט עקזיסטירט אַזאַ מין משונה־דיקע „וויסנשאַפטלעכע אָפּטיילונג״, זענען דאָ באַווייזן, נישט נאָר פון גבית־עדות. אין לאַגער האָט מען אויך געפונען דאָקומענטן, וואָס באַ־שטעטיקן דאָס.

ס׳איז פאַראַן אַ טעלעגראַמע נומער 2678 פון 28סטן אַפּריל 1943, אין וועלכער דער אָבערשטורמפירער פון דער ס. ס. זאַמער הייסט דער לאַגער־קאָמענדאַנטור איבערפירן 120 פרויען אויף דער רשימה פון „אַרעסטאַנטן פאַר עקספּערימענטאַלע צוועקן״.

אין סטאַטיסטישן באַריכט וועגן דער צאָל און פאַרטיילונג פון די אַרעסטירטע פרויען, לויט פאַרשידענע קאַטעגאָריעס, אונטערגעשריבן פון דעם פאַרטרעטער פון לאַגער־קאָמענדאַנט סעל, איז דאָ אַ שטענדיקע רובריק „אַרעסטאַנטקעס, באַשטימטע צו פאַרשידענע עקספּערימענטן״.

אין דער דאָזיקער רובריק לייענען מיר:

15 אַפּריל	1944 —	400	פרויען
5 יוני	"	413	"
19 יולי	"	348	"
30 יולי	"	349	"

ס'זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די דאָזיקע פרויען האָט אָפּגע־קויפט ביים לאַגער־קאָמענדאַנט די „י. ג. פאַרבענאינדוסטריע", כדי דורכ־צופירן איבער זיי וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן. די קלאַנגען זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורכן דייטשן געוו. אַרעסטאַנט ד"ר ערווין וואַלענ־טין אין זיין דערקלערונג פאַר דער סאָוויעטישער אויסערגעווענלעכער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. ד"ר וואַלענטין האָט דערקלערט, אַז די פאָר־שטייער פון דער דייטשישער כעמישער אינדוסטריע, פּראָפעסאָר קלאָו־בערג פון קעניגסבערג און דער כעמיקער געבעל האָבן אָפּגעקויפט ביים לאַגער־קאָמענדאַנט 150 פרויען פאַר עקספּערימענט־צוועקן.

די עקספּערימענטן פלעגן דורכפירן קאָרפנקעפ פון דער דייטשישער מעדיצין, אַבערלייטנאַנט דער לופטוואַפע, אבערמעדיצינאַלראַט, פּראָפ' ד"ר שומאַן פון בערלין און ד"ר קאַרל קלאַובערג, פּראָפעסאָר פון גינע־קאָלאָגיע אין דער אוניווערזיטעט קעניגסבערג (אָסטפּרייסן), מחבר פון עטלעכע וויסנשאַפטלעכע ווערק און צירקאַ 50 וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנד־לונגען. קלאַובערג איז געווען אַ גרויסער געשעפטסמאַן. מען האָט גע־שמועסט, אַז פאַר יעדער דורכעקספּערימענטירטער פרוי האָט ער באַקומען פון דער „י. ג. פאַרבן־אינדוסטריע" אַ גרויסע סומע געלד. מיטגעאַרבעט מיט זיי האָבן:

דאָקטאָר ווירטס און דאָקטאָר ברונאָ וועבער. די וויסנשאַפטלעכע לייטער זענען געווען פּראָפעסאָר קלאַובערג און זיין אַסיסטענט ד"ר געבעל. מיט דעם גאַנצן אָפּטייל האָט אָנגעפירט מאַיאָר שמידט פון וורצלאַוו. מיט דער אַרבעט האָבן זיך אויך פאַרנומען פון די לאַגער־דאָקטוירים דער דערמאָנטער דאָקטאָר דערינג און אַ יידישער דאָקטאָר סאַמועל. דער דאָ־זיקער פּראָפעסאָר סאַמועל האָט געשטאַמט פון קעלן אַם רהיין (אָדער פון בערלין). די נאַציס האָבן אים איבערגעגעבן אַן אייגענע לאַבאָראַטאָריע

אין בלאָק 10, האָבן אים דערלויבט צו אַרבעטן וויסנשאַפטלעך און געגעבן אים בעסערע לעבנסבאַדינגונגען ווי אַנדערע יידישע קאַצעטניקעס. מען האָט אים אַפילו דערלויבט שרייבן בריוו צו זיין טאָכטער אין דער שווייץ. דער חשובער פּראָפ' האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז אַלע זיינע בריוו האָט נאָך זיין אַוועקגיין דער ס"ס־מאַן דראַזער, — לויט העבערן באַפעל, — גאַנץ איינפאַך אַרויסגעוואָרפן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז געקומען עפּעס אַ דייטשישער פּראָפעסאָר פון בערלין און צוגענומען ביי סאַמועלן זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. עטלעכע טאָג שפּעטער איז סאַמועל פאַרשוווּנדן. ער האָט צופיל געזען און געוווּסט.

די עקספּערימענטן זענען געווען איינגעהילט אין אַ טיפער סודות־דיקייט. דער בלאָק נר. 10, צוזאַמען מיט זיינע איינוווינערינס, איז געווען שטרענג איזאָלירט פון איבעריקן לאַגער. די פענצטער אַפילו זענען שטענ־דיק געווען פאַרשטעלט מיט קוישן. די פרויען פון 10־טן בלאָק האָבן דורך די שפּאַרעס אין פענצטער־לאָדנס געקענט זען בלויז דאָס, וואָס קומט פאָר קעגנאיבער זייער בלאָק, ד. ה. אויפן טויט־פּלאַץ ביים 11־טן בלאָק. דאָרט זענען כסדר פאָרגעקומען מאַסן־עקזעקוציעס איבער די אַרעסטאַנטן.

די טאָג־איין־טאָג־אויס שחיטה, וויז־אַ־ווי זייער בלאָק, האָט נאָך געשטאַרקט זייער דערשלאָגנקייט. דאָס איז אָבער געווען אַ שפּילעכל אין פאַרגלייך מיט דער ידיעה, אַז עס קומט פּראָפעסאָר קלאַובערג צו זיין געוועגלעכן וויזיט. די פרויען פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן אין די ווינקעלעך און רופן: „דער גראַבער קצב גייט!", „דער מנוולדיקער האָן איז דאָ!" און אַריינפאַלן אין היסטעריע. גאַנץ אָפט איז מיטן פּראָפעסאָר געקומען צו פאָרן אַ קאָמיסיע פון איבער אַ מנין ציווילע און מיליטער־לייט.

די ערשטע גרופּע עקספּערימענטן זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך פּראָפ' שומאַן; דער עיקר איבער יונגע, פון 15 ביז 18־יעריקע יידישע מיידלעך פון גריכנלאַנד. פריער האָט מען זיי סטעריליזירט מיט רענטגען־שטראַלן (5 ביז 15 מינוטן) און שפּעטער קאַסטרירט, ד. ה. באַזייטיקט דעם אייערשטאָק דורך דעם אויפגעשניטענעם בויך, אָדער מען פלעגט נאָך דריי חדשים אויסשניידן ביי די פרויען אַ טייל פון זייערע געשלעכטס־אָרגאַנען און אַרויסגעשיקט קיין ברעסלוי צו וויסנשאַפטלעכער אויספאָר־שונג. שומאַן האָט די דאָזיקע עקספּערימענטן געמאַכט 2־3 מאָל וועכנט־

לעך. יעדעס מאָל האָט ער „פּאַרברויכט" דורכשניטלעך 30 פרויען.

אין בלאָק 21 האָבן אָפּערירט ד"ר ווירטס און דערינג. אויף דעם אופן האָט מען הונדערטער פרויען געמאַכט פאַר קאַליקעס און שפּעטער געשיקט קיין בזשעזשינקי צום טויט.

א צווייטע גרופּע פון 170 פרויען האָבן איבערשטאַנען אזא מין עקספּערימענט:

אין דער געבערמוטער און אייערשטאָק האָט מען אַריינגעשפּריצט עפּעס א געדיכטע פליסיקייט, וואָס איז ענלעך צו יאָדיפּין און מען האָט געמאַכט רענטגען־אויפנאַמעס (מעטראָסאַלפּינגאָ־גראַפיע). דאָ איז געגאַנגען אין אויספּרוּוון א גאַנצע ריי קאָנטראַסט־פּרעפּאַראַטן. צו 4־5 מאָל האָט מען איבערגעחזרט דעם עקספּערימענט אויף די זעלבע פרויען. די דייטשישע פאַרמאַצעווטישע פאַבריקן האָבן זיך זייער געניויטיקט אויס־צופּרובירן א נייע סובסטאַנץ אנשטאַט ליפּאָדאָל, וואָס זאָל קענען דינען צו דער ראַדיאָגראַפיע פון די אינערלעכע אָרגאַנען.

די דאָזיקע פאָרשונגען האָט געמאַכט קלאָובערג אַליין, אָדער זיינע נישט אויסגעשולטע געהילפן; דערביי האָבן די פרויען געליטן שרעקלעכע שמערצן. בכלל האָבן די דייטשע דאָקטוירים זיך נישט גערעכנט מיט דעם, אז זיי האָבן פאַר זיך לעבעדיקע און פילנדע מענטשן און געפירט זייערע עקספּערימענטן אויף א זייער ברוטאַלן אופן. געווען פאַלן, ווו מען האָט אין דער זעלבער צייט דורכגעפירט די ווייסנשאַפטלעכע „עקספּערימענטן" צוזאַמען ביי דער מוטער און דער טאָכטער. ביי דעם 16יעריקן יידישן מיידל פון דייטשלאַנד העדי שלעזינגער האָט מען די עקספּערימענטן דורכ־געפירט גלייכצייטיק און צוזאַמען מיט איר מוטער.

איבער א דריטער גרופּע פרויען, האָט מען געמאַכט פאָלגנדע עקס־פּערימענטן:

אין העלדזל פון דער געבערמוטער האָט מען אַריינגעפלאַנצט א קרעבס־געוויקס און נאָך א געוויסער צייט אויסגעשניטן שטיקלעך ראַיז־הייטל פון די שייד־זייטן פון דער געבערמוטער (עקסציזיאָ פּאָרציאַלים באָרציאָנים וואַגינאַלים אוטערי) און אוועקגעשיקט קיין ברעסלוי צום אויספאָרשן.

דאָס האָבן די דייטשישע ווייסנשאַפטלער געוואָלט אויספאָרשן א

גרעסערע צאָל פאַלן בנוגע דעם באַצייטיקן דיאַגנאָז פון קרעבס. (ד״ר ווירטס און ד״ר סאַמועל.)

די פערטע סעריע פון עקספּערימענטן איז באַשטאַנען אין אַרויס־רופן שוואַנגערשאַפט אויף אַ קינסטלעכן אופן דורך איינשפּריצונגען פון מענלעכע האָרמאָנען. אין איין וועג האָט מען זיך אויך באַמיט צו באַ־ווירקן דאָס געשלעכט פון דער פרוכט, דורך איינשפּריצונג פון פאַרשידענע פּרעפּאַראַטן.

ד״ר בענעש דערציילט אַזאַ געשעעניש: „ווען איך בין געווען שרייבער און פלעגער אין דעם א. ג. שיינונגסבלאָק, האָב איך איינמאָל געקריגן אַ באַפעל צו ברענגען אַלע יידן פון 20 ביזן 30סטן יאָר. אויף מיין בלאָק זענען געווען אַרום 180 אַזעלכע יונגעלייט; די יינגלעך זענען זיך צעלאָפן און עס האָט געדויערט צוויי שעה ביז איך האָב זיי צוזאַמענגעקליבן. דער בלאָק־קאָמאַנדאַנט האָט זיי אָוועקגעפירט צום לאַגעראַרצט. דאָ האָט מען ביי זיי גענומען ספּערמע צו דער קינסטלעכער באַפרוכפערונג פון יידישע פרויען״. באַלד האָבן זיך פאַרשפּרייט באַאומרואיקנדע קלאַנגען אין לאַ־גער, אַז מען וועט צווינגען יידישע מענער בייצושלאָפן מיט די סטערי־ליזירטע יידישע פרויען לשם ווייסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן. עס איז נישט מעגלעך פעסטצושטעלן אויף וויפל די דאָזיקע קלאַנגען האָבן גע־האַט אַ ממשותדיקע אונטערלאַגע.

די שוואַנגערשאַפט האָט מען קינסטלעך אַרויסגערופן און אויך קינסטלעך איבערגעריסן.

זאָפיע פלאַקס, פון קראָקע, דערציילט: „ביי דער אונטערזוכונג האָט דער ס. ס.־דאָקטאָר קעניג פעסטגעשטעלט, אַז איך בין מעוברת. ער האָט מיך באַשטימט אין באַראַק „ב־דריי״ אין בזשעזשינקי. דאָרט האָב איך שוין געטראָפן 65 פרויען, אַזעלכע ווי איך. דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט מען מיר געמאַכט איינשפּריצונגען אין די מוסקולן, כדי אַרויסצורופן אַ פריציייטיקע אַנטבינדונג. דעם פינפטן טאָג האָב איך געבוירן אַ קינד (דער זיבעטער חודש). דאָס קינד האָבן זיי ביי מיר צוגענומען. אין דער צייט, וואָס איך בין דאָרט געווען, האָב איך בייגעוווינט 14 אַזעלכע פאַלן. די קינדער האָט מען אָוועקגעפירט, איך ווייס נישט וווּהין״.

די דייטשע ווייסנשאַפטלער האָבן געהאַט אַ ברייטן זשעסט. זיי האָבן

נישט דורכגעפירט קיין אבאָרטן אין 1־2 חודש, ווען דאָס איז פאַרהעלט־ניסמעסיק איינפאַך און ווייניקער געפערלעך. זיי האָט אינטערעסירט דורכ־צופירן די אבאָרטן דווקא אין 6־7 מאָנאַט, ווען דאָס איז זייער שווער און — מ'שטיינס געזאָגט — זייער „אינטערעסאַנט"! אַ סך אַזעלכע עקספּע־רימענטן האָט דורכגעפירט ד"ר טילאָ, וועלכער איז געווען גינעקאָלאָג.

ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ס'זענען געמאַכט געוואָרן נאָך אַנ־דערע עקספּערימענטן איבער די אומגליקלעכע פרויען, אָבער אין דעם מאָ־מענט איז שווער אויף דעם צו ענטפערן.

אַ גאָר קליינע צאָל לעבנגעבליבענע פרויען וויסן נאָר צו דערציילן וועגן אייגענע שווערע איבערלעבונגען במשך דער קאָשמאַרפולער צייט, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין אָשוויענטשימער עקספּערימענטן־באַראַק, אָבער זיי קענען נישט אָנגעבן קיין גענויערע פאַקטן וועגן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם דאָזיקן בלאָק.

צעקאַליעטשעטע אויפן גאַנצן לעבן, קאַסטרירטע, ווייטיקדיק־אָפּגע־בריטע פון די רענטגען־שטראַלן, מיט אַ פּנים, אין וועלכן ס'איז פאַרגלי־ווערט אַן אויסדרוק פון שרעק — טראָגן זיי אין זיך אפשר שפּראָצלעך פון אומבאַקאַנטע, בייזע, פאַרשטעקטע קראַנקהייטן — דעם לעצטן סימן און אָנדענק פון דער שוואַרצער מאַגיע פון די היטלעריסטישע „וויסנ־שאַפטס־מענטשן".

* * *

צום סוף איז נאָך וויכטיק צו באַמערקן אַז לרוב הדעות האָבן די אַלע „וויסנשאַפטלעכע" עקספּערימענטן נישט געהאַט קיין שום סאָלידע וויסנשאַפטלעכע באַזע און קיין שום וויסנשאַפטלעכן ווערט. דער צוועק איז געווען צו שיקן בלומרשטע וויסנשאַפטלעכע ראַפּאָרטן קיין בערלין און ברעסלוי, צו שאַפן אַן אילוזיע פון עפּעס אַ גאָר וואַזשנע און ערנסטע אַרבעט, כדי צו דערהאַלטן וואָס לענגער די דאָזיקע פּאָזיציעס, ווו מען האָט געקאָנט רואיק לעבן און זיך דעקן פון דעם פראָנט־דינסט. דעם אמתן פּאַטריאָטיזם און נאָרדישן העלדנגייסט האָט מען געקאָנט געבן געניגע באַפרידיקונג מיטן פייניקן די געפערלעכסטע שונאים פון „דריטן רייך", די יידישע עקספּערימענטיר־ייִנגלעך און מיידלעך.

ד"ר פיליפ פרידמאַן

16. דער טויט־פלאַץ און דער 11־טער בלאָק

די אַלע אין די פריערדיקע קאַפּיטלען אויסגערעכנטע מעשים האָבן געטראָגן אַזוי צו זאָגן אַ כאַראַקטער פון זייטיקע באַשעפטיקונגען פון די היטלעריסטישע תלינים. דער הויפּטציל און די הויפּט־אויפגאַבע פון אָשװיענטשים איז דאָך געװען דאָס מאַסנהאַפטע אומברענגען פון מענטשן. איינער פון די אַנשטאַלטן, װוּ מען האָט געטויט מענטשן־מאַסן איז געװען דער בלאָק 11 און דער שכנותדיקער טויט־פּלאַץ. דער בלאָק 11 איז געװען אונטער דער דירעקטער השגחה פון דער „פּאָליטישער אָפּטיילונג" (גע־שטאַפּאָ) און איר שעף איז געװען אונטערשטורמפירער ערנסט גראַבנער.

אין בלאָק 11 האָט די פּאָליטישע אָפּטיילונג פאַרמאַכט אַלע, װאָס האָבן זיך לויט איר מיינונג שװער „פאַרזינדיקט", בפרט אָבער אַזעלכע, װאָס אויף זיי איז געפאַלן אַ שמץ פון חשד, אַז זיי פירן אין לאַגער עפּעס אַ פּאָליטישע טעטיקייט, אָרגאַניזאַציע־אַרבעט, בונטעװען זיך קעגן דער לאַגערדיסציפּלין א. אַ. װ. דאָ זענען אויך געװען אין די קעלערן די טרויע־ריק באַרימטע, שוידערלעכע 36 שטראַפבונקערס.

זעלטן װען איז אַן אַרעסטאַנט אַרויס מיטן לעבן פון 11־טן באַראַק.

לעבן בלאָק איז געװען דער באַרימטער טויט־פּלאַץ, װוּ מ'האָט כמעט יעדן טאָג געשאָסן צו עטלעכע הונדערט מענטשן. אויפן דייטשישן שטייגער האָט מען זיי געפירט נאַקעטע און אויסגעשטעלט פאַר אַ שװאַר־צער, געקאַרקעװעטער װאַנט. דער קאַרק מיט װעלכן די װאַנט איז געװען אויסגעבעט, האָט געזאָלט דערשטיקן דעם אָפּקלאַנג פון די שאָסן. נאָך דער עקזעקוציע איז דער גאַנצער הויף געװען דורכגעזאַפּט מיט בלוט. בלוט האָט זיך געגאָסן אין אַזאַ מאָס, אַז דאָס זאַמד פון הויף איז נישט געװען מער אימשטאַנד עס אַריינצוזאַפּן און ס'האָט זיך שוין אין שטראָ־מען געגאָסן דורכן טויער אין דער לאַגער־גאַס. די עקזעקוטאָרס זיינען גע־װען ס"ס־לייט. זיי האָבן געהאַט שטאַרק הנאה פון זייער מלאכה. אין זכרון פון די אָשװיענטשימער אַרעסטאַנטן האָט זיך איינגעקריצט בפרט דער בלוטיקער ס"ס־מערדער פּאַליטש, װעלכער האָט זיך באַרימט, אַז ער אַליין האָט אַ סוף געמאַכט צו 25.000 קרבנות אויפן טויט־פּלאַץ.

די עקזעקוציע פלעגט אַרומנעמען פון עטלעכע צענדליק ביז עטלעכע

הונדערט מענטשן. אַזוי למשל האָט מען דעם 25סטן אויגוסט דערשאָסן אַריבער 500 פוילישע אָפיצירן. ס'זענען אויך געווען פאַלן ווען די קרבנות האָבן געפּרוּווט פאַרטיידיקן זיך.

נישט אַלעמאָל האָבן די דייטשן אויפן טויט־פּלאַץ באַנוצט זיך מיט היים געווער. אויסגעמאַטערטע און אָפּגעשוואַכטע גרופּעס פאַרמשפּטע פלעגט מען הרגענען דורך אַ זעץ מיט דער קאָלבע אין נאַקן. אינמיטן פּלאַץ איז אויך געשטאַנען אַ תליה, וועלכע האָט אויך בשלמות דערפילט איר אויפגאַבע.



די תליה אויף דעם טויט־פּלאַץ. פון הינטן די טויטן־מויער, ווו מען פלעגט שיסן די אַרעסטאַנטן

די לעצטע עקזעקוציע אויפן טויט־פּלאַץ איז פאָרגעקומען דעם 30סטן דעצעמבער 1944, 5 אַזייגער אינאָוונט, איבער דריי עסטרייכישע (בירגער, פרימעל און וועסעלי) און צוויי פוילישע (שוויערשטשינא, פּיאָנטעק) קאָמוניסטן. די פאַרמשפּטע האָבן זיך העלדיש פאַרהאַלטן, זענען געווען מוטיק און ביז צום לעצטן מאָמענט געמאַכט אַנטיפאַשיסטישע אויסרופן.

אָבער נישט די עקזעקוציעס און נישט די איינשפּריצונגען זענען געווען די הויפּטצעכן פון דער אָשוויענטשימער טויט־אינדוסטריע. דער זייל און רוקנביין פון אָשוויענטשימער פאַרניכטונגס־סיסטעם איז געווען דער גאַז־טויט.

ד"ר פיליפ פרידמאַן

17. די אָשוויענטשימער גאַז־קאַמערן

אין פּרט פון פּרעציזע איינריכטונגען און גענוי דורכגעטראַכטע איינצלהייטן פון דער אינסטאַלאַציע האָבן די אָשוויענטשימער גאַז־קאַמערן געקענט אָנגיין פאַרן העכסטן אויסדרוק פון דער דייטשער טעכנישער וויסנשאַפט. דער עיקר באַציט זיך דאָס אויף די קאַמערן פון קרעמאַטאָריע 4 און 5, וווּ מען האָט אָנגעווענדט די סאַמע נייסטע טעכנישע דערגרייכונגען אויפן סמך פון די דערפאַרונגען פון די עלטערע גאַז־קאַמערן. אויך די לאַגערן מאַוטהויזן און דאַכוי האָבן געהאַט גאַז־קאַמערן. אָבער ווי קומען זיי צו דעם אמתן שטאָלץ פון דער דייטשישער פאַרניכטונגס־וויסנשאַפט, די גאַז־קאַמערן פון אָשוויענטשים !

די גאַז־קאַמערן 4 און 5 זענען געווען אין קעלערן, בעת אין די העכערע עטאַזשן האָבן זיך געפונען די בנינים, וואָס געהערן צום קרעמאַטאָריום און די אויוונס. דער אַריינגאַנג אין קעלער איז געווען קאָמפאָרטאַבל איינגעריכטעט און האָט עדות געזאָגט, ווי אַזוי די דייטשן האָבן געזאָרגט פאַר זייערע פּאַציענטן.

נעבן די שטיינערנע טרעפּן פאַר געוועלבע בשר ודמס איז געווען אפילו אַ שיפּע פּלאַטפאָרם פאַר שוואַכע פּאַציענטן, וואָס האָבן קיין כוח נישט געהאַט צו גיין אויף די טרעפּן. זיי האָט מען באַקוועם אַראָפּגעלאָזט — ביז אינעם גיהנום אַריין! — אַ דאַנק דער דאָזיקער הומאַניטאַרער איינריכטונג. די אינעווייניקסטע איינריכטונג פון דער גאַז־קאַמער איז געווען אינגאַנצן ענלעך צו אַ גוט איינגעאָרדנטער באָד פאַר אַ בעסערן עולם. דער אונטערערדישער טייל פון אַנשטאַלט איז געווען איינגעטיילט אין דריי אָביקאַציעס. די ערשטע איז געווען אַ מין „גאַרדעראָב". דאָ זענען לענגאויס די ווענט געשטאַנען בענק, אויף די ווענט זענען געווען אויפשריפטן אין אַ סך שפּראַכן: „באָד און דעזינפעקציע". די פאַרמשפּטע האָבן זיך דאָ אויסגעטון נאַקעט און אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער אָביקאַציע ד. ה. אין דער אייגנטלעכער גאַז־קאַמער, די דאָזיקע קאַמער, 12 מ' אויף 6 מ', איז געווען איינגעטיילט אין צוויי. אָפּהענגיק פון דער צאָל מענטשן האָט מען געלאָזט אין גאַנג איין העלפט אָדער ביידע (דייטשישע שפּאָרזאַמקייט).

די קאַמער איז געווען ענלעך צו אַן עפנטלעכער באָד. ביי די ווענט האָט מען געקענט זען בלינדע טושן, וואָס האָבן געזאָלט שאַפן אַן אילוזיע, אַז ס'איז דאָ אויף דער אמתן אַ באָד. צו דעם צוועק זענען אויך געווען אויף די ווענט אויפשריפטן: „זאָרג פאַר ריינקייט!" „פאַרגעס נישט מיטנעמען מיט זיך זייף און האַנטוך!" אין אַלע פיר עקן זענען געווען קאַלאָנעס מיט דרוויסנדיקע נעץ־ווענטלעך. ווען די קאַמער איז שוין

די אייזערנע טיר פון דער גאַזקאַמער

געווען פול געפאַקט מיט מענטשן, האָט מען אין די קאַלאָנעס פון אויבן אַריינגעוואָרפן די א. ג. גאַז־באָמבעס. נאָכן פאַרגאַזן אַ פּאַרטיע, האָט מען די מתים תיכף אַריינגעשלעפּט אין דער דריטער אוביקאַציע ווו עס האָט זיך געפונען אַן עלעקטרישער ליפט און דערנעבן חדרים פאַר פריזירן און דענטיסטן. די פריזירן האָבן געגנוי אָפּגעשוירן פון די מתים די האָר און זיי געפּאַקט אין זעק. 40 דענטיסטן האָבן געריסן גאָלד־ און פּלאַטין־ציין און אַ ספּעציעלער עלעקטרישער אויוון האָט אויפן אָרט איבערגעשמאָלצן דעם קאָסטבאַרן רוי־שטאָף אין גאָלד־שטאַבעס, נאָך אַן ענטשפּרעכנדער סעגרעגאַציע.

די אויף אַזאַ אופן באַארבעטע מתים זענען מיט דעם עלעקטרישן

ליפט איבערגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן אין אויבערשטן טייל, ד. ה. אין קרעמאַטאָריע.

א חוץ די אינדוסטריעלע אוביקאַציעס, וואָס האָבן געדינט דער „פּראָדוקציע", איז נאָך געווען אַ פּרעכטיק איינגעאָרדנטער בופעט פאַר די געשטאַפּאָ און די ס. ס.־לייט.

די פאַרמשפּטע האָט מען געסמט מיט גאַז ציקלאָן בי (דעם זעלבן גאַז האָט מען אויך באַנוצט אין מאַידאַנעק און אין אַנדערע היטלעריס־טישע מאָרד־אַנשטאַלטן). קיין אָשוויענטשים האָט מען אים געבראַכט אין אַ סטאַבילן צושטאַנד, אין דער פאָרם פון שטאָלגרויע ברעקעלעך, וואָס דערמאָנען מיט זייער אויסערלעכן אויסזען אויסגעטריקנטע קוילן. ד"ר וואלמאַן גיט אָן, אַז קיין אָשוויענטשים האָט מען געבראַכט 20 וואַגאָן מיט ציקלאָן. מאַגאַזינירט האָט מען אים אין אָשוויענטשים 1. און פון דאָרט האָט אים איבערגעפירט מיט... די קאַרעטקעס פון רויטן קרייץ(!) קיין בזשעזשינקי אין די קרעמאַטאָריעס דער לאַגער־אַרצט ד"ר פריץ קליין.

דער כעמישער באַשטאַנד פון ציקלאָן ב' איז פעסטגעשטעלט גע־וואָרן דורך דער טעכנישער און כעמישער עקספּערטיזע פון דער פּויליש־סאָוויעטישער קאָמיסיע אין מאַידאַנעק.

2 פּראָבעס זענען גענומען געוואָרן פון 18 באַנקעס און מען האָט דורכגעפירט 48 רעאַקציעס. אין רעזולטאַט איז מען דערגאַנגען, אַז דער פּרעפּאַראַט ציקלאָן ב' באַשטייט פון ספּעציפישע זויער ערד־קרישטאָלן, גרויס ביז 1 צענטימעטער, דורכגעזאַפּט מיט אַ פליסיקייט (סטאַביליזיר־טע ציאַן־זויערקייט).

אויף דעם, אַז אין אָשוויענטשים האָט מען געסמט מיט ציקלאָן אָדער בלויזויערקייט ($\mathrm{HC\dot{N}}$), זענען דאָ אומצאָליקע באַווייזן. עס באַ־שטעטיקן דאָס אַ מאַסע עדות, געוועזענע קאַצעטניקעס און זייערע געווע־זענע פּייניקערס, די צום געריכט געבראַכטע ס. ס.־לייט. עס זענען דאָ אַחוצדעם אַ ריי דירעקטע באַווייזן. אַזוי למשל האָט מען אין די מאַגאַזי־נען פון אוישוויץ 1. געפונען עטלעכע נישט געעפנטע קאַסטנס מיט ציקלאָן. די כעמישע פאַבריק „אַזאָט" אין יאַווארזשנע (שלעזיע) האָט איבערגע־געבן דער פּוילישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע אַ צוזאַמענשטעלונג, אַז פון 3־טן אויגוסט 1943 ביז 29סטן אַפּריל 1944 האָט זי צוגעשטעלט קיין

אוישוויץ 1.555 קילאָגראַם ציקלאָן. עס איז געפונען געוואָרן אַ רעכענונג פון דער פירמע „דעגעש" (פראַנקפורט אַם מיין) אויף 13 קאַסטנס ציקלאָן צוגעשטעלטע קיין אוישוויץ (געשיקט דעם 11־טן אַפּריל 1944 מיט ווער־מאַכט פּראַכט־בריוו). וואַרשיינלעך האָבן נאָך אַנדערע דייטשישע פירמעס געליפערט ציקלאָן קיין אוישוויץ. אין דעם פּראָצעס קעגן רודאָלף העס אין וואַרשע (אַפּריל 1944) האָט זיך גאָר אַרויסגעשטעלט, אַז איינער פון די הויפּט־ליוועראַנטן פון דעם דאָזיקן „הומאַנעם" מיטל איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר.... דער פּרעזעס פון דייטשישן רויטן קרייץ, דער רייכס־אַרצט ס. ס. אבערגרופּנפירער ד"ר גראַוויץ.

די קרבנות פלעגט מען ברענגען צום אומברענגען אויף אויטאָמאָ־בילן. שפּעטער שוין, אין אַפּריל 1944, האָט מען פאַרלענגערט די באַן־ליניע, וואָס איז געגאַנגען בלויז ביז אוישוויץ, ביז דער קרעמאַטאָריע אין בירקענוי.

קלענערע גרופּעס פון 150־200 מאַן, פאַר וועלכע ס'האָט נישט געלוינט צו לאָזן אין גאַנג די גאַז־קאַמער, האָבן טיילמאָל געמוזט וואַרטן אונטער דער קרעמאַטאָריע צו עטלעכע טעג אויף זייער ריי, ביז ס'וועט זיך אָנ־זאַמלען אַ גרעסערער קאָמפּלעט.

אַז מען האָט שוין צונויפגענומען אַ גענוגנדיקע צאָל מענטשן און זיי אַריינגעטריבן אין גאַרדעראָב, האָט מען נאָך נאָקעטערהייט געמוזט זיי איינרעדן, זיי זאָלן וואָס גיכער אַריינגיין אין דער גאַז־קאַמער. אַ שלעכט פאַרגעפיל האָט אָפּגעהאַלטן די מענטשן פון אַריינגיין אין צימער מיט דער אויפשריפט „באָד און דעזינפעקציע". שפּעטער האָבן זיי שוין זיך אָנגע־הויבן צו אָריענטירן, וואָס עס דערוואַרט זיי דאָרט און האָבן זיך אַהין נישט געיאָגט.

בכלל איז נאָך נישט געווען גענוג אַריינצוטרייבן די מענטשן אין דער צווייטער אָביקאַציע, אַז מען זאָל שוין לאָזן דעם גאַז. ציאַנוואַסער־שטאָף דאַמפּט ביי אַ טעמפּעראַטור פון 27 גראַד צעלזיוס. אויף צו באַקור־מען אַזאַ טעמפּעראַטור אין אַן אומבאַהייצטן צימער האָט מען געמוזט די מענטשן צונויפּפּרעסן אויף אַ באַזונדערן אופן — 20 מענטשן אויף איין קוואַדראַטמעטער איז געווען די בעסטע נאָרמע. צו באַקומען די נאָר־מע האָט מען איינגעפונען אַזאַ מיטל: מ'האָט געהעצט אַ כאָפּטע דרע־

סירטע וואָלפּהינט אויף די נאַקעטע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין גאַרדעראָב. צווישן די פאַרמשפּטע איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע בהלה. כדי זיך צו ראַטעווען פון די צעווילדעוועטע הינט, האָבן זיך אַלע געלאָזן אין דער איינציקער פרייער ריכטונג — אין גאַז־קאַמער. אויף אַזאַ אופן האָט זיך די גאַז־קאַמער אָנגעפילט מיט דריי שיכטן נאַקעטע מענטשן, וואָס זענען געלעגן איינע אויף די אַנדערע און מיט אַ פערטער — שטייענדי־קער איבער זיי. אַ ס"ס־דאָקטאָר האָט דאָס אַלץ אָבסערווירט דורך אַ קליין גלעזערן און גוט פאַרזיכערט פענצטערל. ווען ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די געדיכטקייט פון די צונויפגעפּרעסטע קרבנות איז שוין אַ גענוגנדיקע, כדי דער גאַז זאָל קענען ווירקן, האָט ער געגעבן אַ באַפעל דעם געהילף: „נאַ! גיב איהנען שאָן צו פרעסען" (נו! גיב זיי שוין צום פרעסן!) דעמאָלט האָט דער געהילף אַריינגעוואָרפן אין יעדער נעץ־קאָלאָנע דריי באַנקעס ציקלאָן צו 500 גראַם. די ווירקונג פון גאַז איז געווען אַ גענוג שנעלע — שוין נאָך 3 - 5 מינוטן האָט כמעט קיינער נישט געלעבט.

נאָכן באַזייטיקן די מתים און דורכלופטערן דעם צימער האָט מען אַריינגעלאָזט אַ פרישע פּאַרטיע. אין אַזאַ טעמפּאָ זענען די קאַמערן געווען אימשטאַנד צו „ערליידיקן" אין איין שעה 4.000 - 5.000 מענטשן. עס האָט זיך אָבער אַמאָל געמאַכט, אַז מ'האָט געוואָלט אויסהרגענען אַ קלע־נערע גרופּע פון אַ מאַן 20 - 30, בשתיקה און נישט ציענדיק אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון קיינעם. אַזעלכע קליינע גרופּעס האָט אַ חוץ דעם נישט „געלוינט" צו פירן קיין בזשעזשינקי און דאָרט זיי לאָזן וואַרטן אויף אַ קאָמפּלעט. פאַר זייערטוועגן האָט מען אין יאָר 1944 איינגעפירט אַ ספּעציעלן אויטאָ גאַז־קאַמער. ווי אַזוי ער איז געווען איינגעאָרדנט און ווי אַזוי ער האָט פונקציאָנירט, באַשרייבט דער באַריכט פון דער אומלעגאַ־לער אָשוויענטשימער ארעסטאַנטן־אָרגאַניזאַציע פון 21 סעפּטעמבער 1943 :

„אויפן זאַמדיקן באָדן ביי מאַטשקי געפינט זיך די א. ג. זאָנדער־קאָמאַנדאָ רוריק (Ruryck), וואָס פאַרמאָגט אַן אויטאָ גאַז־קאַמער און אַ טראַקטאָר. דער אויטאָמאָביל, מאַרקע זאַורער, פון גרין־געלן קאָליר (פּאָליציי קאָנטראָל־נומער Pol. 71462, שאָפער: אָבערוואַכמייסטער אַרנדט) איז אַזוי געבויט, אַז ער האָט אינעווייניק אַ הערמעטיש פאַרמאַכ־

טע קאַבינע, 4 מעטער די לענג, 2,5 מעטער די ברייט. די קאַבינע איז אַרומגעשלאָגן מיט בלעך, די טירן זענען אָן טירהענטלעך, דער דיל עפנט זיך. אין רעכטן ווינקל ביי דער טיר איז דאָ אַ פּאַרקראַטעוועטע עפענונג פאַר ווענטילאַציע. פון הינטן איז פאַראַן אַ רער, צו וועלכער מען קען צופירן — ווען מען באַדאַרף — די אויספּומפּ־רער פון אויטאָ, מיט דער הילף פון אַ גומי־שלויך. בשעת דער אויטאָ שטייט אויפן אָרט, לאָזט מען דעם מאָטאָר אין פולן גאַנג און די פאַרברענונגס־גאַזן דערשטיקן די קרבנות, וואָס געפינען זיך אין דער אויטאָ־קאַבינע. דער טראַקטאָר פאַר־גראָבט דאַן די גופים און פאַרווישט די שפּורן.

די דאָזיקע קאָמאַנדע איז אויפגעקומען אין רוסלאַנד מיטן ציל אויף אַ גיכן אופן צו ליקווידירן געפערלעכע עלעמענטן אין פראָנט־הינטערלאַנד. אַהער איז זי געקומען פון ליטע און אויפן באָדן פון אָשוויענטשים פירט זי אוים עקזעקוציעס לויטן באַפעל פון פּאָליציי־שטאַנדסגעריכט.

פאַראַן עדות פון די עקזעקוציעס אין אָשוויענטשים, וואָס האָבן געהערט ווי דער שאָפער ארנדט, אַרויסגייענדיק פון אויטאָ, וואָס איז גע־שטאַנען אויפן פולן גאַז אויפן אָרט, האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל, אַז אַז בינו לבינו „רויבערן זיך אינעווייניק די פייגעלעך".

די דייטשן האָבן גאָר געהאַלטן, אַז זיי טוען עמיצן אַ טובה ווען זיי שיקן אים צום גאַז, ווייל דאָס איז אַ לייכטער טויט, ווי די אַלע אַנ־דערע שרעקלעכע טויט־פּייניקונגען אין לאַגער. איינער אַ ס. ס.־אונטער־אָפיציר האָט געוואָלט באַווייזן זיין דאַנקבאַרקייט אַ יידישער דאָקטאָר־קע, וואָס האָט אים געפלעגט אין זיין קראַנקהייט. ער האָט זי פאַרזי־כערט, אַז קיין גאַז וועט פאַר איר נישט אויספעלן! (פּ. לעווינסקאַ).

18. די קרעמאַטאָריעס

די לעצטע פּראָדוקציע־סטאַדיע פון דער אָשוויענטשימער טויט־אונטערנעמונג זענען געווען די קרעמאַטאָריעס.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז די „געניאַלע" דערפינדונג האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אָנצווענדן אין אָשוויענטשים אין פרילינג 1942. ראשית איז אַנטשטאַנען אַ קליינע קרעמאַטאָריע אין אָשוויענטשים 1.

„דאָס קרעמאַטאָריום אין שטאַמלאַגער אוישוויץ, דאָס א. ג קרע־מאַטאָריום נר. 1, איז באַשטאַנען פון אַ פּאַרטער הויז, אַן ערך 56 מעטער לאַנג און 12 - 15 מעטער ברייט. עס זענען דאָרט געווען פינף קלענערע צימערן און איין גרויסער, טונקעלער זאַל פון 30 אויף 5 מעטער. דער גרויסער זאַל האָט נישט געהאַט קיין פענצטער, נאָר צוויי ווענטילאַטאָרס אינעם סופיט, עלעקטרישע באַלויכטונג, איין אַריינגאַנגסטיר פונעם קאָ־רידאָר און אַ צווייטע, וועלכע האָט געפירט צום אויוון. דער דאָזיקער זאַל האָט געהייסן די „לייכן האַלע״ (מתים צימער). דאָ פלעגט מען אויך דורכפירן מאַסן־עקזעקוציעס דורך שיסן. גלייך לעבן דעם איז געווען דער צווייטער צימער, מיט די אויוונס צום פאַרברענען די מתים. געווען דריי אויוונס, יעדער האָט געהאַט צוויי רעטאָרטן אין יעדן רעטאָרט האָט מען געקענט אַריינלייגן צו צוועלף מתים, אָבער מען פלעגט אַריינלייגן בלויז 5, כדי זיי זאָלן שנעלער ברענען. די מתים האָט מען צוגעפירט אויף ספּעציעלע רושטן. אונטער די רושטן האָט געברענט קאָקס. אין הויז איז נאָך געווען אַ צימער אויף קאָקס, אַ צימער אויף אַש פון די מתים, אַ צימער אויף זייערע בגדים. דער הויף פון הויז איז געווען פול מיט בלו־מען און געמאַכט אַ רושם פון אַ פיינעם גאָרטן״. (גבית עדות פון מ. יאַנקאָווסקי, מיטגליד פון דער זאָנדערקאָמאַנדע אין קרעמאַטאָריום).

שפּעטער האָט מען צוגעבויט צוויי גרויסע קרעמאַטאָריעס 2. און 3 אין אָשוויענטשים 2. (בזשעזשינקי). יעדע איינע האָט געהאַט צו פינף אויוונס מיט דריי רעטאָרטעס, דאָס הייסט בס״ה 30 רעטאָרטעס. די פּראָדוקציר־פעאיקייט פון איין אויוון האָט אויסגעמאַכט דריי גופים אין 20 מינוט (דאָס הייסט 90 מענטשן אין אַ שעה איןביידע קרעמאַ־טאָריעס).

דער העכסטער אויסדרוק פון דייטשישער טעכניק אויף דעם געביט זענען געווען די קרעמאַטאָריעס 4. און 5., אויך אין בזשעזשינקי. זיי האָבן אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אין מערץ 1943. געווען זענען דאָרט טאַקע נאָר צוויי אויוונס צו אַכט רעטאָרטעס, אָבער זיי זענען געווען מאָדערניזירט און פאַרפולקאָמט אין אַזאַ מדרגה, אַז אין פּרט פון פּראָ־דוקציע־אויסגעביקייט האָבן זיי ווייט איבערגעשטיגן די ביז אַהעריקע אינסטאַלאַציעס. אין יעדער רעטאָרטע האָבן זיי פאַרבר־ענט צו 5 מענטשן



די קרעמאַטאָריע־אויוונס. (ביידע בילדער שטאַמען נישט פון
אוישוויץ, נאָר וואַרשיינלעך פון בוכענוואַלד)



אין משך פון 10 מינוט, דאָס מאַכט אויס 240 מאַן א שעה — אין איין אויוון.

די דעטאַדטעם האָבן געהאַט אַ פּירעקיקע עפענונג 2 מעטער די ברייט, דורך וועלכער מ׳פלעגט אַריינלייגן די טויטע גופים מיט דער הילף פון אַ ספּעציעלן אייזערנעם מעכאַניזם, אַזוי ווי אין אַ באַק־אויוון. (די אָשוויענטשימער אַרעסטאַנטן האָבן דערפאַר דער קרעמאַטאָריע אַ נאָמען געגעבן בעקעריי).

די מתים פלעגט מען אַזוי אויסלייגן: פון אונטן 2 „קאַנאַדער״ און אויף זיי 3 „מוזלמענער״. דער שכל דערפון איז דער, אַז די „מוזלמענער״ זענען געווען אַזוי אויסגעדאַרט און אָן פעטס, אַז זייערע גופים האָבן נישט געוואָלט ברענען.

אַזוי אַרום האָבן אַלע פיר קרעמאַטאָריעס אין בזשעזשינקי געקענט פאַרברענען אין משך פון איין שעה 750 מענטשן. (די קרעמאַטאָריע אין אָשוויענטשים 1. ווי אַ צו קליינע, האָט אין דער מאַסן־אַקציע קיין גרויסע ראָליע נישט געשפּילט.) אַזאַ קליינע אויפנעם־פּעאיקייט פון די אויוונס האָט די דייטשע ספּעצן פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש, ווייל די פּראָדוציר־מעגלעכקייטן פון די אויוונס האָבן באַטראָפן 750 מענטשן אַ שעה, בעת די גאַז־קאַמערן האָבן געקאָנט אין דער זעלבער צייט אַריינגעמען 4.000־5.000 מענטשן. צוליב דעם האָט זיך די פּראָדוקציע אָנגעשטויסן אויף אַן „אימפּאַס״. דאָס האָט זיך בפרט געלאָזט פילן זומער 1944 אין פּע־ריאָד פון דער הויכער קאָניוקטור אין דער היטלעריסטישער טויט־אונ־טערנעמונג. מיר וועלן זען אין דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל, ווי מען האָט זיך אָן עצה געגעבן מיט דעם פּראָבלעם.

די קרעמאַטאָריע־אויוונס האָבן געאַרבעט אויף גענעראַטאָר־גאַז. די שפּאָרזאַמע דייטשן האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז קיין ברענמאַטעריאַלן זאָלן נישט גיין לאיבוד. פלעגט זיך טאַקע מאַכן, אַז ווען ס׳האָט אויס־געפעלט אין בזשעזשינקי מתים צו פאַרברענען, האָט מען טעלעפאָנירט קיין אָשוויענטשים נאָך „רוישטאָף״. אָשוויענטשים האָט דעמאָלט בחפזונ־דיק דורכגעפירט אַ סעלעקציע און אויסגעפירט בשלמות די באַשטעלונג, ד. ה. געשיקט אַ פּאַרטיע קרבנות קיין בזשעזשינקי.

דער לייטער פון די קרעמאַטאָריעס איז געווען דער ס. ס.־מאַן מאָל (Moll).

19. די זומער־קאַמפּאַניע 1944

דעם פּעריאָד פון העכסטער קאָניונקטור האָט די אַשוויענטשימער מאָרד־פאַבריק דורכגעמאַכט זומער 1944. פון מאַי האָט מען אָנגעהויבן צו פירן אונגאַרישע יידן און אין משך פון דריי חדשים האָט מען אָנגעפירט לויט דער אָפּשאַצונג פון די אַשוויענטשימער אַרעסטאַנטן אַן ערך 400.000 מאַן. סוף זומער 1944, נאָך דער אינוואַזיע פון די פאַרבינדעטע מלוכות אין פראַנקרייך, האָט מען אָנגעהויבן צו ברענגען „טעראָריסטן", ד. ה. פראַנצויזישע פּאַטריאָטן און פּאַרטיזאַנער. די צאָל געבראַכטע פראַנצויזן שאַצט מען אויף צענדליקער טויזנטער. חוץ דעם פלעגן נאָך קומען „נאָרמאַלע" טראַנספּאָרטן.

דעם דאָזיקן גאַנצן מענטשן־מאַטעריאַל האָט מען געדאַרפט „דורכאַרבעטן". די גאַז־קאַמערן האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט. פון די קרעמאַטאָריע־קוימענס איז נישט נאָר געגאַנגען אַ רויך, נאָר ס'האָבן געזעצט פייער־זיילן אויף אַ הויך פון 2 - 4 מעטער. ס'איז אָבער אַלץ געווען צו ווייניק. מ'האָט געמוזט אויסגראָבן גרובנס, וווּ מ'האָט געמאַכט פּראָוויזאָרישע גאַז־אינסטאַלאַציעס און די גרובנס צוגעדעקט מיט פּלאַכטעס. אויך די גאַרדעראָבעס פון די קרעמאַטאָריעס האָבן נישט געקלעקט און מ'איז געווען געצוווּנגען צו מאַכן אַ „פליאַזשע"־גאַרדעראָבע אונטערן פרייען הימל. דער ענין פון דיספּראָפּאָרץ צווישן טעמפּאָ פון גאַזירן און פאַרברענען האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט אין פאַרגלייך מיט דער צייט פון „נאָרמאַלער פּראָדוקציע". די דייטשן האָבן זיך אַן עצה געגעבן: אויסגעגראָבן גרובנס און פאַרברענט דאָרט די מתים מיט האָלץ. נאָך אין אַפּריל 1946 האָבן מיר אין אַשוויענטשים געזען די איבערגעבליבענע גרויסע האָלץ־סקלאַדן פאַרן דאָזיקן צוועק. ביי די גרובנס האָט מען געמאַכט רינעס, דורך וועלכע דאָס פעטס איז אַריינגערונען אין אַ רעזערוואַר. אויב ס'האָט זיך געמאַכט אַ גאָר מאָגערער טראַנספּאָרט פון מוזלמענער למשל,

האָט מען די מענטשן באַגאָסן מיט דעם דאָזיקן פעטס, כדי זיי זאָלן בע־סער ברענען.

ס'האָט פונדעסטוועגן אויסגעפעלט צייט צו גאַזירן אַלעמען. דע־מאָלט האָט מען זקנים, קינדער און קראַנקע אַריינגעוואָרפן אין די ברענענ־דיקע גרובנס לעבעדיקערהייט. דער דאָזיקער שרעקלעכער פאַקט ווערט באַשטעטיקט דורך אַ גאַנצער ריי עדות, וואָס האָבן דאָס דערקלערט אונ־טער אַ שבועה פאַר פאַרשידענע אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס. אויך ד"ר בענעש גיט אָן נעמען און גענויע אַדרעסן פון עטלעכע עדות, יידן, טשעכן און סלאָוואַקן, וואָס האָבן דאָס מיט אייגענע אויגן געזען (ז' 128). אַ גע־וועזענער מיטגליד פון דער זאָנדער־קאָמאַנדע דערציילט:

„ווען מען האָט געבראַכט צו דער קרעמאַטאָריע שוואַכע זקנים, קינדער אָדער קראַנקע, האָט מען זיי נישט געהייסן בכלל אַראָפּגיין פון אויטאָ, דאָס אויטאָ איז געווען ספּעציעל געבויט אַזוי, אַז מען האָט אויפ־געהויבן די פּלאַטפאָרם פון פאָרנט און מען האָט זיי פּראָסט פּשוט אויס־געשיט אויפן הויף אָדער אין ראָוו אַריין, אַזוי ווי מען שיט אויס מיסט פון אַ מיסט־וואָגן". (מ. יאַנקאָווסקי). די קולות און יללות פון די לעבע־דיקערהייט ברענענדע מענטשן האָבן זיך פונאַנדערגעטראָגן איבערן גאַנצן לאַגער. די נעכט זענען געווען העלע פון די פייערן, אש מלמעלה ואיש מתחת, די אויבערשטע פייערן און די אונטערשטע פייערן, פון די קוימענס און פון די גרובנס. דער טשאַד פון די ברענענדיקע גופים האָט פאַרשפּאַרט דעם אָטעם אין די לונגען. די געשרייען פון די גאַזירטע און געברענטע, די געדיכטע כמאַרעס רויך איבערן לאַגער, און אויף דעם פאָן פון די רויטע פייערצונגען די ווילדע אָרגיעס פון די צעווילדעוועטע, צעיושעטע ס. ס. - לייט, אין וועלכע ס'האָט זיך צעפּענטעט אַ בלוט־רויש — דאָס זענען געווען די בילדער פון גיהנום, וועלכע האָבן זיך אויף אייביק איינ־געקריצט אין זכרון פון די עדות, וואָס האָבן בייגעוווינט די דאָזיקע וויל־דע גערמאַנישע „וואַלפּורגיס־נעכט".

ווילדע מעשים תעתועים פלעגט אָפּטון דער שעף פון די קרעמאַטאָ־ריעס מאָלל:

„דער אָבערשאַרפירער מאָלל האָט אַריינגעוואָרפן די מענטשן לע־בעדיקערהייט אין די גרובנס אין פייער אַריין. אויף מיינע אייגענע אויגן

די פאַרגאַזעוועטע קרבנות ווערן פאַרברענט אין די גריבער. דאָס בילד האָט געמאַכט בגנבה אַ מיטגליד פון דער זאנדער־קאמאנדע, דוד גרעק, אין אויגוסט 1944.

האָב איך געזען אַזאַ סצענע: מאַל האָט געהייסן אַ נאַקעטע פרוי זיך זעצן אויף די מתים וואָס זענען געלעגן ביים גרוב, ער אַליין האָט ווייטער געשאָסן צו די אַרעסטאַנטן און זיי אַריינגעשמיסן אין דעם פייער און דער פרוי האָט ער געהייסן שפּרינגען און זינגען. זי האָט אַלץ געטון, אין האָפענונג, אַז דערמיט וועט זי זיך אפשר אַפּראַטעווען דאָס לעבן. אָבער צום סוף האָט מאַל אויך זי דערשאָסן". (ס. יאַנקאָווסקי).

אין אַ ראַפּאָרט פון דער געהיימער פּ.פּ.ס.־אָרגאַניזאַציע (פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) באַשרייבט אַן עד־ראיה פון די אַלע סצענעס, דער קראַקאָווער אַרבעטער־טוער יוזעף ציראַנקעוויטש (איצטיקער פּוילישער מיניסטער פּרעזידענט) זיינע איבערלעבונגען אין דעם דאָזיקן גיהנום:

„עס האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַן אומדערהערטע שחיטה איבער די אונגאַרישע יידן, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע און אפילו נישט אין דער געשיכטע פון די ביז אַהעריקע היט־לעריסטישע רציחות. איר פאַרנעם איז אַ מוראַדיקער, איר ציניזם און די אויספירונג אַ בעסטיאַלישע. די היטלעריסטישע תלינים שטייגן איבער זיך אַליין. זיי פאַרוואַנדלען זיך אין צעווישעטע, האַלב משוגענע ווילדע חיות — זאָלן מיר די חיות מוחל זיין פאַר דעם באַליידיקענדן פאַרגלייך! זיי מאָרדן ווי אין אַ פיבער מיט אַ שנעלקייט וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם, כדי אויסצופאַרטיקן אַלע, איידער די ידיעה וועט דערגיין קיין אונגאַרן און קיין אויסלאַנד. זיי האָבן פולשטענדיק פאַרלאָרן דעם חוש פון פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט".

„פון מיטן מאַי קומען טראַנספּאָרטן מיט אונגאַרישע יידן אין אַ פאַרשטאַרקטן טעמפּאָ. יעדע נאַכט — 8 טראַנספּאָרטן. יעדער צוג צו 48 - 50 וואַגאָנען, אין אַ וואַגאָן צו 100 מענטשן.

„די טראַנספּאָרטן פירן „קאָלאָניסטן" אויף צו באַזעצן זיי אויף ספּעציעל צוגעטיילטע ערד־שטחים אָדער „אויסצוטוישן" זיי מיט דער הילף פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ אויף דייטשע קריגס־געפאַנגענע. אַן אַלט מנוולדיק שפּיצל אויף אָפּצונאַרן מענטשן מצד די דייטשן, וואָס מאַכן חוזק פון די אָנערקענטע אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און וואַרפן אַוועק פון זיך אַלץ וואָס שמעקט מיט מענטשלעכקייט.

„צו די צוגן פון די „קאָלאָניסטן" זענען צוגעטשעפּעט צו צוויי וואַגאָנען מיט בוי־האָלץ, וועלכע די כלומרשטע „קאָלאָניסטן" לאָדן אַליין אויס ביי דער טויט־ראַמפּע און טראָגן אַליין איבער אויף אַן אַנדער אָרט, ליינגן אויס אין הויפנס... פאַר זיך אַליין.

„אַ צווייטער מין טראַנספּאָרטן פון די, וואָס מען פירט צום „אויפ־טוישן מיט ענגלאַנד", קומט אָן געהילץ. גייענדיק צום טויט, פרעגן זיי נאָך אין זייער אומענדלעכער, הימלשרייענדיקער נאַאיווקייט, צי ס'איז נאָך ווייט צום... קאַנאַל לאַ מאַנש, מיט וועלכן זיי דאַרפן פאָרן צום אויס־טויש.

„כדי צו פאַרלייכטערן די אַרבעט, קומען זיי שוין אָן אויססאָרטיר־טע: קינדער, למשל, אין באַזונדערע וואַגאָנען, א. אַ. וו. די פאַרמאַכטע צוגן וואַרטן אויף אַ ספּעציעלער זייטן־שטרעקע צו עטלעכע שעה ביז צום אויסלאָדן. נאָכן אויסלאָדן וואַרטן זיי אין שכנותדיקן וועלדל אָדער אין די ראָוועס, ביז די ביידע גאַז־אַנשטאַלטן וועלן זיי קענען אויפנעמען. אַ שמירה מיט מאַשין־געווערן היט זיי דערווייל. אַזוי וואַרט מען אויפן טויט צוויי מעת לעת, ווייל דער פּראָדוציר־פּראָצעס פאַרהאַלט זיך.

„צווישן דער באַן־ ראַמפּע און די גאַז־קאַמערן גייען טאָג און נאַכט, אומאויפהערלעך, מחנות מענטשן, וואָס נעענטערן זיך דער גאַז־קאַמער אין דער מאָס, ווי די קאַמער ווערט אָפּגערייניקט פון „דערליידיקטע" מתים. אין מיטן שאָסיי קורסירן אָן איבעררייס לאַסט־אויטאָס, וואָס פירן פון דער ראַמפּע שוואַכערע און קראַנקע לייט, שוואַכע פרויען און קינ־דער. געזונטע גייען צופוס, נישט וויסנדיק ביז צום סוף וווּהין?

„אין די ראָוועס, ביים וועג, ליגן ס. ס.־לייט מיט מאַשין־ביקסן. אויף דער ראַמפּע לאָזן אַלע איבער זייער גאַנצן באַגאַזש, וועלכער ווערט שפּע־טער מיט אויטאָס איבערגעפירט אין די ספּעציעלע מאַגאַזינען פון דער א. ג. קאַנאַדע, וווּ אַ ספּעציעלע אַרעסטאַנטן־קאָמאַנדע סאָרטירט די זאַכן. ביי דער ראַמפּע איז אָנגעלייגט אַ באַרג וואַליזעס 300 מעטער די לענג, 20 מעטער די ברייט און ביז צום ערשטן שטאָק הויך. די לאַסט־אויטאָס זע־נען נישט אימשטאַנד זיי אָפּצורוימען, הגם זיי אַרבעטן אָן אויפהער. פאַר דעם גרויסן באַראַק פון דער „עפעקטן־קאַמער" (Effektenkammer),

וואָס איז שוין פול געפּאַקט מיט מלבושים, ליגן אָנגעהויפט גאַנצע בערג קליידונג און מען באַווייזט זיי נישט צו סאָרטירן און נישט אויסצופּאַקן.

„פאַרן אַריינגיין אין דער גאַז־קאַמער גיבן אַלע אָפּ אין... דעפּאָזיט געלט און צירונג, וואָס זיי האָבן. נאָכדעם טוען זיי זיך אויס נאַקעט, גיבן אָפּ די זאַכן, וועלכע מען איז נאָך שפּעטער בודק, צי ס׳געפינען זיך נישט דאָרט קיין פאַרבאָרגענע קאָסטבאַרקייטן. איצט גייען די מענטשן אַריין אין „באָד״, דאָס הייסט אין דער גאַז־קאַמער, פאַרטיעסווייז צו 1000 פערזאָן. מען גיט זיי שוין נישט, ווי אַמאָל, קיין זייף און האַנטעכער — דערויף איז שוין קיין צייט נישטאָ.

„ביידע גאַז־קאַמערן אַרבעטן אָן איבעררייס און קענען דאָך נישט אַניאָגן. די הפסקה צווישן גאַזירן איין גרופּע און אַ צווייטע באַטרעפט אַזוי פיל, וויפל ס׳איז נויטיק דורכצולופטערן די קאַמערן. פון דער צווייטער זייט קאַמער — די אַריינגייענדיקע זעען דאָס נישט — ליגן גאַנצע הויפנס, גאַנצע בערג מתים און מ׳באַווייזט זיי נישט צו פאַרברענען.

„אַלע, בפרט די פרויען, ווערן געשוירן דורך אַ ספּעציעלער שערער־קאָמאַנדע. די האָר ווערן געפּאַקט אין זעק ווי אַ רוישטאָף. אַ ספּעציעלע קאָמאַנדע פון דענטיסטן קוקט דורך ביי אַלע מתים די מײַלער און רייסט אַרויס גאָלד־ און פּלאַטין־ציין. אַזוי ווי ס׳איז קיין צייט נישטאָ, רייסט מען אַרויס גאַנצע קינבאַקן און שפּעטער באַאַרבעט מען זיי.

„נאָך אַ „ספּעציאַליסטן״־קאָמאַנדע האָט פאַר אַן אויפגאַבע בודק צו זיין ביי די טויטע פרויען, צי אין זייערע געשלעכט־אָרגאַנען ליגט נישט קיין באַהאַלטענע אוצרות.

„ערשט נאָך אַזאַ גענויער חקירה ודרישה גייען די גופים אין פייער.

„עס רויכערן אָן אויפהער 4 קרעמאַטאָריעס און איין ציגלברענערײַ און ס׳ברענען שייטערהויפנס אונטערן פרייען הימל. דעם שווארצן געדיכטן רויך זעט מען פון ווייטן און דאָך יאָגט מען נישט אָן מיטן ברענען. איין קרעמאַטאָריע איז דערווייל אין אַן אינטענסיוון רעמאָנט, ווייל מחמת דעם אומאויפהערלעכן באַנוצן זענען די רושטן און אַ טייל פונעם אויוון איבערגעברענט.

„כדי צו באַדינען די רויבנדע, מאָרדענדע ס. ס. און טראָגן די מתים איז טעטיק אַ פאַרגרעסערטע „זאָנדער־קאָמאַנדע״, וואָס באַטרעפט שוין

היינט צו טאָג 2.000 מאָן. דאָס זענען געזונטע, פעסטע יידן פון צווישן די אַרעסטאַנטן. ס'פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען שוין ווי עדות פאַרמשפּט צום טויט, ווייבאַלד זיי וועלן פאַרענדיקן די אַרבעט.

„די ס. ס. ־ דינסט־צייט ביי דער מאָרד־פאַבריק דויערט אָן איבעררייס צו 48 שעה, נאָך וועלכע מען באַקומט 8 שעה אָן איבעררייס. עסן ברענגט מען זיי צו דער „דינסט־שטעלע", שלאָפן, שלאָפן זיי אין פעלד לעבן די מאַשין־ביקסן, כדי אין אַ נויטפאַל זאָלן אַלע כוחות זיין גרייט און אויף אָן אָרט. ביים פאַרלאָזן דעם פּאָסטן ווערן די ס. ס. ־ לייט רעווידירט דורך די געשטאַפּאָ, צי האָבן זיי נישט צוגענומען אין קעשענע אַ טייל פון רויב. פאַר זייער דינסט ביי די טראַנספּאָרטן באַקומען די ס. ס.־ לייט אַ ספּעציעלן דערנערונגס־צוגאַב: אַ האַלבן ליטער מילך און 100 גר. וווּרשט אַ טאָג.

„פאַראַן שוין פאַלן, ווו ס. ס.־לייט באַקומען ביי דער „אַרבעט" נערוון־שאָקן, מחמת דעם נישט געוועזענעם ביז איצט טעמפּאָ פון מאָרדן צו וועלכן זיי זענען, טראָץ אַלעמען, אַפּריער נישט געווען געוווינט. איינער איז אַראָפּ פון זינען און אויפן אָרט פאַרגאַזירט געוואָרן. אייניקע האָט מען באַזייטיקט פון דער אַרבעט, ווייל זייערע נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן. אויף זייערע „נערוון" האָט אַ ווירקונג געהאַט די מורא פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און שטראָף, וואָס זענען שוין נענטער ווי ווען עס איז פריער. איין רומענישער ס. ס. ־ מאָן האָט זיך אויסגעדריקט „איצט גייען יידן, נאָכדעם קומט די ריי אויף פּאָליאַקן און רוסן — און צום סוף אויף אונדז, ווייל אונדז, ווי עדות פון דעם אַלעמען, וועלן זיי נישט לאָזן לעבן, אַ חוץ — פאַרשטייט זיך — די רייכסדייטשן". יעדער איינער האָט געחתמעט אַ דעקלאַראַציע, אַז ער איז זיך מתחיב צו שווייגן וועגן אַלץ, וואָס ער זעט און טוט.

„דאָס רוב אָבער זענען חיות, וואָס שטילן זייערע סאַדיסטישע נייגונגען מיט גרויס תענוג אין בלוט־דאַמף. די דאָזיקע חיות זענען נאָך שרעקלעכער דורך דעם, וואָס זיי האָבן אַ פאַרגעניגן פון מאָרדן, „אַרבעטן" שנעל און פּרעציז, נישט פאַרלירנדיק קיין רגע. זיי פאַראייניקן די גרעסטע נידערטרעכטיקייט מיט דער גרעסטער פּרעציזקייט פון אַ מאַשין, מנוולדיקע רויע געוואַלט מיט מעטאָדישקייט.

„ווער וועט באַצאָלן פאַר די פאַרברעכנס?
„אין ערשטער ריי די הויפּט־תּלינים, וואָס פירן אָן מיט דער גאַנצער ליקווידאַציע־אַקציע. דאָס זענען דער אָבערשטורמבאַנפירער ס. ס. לאַגער־קאָמאַנדאַנט העס(Hoess) דער באַרימטער תּלין, געוועזענער שעף פון דער „פּאָליטישע אָפּטיילונג״ אונטערשטורמבאַנפירער ס. ס. גראַבנער, וועמען ס׳האָט געהאָלפן דער „אַרבייטסדינסטפירער״ פון אָשוויענטשים אונטערשטורמבאַנפירער ס. ס. סעלל. די לעצט דערמאָנטע חיות, דאָס זענען אין ערשטער ריי באַנדיטן און גנבים, מיליאָנערן, וואָס זענען נתעשר געוואָרן פון די אויסגעריסענע קינבאַקן מיט גאָלד און פּלאַטין, פון די מיט בלוט פאַרפלעקטע פּעלצן, פון די באַנקנאָטן, וואָס זענען פאַרפלעקט געוואָרן דורך די פאַרשוויצטע ס. ס.־לייט, בעת זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט ביים מאָרדן זייערע קרבנות. (יוזעף ציראַנקעוויטש.)

20. די קאָמערציעלע זייט פון אָשוויענטשימער טויט־אינדוסטריע

די דייטשן זענען פון שטענדיק געווען אַ באַלעבאַטיש און שפּאָרזאַם פאָלק. אָבער קיינמאָל אין דער געשיכטע פון מענטשלעכע פאַרברעכנס, אויף די פאַרפלאָנטערטע וועגן פון שגעון, אומנאָרמאַלקייט און חיהשקייט פון אַלע צייטן און פעלקער, איז נאָך נישט פאָרגעקומען אַזאַ מעשה נבלה, ווי ס׳האָבן אויסגעטראַכט אין 20סטן יאָרהונדערט די פאַרברעכערישע מוחות פון די דייטשע שאַקאַלן. אויפן פאָן פון דער גרעסטער אין דער געשיכטע, בכוונדיק און פּלאַנמעסיק אָרגאַניזירטער טויט־אינדוסטריע, האָבן די דייטשן פונאַנדערגעוויקלט אַ סיסטעמאַטישע עקאָנאָמישע טעטיקייט, כדי אַרויסצובאַקומען פון זייערע פאַרברעכנס דאָס מאַקסימום פּראָפיטן און מאַטעריעלע נוצן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך שוין פון מאָמענט, ווען די אומגליקלעכע קרבנות האָט מען אויסגעטון נאַקעט, גלייך נאָך זייער אָנקומען קיין אָשוויענטשים. ריזיקע הויפנס מלבושים און אַנדערע זאַכן האָט מען אָנגעזאַמלט אין דער א. ג. עפעקטן־קאַמער. דאָס זענען געווען גרויסע מאַגאַ־

זינען, ביז צו דער סטעליע זענען דאָרט געלעגן וואַליזעס, מלבושים, שוכ־וואַרג, וועש און פאַרשידענע אַנדערע זאַכן. די דייטשישע תלינים האָבן זיך מיט גאָרנישט געמיאוסט.

אין דעם ריזן־לאַגער אָשוויענטשים האָט נישט געסטאַיעט פּלאַץ פאַר די אַלע זאַכן, צוגערויבטע ביי מיליאָנען מענטשן. אין פּאָזעצאָוו און קרענוי זענען געווען ספּעציעלע גרויסע מאַגאַזינען פאַר באַקליידונגס־שטיק, אין קלעטטענדאָרף פאַר שיך.

די רויטע אַרמיי האָט אָנגעטראָפן אין אָשוויענטשים גרויסע מאַגאַ־זינען מיט ראַזיר־פּינזלען, ציין־בערשטלעך, ברילן א. אַ. וו. אָבער דאָס זענען נאָר געווען באַשיידענע שיריים. לויט די פאַרבליבענע באַן־אַוויזעס

די זעק מיט פרויענהאָר אין די לאַגערמאַגאַזינען

איז צו זען, אַז פון אָשוויענטשים האָט מען אַרויסגעפירט קיין דייטשלאַנד 2 וואַגאָן... ברילן! קליידער האָט מען אַהין אָפּגעשיקט 240 וואַגאָן (מיט ווערטער: צוויי הונדערט פערציק וואַגאָן)!

די נאַציסטישע באַנדיטן האָבן די מלבושים צעטיילט ווי „ליבעס־

גאבן" פאַר דער באַפעלקערונג אין די באַמבאַרדירטע דייטשישע שטעט.
אָבער די סענטימענטאַלע דייטשן האָבן אויך געוואָלט באַפרידיקן זייער
נשמה יתרה, טון „עטוואַס פירס געמיט" ("etwas fürs Gemüt"):
10 וואַגאָן קליידער און וועש פון בעסטן סאָרט האָט מען זאָרגפעלטיק
אויסגעקליבן און אָפּגעשיקט קיין גאָטאַ (Gotha) אין די מאַגאַזינען
פאַר די כלות און ס. ס. - לייט. ("Braeute-Ausstattungslager").
אויף דעם אופן האָט יעדע כלה, יעדע בלאָנדע גרעטכען פון דער העכסטער
ראַסנצוכט — לויט די ס. ס. - פאָרשריפטן האָבן נאָר אַזעלכע געקענט
זוכה זיין חתונה צו האָבן מיט אַ ס. ס. - מאַן — באַקומען צו דער חתונה
אַן אויסשטייער, קליידער און וועש פון דערמאָרדעטע פרויען, און אַ קינ-
דער־אויסשטאַטונג נאָך לעבעדיקערהייט פאַרברענטע יידישע קינדער.

אין אָשוויענטשימער לאַגער זענען געווען 35 ספּעציעלע סקלאַדעס
פאַר סאָרטירן און פּאַקן מלבושים און אַנדערע זאַכן. 29 פון זיי האָבן
די דייטשן פאַרברענט פאַרן אַנטלויפן, אין די איבערגעבליבענע סקלאַדעס
האָט מען געפונען:

מענער - מלבושים	348.820	קאָמפּלעטן
פרויען - קליידער	836.255	"
פרויען - שיך	5.525	פּאָר
מענער - שיך	38.000	"
דיוואַנען	13.694	שטיק

חוץ דעם האָט אויף דער טעריטאָריע פון לאַגער די סאָוויעטישע
אויספאָרשונגס־קאָמיסיע געטראָפן 7 וואַגאָן זאַכן און בעטגעוואַנט, וואָס
זענען געווען באַשטימט פאַר דייטשלאַנד.

פון ראַפּאָרט פון ס. ס. - אָבערשאַרפירער רייכענבאַך (געפונען אין
לאַגער) איז צו זען, אַז אין משך פון 45 טעג, ד. ה. פון 1־טן דעצעמבער
1944 ביזן 15־טן יאַנואַר 1945, האָט מען אין לאַגער צוגעגרייט צום אַרויס-
שיקן קיין דייטשלאַנד

קינדער - זאַכן	99.992	קאָמפּלעטן
פרויען - וועש	192.625	"
מענער - וועש	222.269	"
צוזאַמען	514.886	קאָמפּלעטן



דער לאַגער פון שיך און ברילן פון פאַרברענטע ייִדן אין אָשוויענטשים
אַ געסל אין אָשוויענטשימער טויטן־לאַגער

די עצם עובדה, אַז די „ליבעסגאבן" שטאַמען פון מאָרדן, איז בדרך כלל באַוווּסט געווען דער דייטשישער ציוויל־באַפעלקערונג. ס'זענען גע־פונען געוואָרן באַשטעלונגען מצד פריוואַטע פּערזאָנען און דייטשישע אינסטיטוציעס צו די ס. ס. אויף פאַרשידענע זאַכן (קינדער־וועגעלעך, וואַליזעס, מלבושים). פון די באַשטעלונגען דרינגט אַרויס, אַז די באַשטע־לער האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ גענויעם חשבון, פון וואַנען די זאַכן נעמען זיך. איינע אַזאַ באַשטעלונג (געפונען אין מאַידאַנעק ביי לובלין) רופט אָן די זאַך ביים נאָמען. דאָרט רעדט זיך וועגן אַ געוויסער צאָל וואַליזעס „פון דער באַוווּסטער אַקציע" ("Aus der bekannten Aktion"). אַ געוויסע דייטשקע האָט געשריבן צום מאַן, ער זאָל זיך נישט זשענירן און צושיקן אויך פאַרבלוטיקטע און פאַרפלעקטע זאַכן, ווייל דאָס לאָזט זיך אויסוואַשן.

אָבער נישט בלויז פריוואַטע יחידים, ס. ס. - לייט און וווילטעטיקע דייטשישע אינסטיטוציעס האָבן גענאָסן פון רויב. דער אָפיציעלער הויפּט־אָפּנעמער פון די גערויבטע זאַכן אין ענגראָס־מאַסשטאַב איז געווען דאָס דייטשישע ווירטשאַפטס־מיניסטעריום. דער ס. ס.־גענעראַל אָסוואַלד פּאָהל האָט פאַר דעם נירנבערגער טריבונאַל אָפּגעגעבן אונטער אַ שבועה די פאָלגנדע דערקלערונג:

„מיין פאַרבינדונג מיט דער רייכס־באַנק וועגן אָפּגעבן זיי די טעקסטיל סחורות פון די קרבנות פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1941 אָדער 1942. איך האָב דעמאָלט באַקומען דעם באַפעל פון מיין שעף היינריך הימלער זיך צו פאַרבינדן מיט דעם רייכס־ווירטשאַפטס־מיניסטער וואַלטער פונק, כדי צו באַקומען אַ העכערע צו־טיילונג פון טעקסטיל־סחורה פאַר די ס. ס.־אוניפאָרמירונג. דעמאָלט האָבן מיר געליפערט זייער אַ סך טעקסטיליען דעם ווירטשאַפט־מיניסטעריום פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פונעם פאַרניכטונגס־לאַגער אוישוויץ און אַנדערע לאַגערן. מיין שמועס מיט וואַלטער פונק האָט געדויערט נישט לענגער ווי 10 מינוט: מיר זענען געקומען צום הסכם, אַז די ס. ס. דאַרף קריגן מער טעקסטיליען פאַר אוניפאָרמען, ווייל מיר האָבן זיך דאָס פאַר־דינט מיט אונדזערע ליפערונגען פון די קליידער פון טויטע יידן. דאָס אַלץ איז געקומען אָפן צום אויסדרוק אין אונדזער געשפּרעך".



קאַמען און צײן־בערשטלעך אין די לאַגער־מאַגאַזינען

אויף גאָלד און צירונג זענען די דייטשן געווען באַזונדערס גיריק. די עטלעכע צענדליק דענטיסטן, וואָס האָבן באַאַרבעט די מתים, זענען געווען גענוי קאָנטראָלירט דורך ס. ס. און געשטאַפּאָ. נישט מקנא צו זיין דעם דענטיסט, וואָס האָט פאַרזען און אין עפּעס אַ קינבאַק איבערגעלאָזן אַ גאָלדענעם צאָן. דערפאַר איז ער געגאַנגען לעבעדיקערהייט אין אויוון אריין!

די דייטשן האָבן גיריק גערויבט ביי לעבעדיקע און טויטע קרבנות אַלע גאָלד־זאַכן, באַנקנאָטן און צירונג, נישט שעמענדיק זיך צו זוכן אין די געשלעכט־אָרגאַנען ביי פרויען. אַ סך קרבנות האָבן געהאַט צירונג און געלט איינגענייט אין זייערע מלבושים און וועש אָדער פאַרשטעקט אין די שיך. כדי אויפצודעקן די אַלע אוצרות האָבן די היטלעריסטישע רויבער זיך נישט געפוילט אַנצווענדן די נייסטע זוך־מעטאָדן.

אין „עפעקטן־קאַמער" זענען געווען אינסטאַלירט ספּעציעלע רענטגען־אַפּאַראַטן "BW 160", כדי דורכצולייכטן די זאַכן פון די קרבנות. כדי וואָס גיכער פאַרטיק צו ווערן מיט די ריזיקע סקלאַדעס, וואָס האָבן געהאַט מיליאָנען שטיק קליידער, האָט מען ביים רענטגען געמאַכט אַ באַוועגלעכע לענטע צום דערלאַנגען די זאַכן.

וויפל גאָלד האָט מען בכלל אַרויסבאַקומען פון די אומגליקלעכע קרבנות, דאָס וועט מען שוין קיינמאָל נישט וויסן. אָבער לויט עטלעכע צופעליקע ידיעות קען מען זיך וועגן דעם משער זיין.

די דייטשן האָבן — מורא האָבנדיק פאַר גנבות — געפירט אַ גענויע עווידענץ פון די אַרויסגעריסענע גאָלד־ און פּלאַטין־ציין. עס זענען געפונען געוואָרן 2904 אַזעלכע ראַפּאָרטן פון דעם שעף פון דער קרעמאַטאָריע, ווו ער גיט אָפּ אַ באַריכט, אַז פון די דאָזיקע 2904 קרבנות האָט מען אַרויסגעריסן 16.325 גאָלדענע און פּלאַטין־ציינער. לויט אַ שאַצונג פון דעם געוועזענעם קאַצעטניק ד"ר פּאַול בענדעל נר. 167.460 (פון פראַנקרייך) האָט מען פון דער אַנטשטייאונג פון קרעמאַטאָריע ביז צום נאָוועמבער 1944 אַרויסבאַקומען פון די קרבנות 17 טאָן גאָלד.

לויט אַנדערע ידיעות האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט פון אָשוויענטשים קיין דייטשלאַנד זעקס וואַגאָן גאָלד. וויפל די פאַרשידענע תליינים,

די גרעסערע און קלענערע שישקעס פון דער קאָמענדאַנטור האָבן צוגע־גנבעט — פאַרבלייבט אַ סוד !

דער ס. ס. ־ אונטערשטורמפירער פריץ בערגמאַן האָט איינמאָל דערציילט אין לאַגער: „איצט נעמען מיר צו ביי די יידישע חזירים (Saujudenpack) צירקאַ איינע מיליארד רייכס־מאַרקן אין בריליאַנ־טן, וועלכע איך האָב אַריבערגעבראַכט קיין בערלין. אָבער אויסער דעם האָבן מיר אויך געזאָרגט פאַר זיך".



אָנגעטלענטע גלידער (פּראָטעזעס) אין די לאַגער־מאַגאַזינען

דער לאַגער־קאָמענדאַנט פון מאַוטהאַוזן, פראַנץ ציראַייז, וועלכער איז אויך געווען אַ צייט לאַנג אין אוישוויץ, האָט פאַר זיין טויט דער־ציילט אין זיין גבית־עדות פאַר דער אַמעריקאַנער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע וועגן איינעם אַ ספעציעלן שליח פון היטלערן, וואָס פלעגט ברענגען גאָלד־טראַנספאָרטן פון אוישוויץ קיין בערלין. איינמאָל האָט דער דאָזיקער בכבודיקער נאַמן צוגעגנבעט 40 קילאָ צאָנגאָלד.

די ס. ס. ־ האָבן געגנבעט וויפל ס׳האָט זיך געלאָזט. פרוי ד״ר אננא זעעמאַן דערציילט, אַז אין מערץ 1944 איז אויסגעבראָכן אַ שׂרפה אין דער אוישוויצער עפעקטן־קאַמער. דעם ענין האָט מען שנעל פאַרטושט, ווייל די אונטערזוכנדער זענען געווען ס. ס. ־ לייט, וואָס האָבן דאָרט גע־גנבעט קאָסטבאַרקייטן, פאַרבאַהאַלטענע אין די קליידער, און וואָס האָבן געוואָלט פאַרווישן אַלע שפּורן פון זייערע גנבות.

דעם גרעסטן חלק אין דעם רויב פון קאָסטבאַרקייטן האָט געהאַט די דייטשע רייכס־באַנק. גענעראַל אָסוואַלד פּאָהל האָט דערקלערט אין זיין שווין דערמאָנטן גבית־עדות, אַז וועגן דעם האָבן זיך צוערשט געפירט פּרינציפּיעלע פאַרהאַנדלונגען צווישן הימלער און וואַלטער פונק. דאַן האָט הימלער געהייסן פּאָהלען ווייטער פאַרהאַנדלען וועגן דעם ענין מיט דעם דירעקטאָר פון רייכס־באַנק עמיל פּוהל, אויפן יסוד פון די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען האָט די רייכס־באַנק באַקומען כּסדר רינגלעך, זייגער־לעך, אויגנגלעזער, גאָלד, צירונג, דעוויזן און אַנדערע קאָסטבאַרקייטן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, באַזונדערס פון די געהרגעטע יידן. פּאָהל דער־ציילט ווייטער, אַז ער האָט צוזאַמען מיט וואַלטער פונק און עמיל פּוהל באַזוכט די קעלערן פון דער רייכס־באַנק און האָט דאָרט געזען אַ סך קאָסטבאַרקייטן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. נאָך דער דאָזיקער וויזי־טאַציע האָט מיניסטער פונק איינגעלאַדן די ביידע הערן צו זיך צו אַ פיינעם מיטאָג.

צו אַ מדרגה פון העכסטער פאַרפולקאָמונג איז דערפירט געוואָרן דער ענין פון אויסנוצן „אָפּפאַלן” פון דער אָשוויענטשימער פּראָדוקציע.

די האָר האָט מען סאָרטירט, פּינקטלעך געפּאַקט אין זעק צו 20 ק״ג און געשיקט קיין דייטשלאַנד. אַ סך זעק האָט נאָך די רויטע אַרמיי געטראָפן אין אָשוויענטשים. דער דאָזיקער „רוישטאָף” איז דורך די דיי־טשישע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אויסגענוצט געוואָרן צו פאַרברי־צירן פּילץ, קאָצן און מאַטראַצן. דעם 7־טן מערץ 1945 האָט זיך די סאָ־וויעטישע קאָמיסיע אָנגעטראָפן אין דער גערבעריי פון אָשוויענטשים אויף 293 זעק פרויען־האָר, בסך־הכּל 7.000 ק״ג. די עקספּערטן־קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די האָר שטאַמען פון 14 000 פרויען.

די ביינער פון זייערע קרבנות פלעגן די היטלעריסטישע פאַרברע־כער אין אָנפאַנג צעקלאַפּן, צעמאָלן און זיי אַריינוואַרפן אין טייך סאָלע. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ מער ראַציאָנעלן אופן פון אויסנוצן זיי. זינט 1943 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צעקלאַפּן די ביי־נער און פאַרקויפן דער פירמע „שטרעם" צום איבעראַרבעטן אויף סופּער־פאָספאַט. ס'האָבן זיך אָפּגעהיט דאָקומענטן, וואָס באַווייזן, אַז די פירמע „שטרעם" האָט באַקומען 112.600 ק"ג דריבנע מענטשן־ביינער.

די סאָוויעטישע קאָמיסיע האָט אויסגעפאָרשט אַ פאַבריק פון קינסט־לעכער באַמיסטיקונג לעבן אָשוויענטשים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פאַבריק פלעגט פאַר דער מלחמה ברענגען רוישטאָף פון אַפריקע און פון מורמאַנסק. זינט 1942 ביז 1944 האָט די פאַבריק כסדר באַקו־מען נייעם רוישטאָף פון אָשוויענטשים — מענטשלעכע ביינער.

וואַרשיינלעך זענען די ביינער אויך אויסגענוצט געוואָרן — אַזוי ווי דאָס פעטס פון די פאַרברענטע קרבנות — פאַר זייף־פאַבריקאַציע, אַזוי וויניקסטנס זאָגט דאָס פאָלק. נאָך אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע זענען אַרומגעגאַנגען עקשנותדיקע קלאַנגען וועגן „ביילים־זייף" (אַן אָנ־צוהערעניש אויפן פּראָצעס וועגן ריטואַל־מאָרד, וואָס די שוואַרץ־מאה־ניקעס האָבן אָרגאַניזירט אין 1913 אין קיעוו קעגן דעם ייד מענדל בייליס). מחמת דעם האָבן אַ סך מענטשן אין פּוילן זיך אויסגעהיט פון באַנוצן דייטשישע זייף, וועלכע מ'פלעגט באַקומען צוגעטיילט. קיין גע־נויע באַווייזן, אַז פון אָשוויענטשים האָט מען אַרויסגעפירט ביינער און פעטס צו פאַבריצירן זייף האָבן מיר נישט. ס'איז אָבער געלונגען פעסט־צושטעלן, אַז אַזאַ מין פאַבריק איז אין פּוילן יאָ געווען. שווידערלעכע פּרטים וועגן דעם האָט צום ערשטן מאָל איבערגעגעבן אויף דער זיצונג פון פּוילישן פּאַרלאַמענט דעם 5־טן מאַי 1945 דער דאַנציגער שטאָט־פּרעזידענט קאַטוץ־יאַנקאָווסקי:

„אין דאַנציגער אינסטיטוט פאַר היגיענע האָט מען אויפגעדעקט אַ זייף־פאַבריק פון מענטשלעכע גופים פון שטוטהאָפער לאַגער ביי דאַנ־ציג. אויפן אָרט האָט מען אָנגעטראָפן 350 מתים, פּאָליאַקן און סאָוויע־טישע געפאַנגענע. אויף די גופים פון די פּאָליאַקן זענען געווען פּוילישע

אויפשריפטן ווי למשל: „גאָט איז מיט אונדז". מ'האָט געפונען אַ קעסל מיט רעשטלעך פון אָפּגעקאָכטן מענטשן־פלייש, אַ קאַסטן מיט צוגעגרייטע מענטשן־ביינער, קוישן מיט שטיקלעך הענט און פיס ווי אויך מענטשנהויט מיט שוין אראָפּגענומענעם פעטס".

נאָכן איינאָרדענען די קרעמאַטאָריעס, האָבן די דייטשן אָרגאַניזירט אַ מוסטערהאַפטע קאָמערציאַליזירטע עקספּלואַטאַציע פון די מענטשן־אַש. ראשית כל האָט מען אָרגאַניזירט אַ האַנדלס־אַפּטייל פון אַש... פאַר די משפּחות פון די קרבנות. דער משפּחה פון דערמאָרדעטן פלעגט מען שיקן אַ העפלעכן האַנדלס־בריוו בזה הלשון: „אייער קרוב נ. נ. איז געשטאָרבן אין אָשוויענטשים אויף אַזאַ און אַזאַ קראַנקהייט. די אורנע מיט זיין אַש וועלן מיר אייך איבערשיקן נאָכן דערהאַלטן דעם אָפּצאָל פון נ. נ מאַרק".

פיל מענטשן האָבן געקויפט די דאָזיקע אַש־קרוגן (אורנעס) און אָפּגעהיט זיי ביי זיך אין דער היים ווי אַ הייליקייט, אָדער מקבר געווען אויף אַ בית עולם כדת וכדין און נישט חושד געווען, אַז די היטלעריסטן האָבן פון זיי אויף אַ מיאוסן אופן אָפּגעחוזקט. ראשית האָט מען אין די אויוונס נישט פאַרברענט איינציקווייז, נאָר צו עטלעכע מענטשן אין איין רעטאָרטע והשנית פלעגט מען אויסשאַרן דעם אַש פון אויוון נאָר אין גרעסערע קוואַנטומס און אַרויסגעוואָרפן אויף אַ גרויסן הויפן.

פון די אַש־בערג האָט מען גענומען אַ ביסל אַש, אַריינגעלייגט אין קרוג און עקספּעדירט. אָנפאַנגס האָט מען אַזעלכע געשעפטן געמאַכט אויך מיט די משפּחות פון יידישע קרבנות (ספר הזעוות ז' 180). דעמאָלט (1940 - 41) האָט נאָך דער פּרייז פון אַן אורנע באַטראָפן 30 מאַרק. דערנאָך איז דער פּרייז געהעכערט געוואָרן און דערגאַנגען ביז 150 מאַרק און נאָך מער. דער האַנדל־רעסאָרט מיט די רעשטלעך פון דערמאָרדעטע מענטשן האָט פונדעסטוועגן נישט פאַרברויכט דעם גאַנצן אַש. דאָס איבעריקע האָט מען באַנוצט צו פּראָדוצירן באַמיסטיקונג, וועלכע מ'פלעגט פאַרברויכן אין די אָשוויענטשימער פעלד־ און גאָרטן־ווירטשאַפטן, אָדער געשיקט אין די כעמישע פאַבריקן ווי אַ רוישטאָף.

21. דער מענטשן־שטאָף אין דער אָשוויענטשימער גאַז־ווירטשאַפט

דעם מענטשן־מאַטעריאַל צום גאַז האָבן אין ערשטער ריי געגעבן די ייִדן. ס'איז כמעט ווי נישט געווען קיין ייִדישער טראַנספּאָרט, אַז ווייניקסטנס אַ טייל זאָל נישט גיין דירעקט צום גאַז. אָפט זענען געגאַנגען צום גאַז גאַנצע ייִדישע טראַנספּאָרטן גלייך פון באַן. פון די ייִדישע טראַנספּאָרטן, וואָס זענען טיילווייז געשוינט געוואָרן, איז אין די גאַז־קאַמערן געגאַנגען 60 ־90 פּראָצענט, בכלל אַלע קראַנקע. קאַליקעס, זקנים, קינדער, פרויען מיט קינדער און מענטשן מיט אַ קראַנקן אויסזען, פיזיש אויסגעמאַטערטע. אויך ייִדן, וואָס האָבן געהאַט מזל צוגעטיילט צו ווערן צו אַרבעט אין לאַגער זענען נישט געווען זיכער נישט מיטן טאָג, נישט מיט דער שעה. צו יעדער רגע האָט געקאָנט פאָרקומען אַ סעלעקציע, ביי וועלכער מ'האָט באַשטימט מענטשן צום גאַז. סעלעקציעס פלעגן פאָרקומען אומגעפער יעדע דריי וואָכן.

אַ חוץ די דאָזיקע גרויסע סעלעקציעס זענען פאָרגעקומען קלענערע, כמעט טאָג־טעגלעכע סעלעקציעס, אויף די איינצעלנע אַרבעטספּלעצער, אין די קראַנקן־הייזער, ביי די אַפּעלן א. א. וו. אַפילו אויף די אַרבעטסשטעלן אין די אויסנלאַגערן האָט מען דורכגעפירט סעלעקציעס. מ. קינסטלער באַשרייבט אַ סעלעקציע ביי די פאַבריק־אַרבעטער אין יאַוואָזשנע: „די סעלעקציע פון איבער 4.000 מענטשן האָט געדויערט בלויז אַנדערטהאַלבן שעה. איך צייל די מענטשן באַשטימטע צום גאַז. שוין 700 מאַן!”

אין סאָסנאָוויץ איז געווען אַ ס. ס.־דינסטשטעלע (אבערשטורמבאַנפירער לינדנער), וואָס איר אויפגאַבע איז געווען אויפצופּאַסן, אַז אין די אַרבעטס־לאַגערן זאָלן זיך נישט אָנזאַמלען צופיל קראַנקע אַרבעטער. דער מאַקסימום האָט געצאָלט זיין 2%. אויב ס'זענען געווען מער ווי 2%, האָט די דאָזיקע דינסטשטעלע פאַרלאַנגט זיי צו שיקן צו זיך צום „ערהאָלונגס־לאַגער” ד. ה. צום גאַז. די דינסטשטעלע ברעסלוי (רייכס־אויטאָ־באַן דינסטשטעלע), וואָס האָט געוואָלט זיין שפּאָרזאַמער מיט אירע אַרבעטער און זיך פאַררופן אויף געבעלס לאָזונג וועגן „פאַטאַלן קריגס־איינזאַץ”, האָט פאַרלוירן איר קאַמף מיט דינסטשטעלע סאסנא־

וויץ און צום סוף האָט געשטאַפּאָ אַפילו אַרעסטירט עטלעכע אירע באַ־אַמטע (אָקטאָבער 1944, לויט די זכרונות פון ד"ר ב. קרעווער פון פראַנק־רייך).

די אַרעסטאַנטן האָבן זיך געמוזט שטעלן נאַקעט פאַר א „מעדיצי־נישע קאָמיסיע". פאַרשטייט זיך, אַז קיין מעדיציניש באַהאַנדלונג איז נישט געווען. די דאָקטוירים האָבן באַטראַכט „אויפן אויג" און אַרויס־געטראָגן א פּסק דורך א געווענלעכער פינגער־באַוועגונג. א ווייז מיטן פינגער אויף לינקס האָט באַדייט טויט, א ווייז אויף רעכטס — ווייטערע צרות אין לאַגער. נישט שטענדיק האָט די סעלעקציע דורכגעפירט א דאָק־טאָר. טיילמאָל האָט מען דאָס אָנפאַרטרויט א געווענלעכן ס. ס. - מאַן.

א ראַפּאָרט פון דער קאָנספּיראַטיווער אַרעסטאַנטן - אָרגאַניזאַציע באַשרייבט אַזוי א סעלעקציע:

„די אַקציע פון אויסוויילן צום גאַז אָדער צו דער „שפּילקע" האָט מיט אַן אייגנאַרטיקן סאַדיזם דורכגעפירט דער אונטערשטורמפירער ענטרעס (Entress), א יונגער דייטשישער לאַגער־דאָקטאָר, וואָס האָט שטודירט מעדיצין אין פּויזן. אַז ד"ר ענטרעס האָט קיין צייט נישט געהאַט, פלעגט אים פאַרטרעטן דער אונטערשאַרפירער קלעהר (Klehr), פון פאַך א שוסטער. זיי פלעגן אויסוויילן די קראַנקע אויפן אויג, לויטן אויסזען. יעדער קראַנקער האָט זיך באַמיט, בעת ער איז צוגעגאַנגען צום האַר פון זיין גורל, מאַכן אַן אָנשטעל פון א געזונטן, שטיין גלייך מיט א געהויבע־נעם קאָפּ און מיט אַן אויסגעשטרעקטער, דאַרער ברוסט, מיט אַן אומ־היימלעכן גלאַנץ אין די אויסגעשראָקענע אויגן, האָט זיך יעדער באַמיט אָראָפּצושלעפּן די שוסטערישע וואָגשאָל אויף דער זייט פון לעבן"

פאַר א שטרענגן „שופט" ביי סעלעקציעס איז אויך אָנגעגאַנגען אַן אַנדערער ס. ס־באַנדיט אָבערשאַרפירער קאַדוק (Kaduk). דער אויבנאָן קומט אָבער דעם ד"ר קיט (Kitt), וועמען די אַרעסטאַנטן האָבן גערופן „דער אָמניאַ קיט" der Omnia-Kitt, ווייל ער האָט זיך נוהג געווען פון דער גאַנצער סעלעקציע־פּראָצעדור צו מאַכן א סך הכל מיט איין לאַ־טייניש וואָרט Omnia! ד. ה. „אַלע צום גאַז".

די סעלעקציעס האָבן על־פּי־רוב דורכגעפירט די דאָקטוירים: העל־

מערזאָהן, טהילאַ, קעניג, מענגעלע, קיט. די אויסגעוויילטע האָט מען דער־וויל, איידער מען האָט זיי געפירט צום גאַז, איינגעשפּאַרט אין ספּעציעלע באַראַקן, די א. ג. טויטן־בלאָקן. דאָרט זענען זיי אָפּגעזעסן אמאָל 2־3 טעג אָן שפּייז און וואַסער, ביז מען האָט זיי געפירט צום גאַז. פאַר די פרויען האָט ווי אַ טויטן־בלאָק געדינט דער בלאָק 25, ווו עס האָט געוועלטיקט דער ס. ס.־מאַן טאַויבע, „די פערזאָניפיצירונג פון פּרייסישער ברוטאַליטעט און אכ־זריות". (פ. לעווינסקא, ס. שמאַגלעווסקא).



די סעלעקציע ביי די מענער (אַפּעל)

אַן אַנדער בילד פון סעלעקציע שילדערט ד"ר אָטאָ וואלקען. דעם 15־טן אַפּריל 1944 אין אָוונט איז פּלוצלינג געקומען דער לאַגער־דאָק־טאָר אין באַראַק פאַר רעקאָנוואַלעסצענטן (!) און געהייסן אַלע יידן (184 פּערזאָן) אַרויסטרעטן פון דער ריי, כמעט פולשטענדיק נאַקעט, בלויז אין אונטער־הויזן. דער דאָקטאָר האָט אַלעמען באַשטימט צום גאַז. צוויי ס. ס.־

ליט דאָרגעליס און בירעצקי און דער ראַפּאָרט־פירער קורפּאַניק זענען גלייך צוגעלאָפן צו די אַרעסטאַנטן און זיי גענומען שלאָגן און קאָפּן. אַנדערע ס. ס.־לייט ווידער האָבן צוגעטראָכט אַזאַ מין שפּיל: געהייסן זיי אַ סך מאָל קניען און אויפשטיין, צוגעלייגט פּיסטאָלעטן צו די שלייפן אָדער צו דער ברוסט, געטריבן זיי און נאָכגעשאָסן.

די סעלעקציעס ביי פרויען זענען געווען געפערלעכער ווי ביי מענער. מען האָט צוגענומען ביי פרויען תמיד אַ פּיל גרעסערן פּראָצענט ווי ביי די מענער. צום טייל דערקלערט זיך דאָס אויך דערמיט, אַז יונגע און געזונטע פרויען, וואָס מען האָט געפּסקנט צום לעבן, האָבן פונדעסטוועגן זיך נישט געוואָלט שיידן פון זייערע צום גאַז פאַרמשפּטע קינדער און זענען מיט זיי פרייוויליק מיטגעגאַנגען.

„אין הערבסט 1943 זענען ביי די פרויען פאָרגעקומען נייע סעלעקציעס. זיי האָבן געדויערט 14 טעג אָן אַן איבעררייס. די פאַרמשפּטע האָט מען געלאָדן נאָקעטערהייט צו 80 נפשות אין אַן אָפענעם לאַסט־אויטאָ און אַזוי אין דער ווינטער־קעלט אַוועקגעפירט אין די גאַז־קאַמערן. דערנאָך האָבן זיך די סעלעקציעס איבערגעחזרט דורך 4 חדשים רעגלמעסיק יעדן צווייטן פרייטיק צו נאַכטס.

יעדע גרופּע (פון 6 – 8 לאַסט־אויטאָס) איז באַגלייט געוואָרן דורך אַ רויט־קרייץ קאַרעטקע, וואָס האָט געפירט דעם גאַז" (ד"ר וואַלקען).

„די סעלעקציעס ביי די פרויען זענען פאָרגעקומען ביי דעם זונטיקדיקן אַפּעל; באַזונדערס האָט מען סעלעקציאָנירט יידישע פרויען. די אויסגעוויילטע קרבנות האָט מען אַרויסגעצויגן פון די שורות, אַזוי ווי מען ציט אַרויס חיות צו דער שחיטה, מיט די געקרומטע שטעקנס זיי אַרויסגעשלעפּט ביים האַלדז. די פרויען האָבן זיך באמת „גוט אויסזען", מיינענדיק, אַז דאָס וועט זיי ראַטעווען ביי דער סעלעקציע, זיי האָבן זיך געקניפּן די באַקן און געביסן אין די ליפּן, כדי דערמיט צו קריגן רויטע באַקן און אויסזען לעבעדיקער". (פּ. לעווינסקאַ).

ווען ס'איז נאָר געווען אַ יידישער יום־טוב, האָט מען שוין אויטאָמאַטיש געברענט יידן. דאָס איז געווען אַן אַקסיאָמע. בכלל איז דאָס ברענען יידן געוואָרן אַזאַ פּאָפּולערע און סטאַבילע אינסטיטוציע פון לאַגער־

לעבן, אז אפילו די קינדער אין ציגיינער־לאגער האבן נישט געהאט קיין שענערע שפיל ווי „ברענען יידן".

וואסערע דימענסיעס א סעלעקציע האט געקאנט אננעמען — איז נענוג צו געבן איין ביישפיל. ביי דער סעלעקציע, וואס איז פארגעקומען „לכבוד נײ־יאר" דעם 30סטן דעצעמבער 1943, האט מען פון די 3.000 יידן אין לאגער „ד" אין בירקענוי ארויסגענומען צום גאז 2.650. פון די 800 יידן אין קראנקען־בוי (לאגער „ב" אין בירקענוי) 725, און אין פרויען־לאגער האט מען גענומען צום גאז 2.000 פרויען (פ. שטאבהאלץ).

געזארגט האט מען כסדר פאר פרישן שטאף פאר די גאז־קאמערן. די דייטשן זענען געווען אומדערמידלעך. ביז צו די לעצטע מינוטן האבן זיי אין זינען געהאט זייערע גאז־קאמערן. „געווען פאלן, ווען זיי האבן עטלעכע שעה פאר דעם פארלאזן טונים געבראכט מענטשן מיט אעראפלאנען קיין רוים און פון רוים מיטן צוג דירעקט צום גאז קיין בירקענוי. מיר האבן געזען מענטשן צוגעשיקטע פון דראנסי (Drancy) (א יידישער קאנצענטראציע־לאגער אין פראנקרייך) דעמאלט, ווען די אמעריקאנער זענען שוין געווען 10 קילאמעטער פאר פאריז. (ד"ר דעזירע האפנער, נר. 51.182, פון פראנקרייך).

גאזירט און געברענט האט מען ראשית־כל יידן, אבער נישט בלויז יידן. פיל רוסישע קריגס־געפאנגענע זענען אומגעקומען אין די גאז־קאמערן.

„דעם 28סטן נאוועמבער 1943 איז געקומען קיין אשוויענטשים א טראנספארט פון רוסישע קריגס־געפאנגענע, פון דעם לאגער פילין אין עסטאניע. דאס זענען געווען שווער־פארוואונדעטע, צום טייל אן הענט און פיס. דעם 10־טן דעצעמבער האט מען זיי אלע, 334 מאן, אויפגעלאדן אויף א לאסט־אויטא, כלומרשט קיין לובלין, פאקטיש צום גאז" (ד"ר אטא וואלקען).

אין יאר 1943, בעת דעם אפרוימען די מזרח־געביטן, האבן די דייטשן פארשלעפט מיט זיך די אוקראינישע און רוסישע באפעלקערונג, כלומרשט כדי זי נעמען אין שוץ פאר דער „נקמה פון די באלשעוויקעס".

אין דער אמתן האָבן די באַשיצער צונויפגעטריבן די עוואַקואירטע באַ־פעלקערונג אין לאַגערס.

אין אַשוויענטשימער לאַגער זענען גאַנצע דערפער, קליין און גרויס, מאַן אָדער ווייב, געגאַנגען אין די גאַז־קאַמערן. דאָ האָבן זיי אויך אַ סוף געמאַכט צום גאַנצן ציגיינער־לאַגער פון אַן ערך 16.000 מאַן. אין יאָר 1944 זענען אויך אַ סך פראַנצויזן געשטאָרבן מיט דעם שרעקלעכן טויט.

עס זענען אויך פאָרגעקומען פאַלן פון גאַזירן קליינע גרופּן פון פּאָ־ליטישע פּוילישע „פאַרברעכער", למשל אַ גרופּע 250 מיטגלידער פון דער פּוילישער „פאַראייניקונג צום באַוואָפנטן קאַמף" (ס. יאַנקאָווסקי). אין 1944 האָבן די דייטשן אויסגעזידלט אַ מאַסע פּאָליאַקן פון דעם זאַגלעמ־ביער־בענדינער קאַנט און אַ סך פון זיי פארניכטעט אין די קרעמאַטאָריעס (ד"ר ב. קרעוּוער).

פון אַנדערע „אַרישע" לאַגעריסטן האָבן זייער לעבן פאַרענדיקט אין די גאַז־קאַמערן אַ סך קראַנקע, אומפּעאיקע צו אַרבעט און זקנים אין די פאַלן האָט אפילו די צוהעריקייט צו דער „הערן־ראַסע" נישט פאַר־היט פון גאַז־טויט. דער חילוק איז נאָר געווען דער, וואָס בנוגע „אַריער" האָט די לאַגער־קאָמענדאַנטור זיך פריער געמוזט באַזאָרגן מיט אַ הכשר פון בערלין און יידן האָט מען געמעגט גאַזירן אָן פאָרמאַליטעטן.

עס האָט זיך איינמאָל געטראָפן אַ טראַגיקאָמישער טעות, וואָס וואַרפט אַ כאַראַקטעריסטיש ליכט אויף דער באַציאונג פון די ס. ס.־לייט צו יידן און נישט יידן בנוגע גאַזירן.

„מיר האָבן געדאַרפט גיין זיך באָדן און געוואַרט אויף אונדזער קאָלעיקע (ריי). פּלוצלינג זענען צו אונדז צוגעלאָפן אַ 15 ס. ס. ־ לייט מיט הויכע געשרייען, האָבן אָנגעהויבן אונדז צו שלאָגן מיט בייטשן, שטע־קענעס און פּאַלקעס און געצוווּנגען אונדז צו לויפן אַרויס פון לאַגער־טויער, צום וועלדל, אין דער ריכטונג פון עפּעס אַ וויים הייזל. וואָס איז געווען אין דעם דאָזיקן ווייסן הייזל האָבן מיר נאָך דעמאָלט נישט גע־ווּסט. אָנגעקומען אויפן אָרט, האָבן די ס. ס. אָנגעהויבן צו געבן אונדז באַפעלן אין דייטשישער שפּראַך. מיר האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען. דע־מאָלט האָט איינער פון אונדז, סטאַניסלאַוו קוכאַרסקי, נר. 95712, גימ־נאַזיע־דירעקטאָר פון כאַרזשאָוו, וועלכער האָט געקאָנט דייטש, געווענדעט

זיך צו איינעם פון די ס. ס־לייט מיט אַ פאָרשלאָג, אַז ער וועט איבערזעצן זייערע באַפעלן אויף פּויליש, ווייל די אַנדערע ארעסטאַנטן פאַרשטייען נישט קיין דייטש. דער ס. ס.־מאַן האָט זיך אָנגערופן: „וואָס? יידן פאַר־שטייען נישט קיין דייטש?" קוכארסקי האָט אים אויפגעקלערט, אַז מיר זענען נישט קיין יידן און מיר קומען פון די תפיסות אין קראָקע און טאַר־נע. דעמאָלט האָבן די ס. ס.־מענער אים געפרעגט, צי האָט ער אפשר, אָדער בכלל עמיצער פון אונדז, נישט באַמערקט לעבן דער באָד אַ גרופּע יידן. איינער פון אונדז האָט געענטפערט, אַז ער האָט יאָ געזען לעבן דער וואַכ־שטוב אַ גרופּע יידן. מען האָט גלייך געשיקט אַ ס. ס.־מאַן אויף אַ מאָטאָ־ציקל צו זען, צי דאָס איז אמת, און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט מען אונדז באַפרייט" (גבית עדות פון טאַדעאוש סמאָלען פאַר דער פּוילישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע). ווי מיר זעען, האָט מען דעם „טעות" גלייך צורעכטגעמאַכט און געפונען די ריכטיקע כפרה־הינדלעך. אין טייל פאַלן האָט דער ציניזם בנוגע יידן אָנגענומען אַזעלכע בולטע פאָרמען, אַז ס'איז כדאי די פאַלן ספּעציעל אָרומצורעדן.

22. בגיהנם של מטה

דער אופן, ווי מ'האָט באַהאַנדלט די אונגארישע יידן האָט נישט זיינס גלייכן אפילו אין דער געשיכטע פון אָשוויענטשימער מאָרד־אַנ־שטאַלט. מיט כח האָט מען זיי אַרויסגעריסן פון זייערע אַלטע היימען. די דייטשן האָבן זיי קיין גליקן נישט צוגעזאָגט, אָבער קיין איבעריקן פּחד אויף זיי אויך נישט געוואָרפן. די דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיי באַ־וויזן איינצורעדן, אַז זיי פאָרן אויף אַרבעט. געפאָרן זענען זיי מיט זייער גאַנצן האָב און גוטס. נאָכן אָנקומען אויפן אָרט האָט מען גלייך, און אָן וועלכע נישט איז איבערגאַנגס־סטאַדיע, די דאָזיקע מענטשן פון אַ געוויסער לעבנס־מדרגה און ציוויליזירטן לעבנס־שטייגער פאַרוואַנדלט אין אַ סטאַדע מאַכטלאָזע, שוואַכע ברואים, טראַקטירט זיי ערגער ווי בהמות, געטרייבן און געהרגעט, אַזוי ווי מען פאַרניכטעט אַ פליג אָדער אַ וואַנץ.

תחילת זענען די טראַנספּאָרטן מיט אונגאַרישע יידן געגאַנגען פון דער באַן־ראַמפּע דירעקט צום גאַז. נאָך צוויי וואָכן איז געוואָרן אַן ענדע־רונג. מ'האָט גענומען איינפירן סעלעקציעס, געזונטע יידן (מענער און פרויען) איבערלאָזן און אָפּשיקן אין לאַגער. אין לאַגער האָט מען זיך אויסגעטייטשט, אַז די דאָזיקע ענדערונג האָט אַ שייכות מיט דער דראָ־אונג פון ענגלישן פּרעמיער טשערטשיל אָנצווווענדן רעפּרעסיעס לגבי די דייטשן, אויב די מאַסן־פאַרניכטונג וועט נישט אויפהערן. אָבער דער גורל פון די אָפּגעראַטעוועטע אונגאַרישע יידן איז נישט געווען בעסער ווי פון די פאַרגאַזירטע.

איינקוואַרטירט האָט מען זיי אין לאַגער פון די ציגיינער, וועלכע זענען שוין אויסגעמאָרדעט געוואָרן. זייער לאַגער האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ חורבן. די ציגיינער האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך אַן אומבאַשרייב־לעכן שמוץ, ריזיקע מאַסן אומפליוט, שטינקענדיקע שמאַטעס און צעפּויל־טע געלעגערס. אין יעדן באַראַק, וווּ ס'האָבן אין בעסטן פאַל געקענט אַריין 500 מענטשן, האָט מען אָנגעפּאַקט צו טויזנט. דער פּועל יוצא דערפון איז געווען דער, אַז אויף איין פּריטשע זענען געשלאָפן צו 15 פּערזאָן און פאַר וועמען עס האָט קיין אָרט אויף דער פּריטשע נישט געקלעקט, האָט ער זיך געלייגט אין די דורכגענג און אויף די דילן.

נאָך ערגער איז געווען אין די פרויען־באַראַקן. דאָרט האָט מען באַזעצט אין יעדן באַראַק 2.000 פרויען. ווען לייגן זיך דאָרט האָט, פאַר־שטייט זיך, קיין רייד נישט געקענט זיין. די פרויען האָבן זיך געלייגט שיכטן־וויי ז איין פּאַרטיע פון 1.000 פרויען איז געשלאָפן אין דער נאַכט, בעת די צווייטע האָט דערווייל געוואַרט פאַרן באַראַק. בייטאָג האָבן זיי זיך געביטן. די וואָס האָבן זיך געפונען אין דרויסן, האָבן געמוזט מיט־מאַכן פאַרשידענע „ספּאָרטן" מיט די ס. ס.־לייט; מען האָט זיי אויך גע־הייסן שטיין אויף די קני שעהען לאַנג.

אַלע האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז פון אַזאַ מין פּראָוויז־אָרישן צושטאַנד איז נישטאָ וואָס קיין גוטס צו דערוואַרטן. און פּאַק־טיש איז דאָס געווען אַ וואַרטן אויפן גאַז־טויט אין באַדינגונגען פון שרעקלעכער פּייניקונג.

נאָך אַ וואָך, צוויי, איז אין באַראַק געוואָרן גערוימער — זיינע באַ־

ווינער זענען אוועק צום גאַז. אָבער באַלד איז אויף זייער אָרט געקומען א פרישער טראַנספּאָרט.

א באַדייטנדיקער צאָל יידישע פרויען פון אונגארן איז באַשערט געווען דורכצומאַכן נאָך ערגערע ענויים — א דערנידערונג פון א גאַנץ באַזונדערן מין.

דאָס איז געווען א גרופּע יידישע פרויען פון אונגאַרן, וועלכע מ'האָט אַריינגעזעצט אין דעם לאַגער „מעקסיקע". אין „מעקסיקע" זענען אויפגעשטעלט געוואָרן איבער נאַכט אמתע סוכות, אויף הוילער ערד, פיר הילצערנע ווענט מיט א לעכערדיקן דאַך, אָן וואַסער (אין גאַנצן לאַגער איז נישט געווען קיין איין ברונעם, קיין איין וואַסערקראַן), אָן ליכט, אָן וועלכע ס'איז אַנדערע איינריכטונגען. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס קאָן קיין „דירה" אויף לאַנג נישט זיין... די דייטשן האָבן ביי די פרויען (ד"ר וואַלקען שאַצט זייער צאָל אויף 50.000, אין יולי 1944, מ. שמאַגלעווסקא אויף 42.000 צוגענומען זייערע זאַכן, אָפּגעשוירן די האָר אויפן גאַנצן קערפּער און כמעט גאַנץ נאַקעט באַזעצט זיי אין שכנות פון א מענער־לאַגער. צווישן די פרויען זענען געווען דאָקטוירים, לערערינס, אַנגעשטעלטע, אַרבעטערינס, סתם באַלעבאָסטעס א. א. וו. פרויען פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן און פּראָפעסיעס. נישט געקוקט אויפן וועטער, אין זון און אין רעגן, האָבן זיי געמוזט נאַקעטערהייט מיט געגאָלטע קעפּ אַרויסגיין צו דער אַרבעט אין פעלד, אין לאַגער און וווּ ס'איז נאָר אויסגעקומען. געשלאָפן זענען זיי אויף דער הוילער ערד, אָדער אויף שטרוי־זעק, אָן וועלכן ס'איז צודעק און ערשט מיט דער צייט האָבן זיי באַקומען דעקעס. די אַרעסטאַנטן פון שכנותדיקן באַראַק, הגם זיי זענען אַליין געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, האָבן אָנגעהויבן אַריבערוואַרפן איבער דער דראָט־פאַרצוימונג פאַר די אומגליקלעכע פרויען פאַרשידענע לאַכעם און שמאַטעס, פון וועלכע זיי האָבן זיך געמאַכט צודעקן אויף די היפטן, אויפן קאָפּ, ברוסט א. א. וו. די דאָזיקע מתנות פון די מיטליידנדיקע ברידער האָבן אָבער נישט געקלעקט פאַר אַלעמען. די איבעריקע פרויען האָבן ווייטער געמוזט פּאַראַדירן אין גן־עדן ־ בגדים א וועלכע 2 ־ 3 חדשים.

אין דער צווישן צייט האָט ד"ר מענגעלע דורכגעפירט כסדרדיקע

סעלעקציעס אין „מעקסיקע״. די פרויען זענען שוין ביי די שוידערלעכע באַדינגונגען געווען כמעט אַלע קראַנק. די סעלעקציעס האָבן געגעבן גוטע רעזולטאַטן. פון דעם גאַנצן לאַגער האָט מען אפשר 10.00 פרויען אוועק־געשיקט קיין דייטשלאַנד, דעם רעשט צום גאַז.

איין איינציק מאָל זענען די דייטשן געווען גרויסמוטיק מיט אַ אונ־גאַריש־יידישן טראַנספּאָרט. דעם 10־טן מאַי 1944 האָבן זיי איבערגע־לאָזט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט ביים לעבן און געשיקט צו דער אַרבעט קיין מאַנאַוויצע, אין דער גומי־פאַבריק. אַלע האָבן זיך געחידושט, ווייל אין דעם טראַנספּאָרט זענען געווען אַ סך אַלטע לייט. באַלד איז אָבער דאָס רעטעניש אויפגעקלערט געוואָרן. די דייטשן האָבן געהייסן די גליקלעכע יידן שרייבן בריוו אַהיים און געהייסן אָנגעבן דעם אדרעס „וואַלדזעע״. די דייטשן האָבן ווידער געהאַט נויטיק אַ פיקציע כדי אָפּצונאַרן און פאַרבלענדן די אויגן פון די יידן וואָס זענען נאָך געבליבן אין אונגאַרן.

אַן אייגנאַרטיק קאַפּיטל איז די געשיכטע פון די טשעכישע יידן, וואָס מ׳האָט אַהער געבראַכט פון טערעזין (טערעזיענשטאַט).

פאַר די ערשטע טראַנספּאָרטן פון טשעכישע יידן (אַן ערך 5.000 מענטשן) האָט מען אין לאַגער צוגעגרייט אַ גוטן קבלת־פּנים. דעם 9־טן סעפּטעמבער 1943 האָט מען פאַר זיי אַפילו געשאַפן אַ „פאַמיליען־לאַ־גער״, ווו גאַנצע משפחות האָבן געוווינט צוזאַמען. אין אָשוויענטשים איז דאָס געווען אַן אויסנאַמספאַל. מ׳האָט זיי געהייסן שרייבן סטערעאָ־טיפּישע בריוו צו די פאַרבליבענע קרובים און באַקאַנטע אין טשעכיע, אַז ס׳לעבט זיך זיי גוט, זיי אַרבעטן און זענען געזונט. אויף דעם אופן האָט מען געוואָלט צוגעבן די נאָך צוריקגעבליבענע טשעכישע יידן חשק צו עמיגרירן און פאַראַליזירן עווענטועלע פּרווון פון ווידערשטאַנד.

און ווירקלעך, אין משך פון די נאָענטסטע חדשים (פון 20 דע־צעמבער 1943 און ווייטער) זענען אָנגעקומען קיין אָשוויענטשים ווייטער־דיקע טראַנספּאָרטן מיט טשעכישע יידן. אָבער וויבאַלד די מערהייט יידן האָט זיך געפונען אין רשות פון דער אָשוויענטשימער לאַגער־קאָמענדאַנ־טור, האָט זיך די באַציאונג צו זיי גרינטלעך געענדערט. ביי די נייע טראַנספּאָרטן האָט מען שוין געמאַכט געגויע סעלעקציעס און

דער גרעסטער טייל — טיילמאָל 80 - 90 פּראָצענט — איז גלייך געגאַנגען צום גאַז.

די יידן פון „פאַמיליען־לאַגער" האָבן אויך באַלד דערפילט די ענדערונג פון קורס. ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די אותיות S. B. אויף די דאָקומענטן פון די טשעכישע יידן אין אָשוויענטשים באַדייטן „זאָנדער־באַהאַנדלונג" (ספּעציעלע באַהאַנדלונג) ד. ה., אַז נאָך 6 חדשים וועט מען זיי שיקן אין די גאַז־קאַמערן. די אַלטע לאַגער־תושבים האָבן געפּרוּווט אויפקלערן די טשעכישע יידן וועגן דעם גורל וואָס דערוואַרט זיי און וואָרענען פאַר דער פּערפידיע פון די דייטשע תלינים. „מיר האָבן געפּרוּווט — שרייבט איינער פון די אַלטע קאַצעטניקעס — קומען אין קאָנטאַקט מיט די לייטערס פון דער גרופּע און דערקלערן זיי, וואָס זיי האָבן צו דערוואַרטן פון די דייטשן. אייניקע פון זיי, בפרט פרעדי הירש, צו וועלכן זיינע חברים האָבן געהאַט אַ שטאַרקן צוטרוי, האָבן דערקלערט, אַז אויב אונדזערע השערות וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר ריכטיק, וועלן זיי אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד. זיי האָבן אַפילו געהאָפט, אַז עס וועט זיי געלינגען צו אינספּירירן אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין לאַגער. דעם 6־טן מערץ זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז מען גרייט צו די קרעמאַטאָריעס אויפצונעמען די טשעכישע יידן. איך האָב וועגן דעם צווויסן געגעבן פרעדי הירשן און געבעטן, זיי זאָלן וואָס גיכער אונטערנעמען אַן אַקציע, היות ווי זיי האָבן סיי ווי גאָרנישט צו פאַרלירן. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער ווייסט וואָס איז זיין פליכט. פאַרנאַכט האָב איך מיך נאָך איינמאָל אַריינגעגנבעט אין דעם טשעכישן לאַגער און בין געוואָר געוואָרן, אַז פרעדי הירש איז אַ גוסס, ער האָט זיך געסמט מיט לומינאַל. דעם צווייטן טאָג, דעם 7־טן מערץ 1944 האָט מען אים, אַ באַוווסטלאָזן, צוגענומען מיט די רעשט 3.751 טשעכישע יידן קיין בירקענוי און פאַרגאַזירט".

גענוי צו די זעקס חדשים נאָך דער גרינדונג פון טשעכישן „פאַמיליען־לאַגער", דעם 7־טן מערץ 1944, איז פאָרגעקומען די ערשטע סעלעקציע אין טשעכישן לאַגער און אין רעזולטאַט זענען דעם 9־טן מערץ 1944 פאַרגאַזירט געוואָרן 3.752 פולשטענדיק געזונטע מענער, פרויען און קינדער. דאָס איז געווען דעם טאָג פון טשעכישן נאַציאָנאַלן יום־טוב

(די דייטשן האָבן ליב געהאַט אויסצוּווײלן דווקא אַזעלכע „אַקאַזיעס״). זינט דעמאָלט זענען פאָרגעקומען איין סעלעקציע נאָך דער אַנדערער, ביז מ׳האָט אומגעבראַכט אַלע טשעכישע יידן ד. ה. עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשן, וואַרשיינלעך 60.000 - 70.000. די לעצטע פּאַרטיע פון 4.000 פּערזאָן איז ליקווידירט געוואָרן אין יולי 1944.

נאָך דעם אויסהרגענען די טשעכישע יידן האָבן אָבער נאָך נישט אויפגעהערט די טראַנספּאָרטן פון טערעזיענשטאַט. דאַסמאָל זענען דאָס געווען יידן פון פאַרשידענע אַנדערע לענדער, וועלכע מען האָט קאָנצענט־רירט אין טערעזיענשטאַט. ד״ר מעץ, וועלכער איז געקומען קיין אוישוויץ אין איינעם פון די דאָזיקע טראַנספּאָרטן, דערציילט אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דער דייטשישער ליגנערישער און שווינדלערישער טאַקטיק לגבי די באַשטימטע צום טראַנספּאָרט. סוף 1944 האָבן די דייטשן צוגעגרייט 5 טראַנספּאָרטן, ס״ה 5.000 יידישע נפשות. מען האָט די מענטשן דערקלערט, אַז זיי דאַרפן מיטנעמען מיט זיך כלערליי אַרבעטס־מכשירים, וואָס זענען נויטיק כדי אויסצובויען אַ נייעם „אַרבעטס־געטאָ״. ווען די טראַנספּאָרטן זענען אָנגעקומען קיין בירקענוי, האָט די לאַגערפירונג קודם כל אַרויסגע־נומען פון טראַנספּאָרט אַלע מענטשן, וואָס זייערע אַקטן האָבן געהאַט די צושריפט: „פּערזענלעכע וויזונגען״. אַרויסגעוויזן האָט זיך שפּעטער, אַז דאָס הייסט אין דעם אָשוויענטשימער געהיימשיפר — הרגענען דורך אַ געניקשוס (אין קאַרק). מען האָט די דאָזיקע מענטשן אַרויסגערופן באַ־זונדער און גלייך דערשאָסן. די אַנדערע האָט מען סעלעקציאָנירט — מי לגז ומי לעבודת פּרך. דער לעצטער פון די 5 טראַנספּאָרטן איז אָנגע־קומען אין אַ צייט, ווען מען האָט שוין אָנגעהויבן דעמאָנטירן די קרעמאַ־טאָריעס. אַ טייל מענטשן פון דעם טראַנספּאָרט — אפילו קינדער און זקנים — זענען געבליבן לעבן.

אויף אַ ציניש אופן האָבן די דייטשן באַשווינדלט די גריכישע יידן.

אין גרעסערע גריכישע שטעט האָבן די דייטשן געעפנט ביוראָס פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. רייכע יידן האָבן געוואָלט אַנטלויפן פאַר די רדי־פות און פאַגראָמען מצד די דייטשן, האָבן זיי געזען די איינציקע רעטונגס־מעגלעכקייט אין דער דאָזיקער פרייוויליקער עמיגראַציע.

אין ביורא פאר עמיגראציע און קאלאניזאציע זענען געווען קארטעס, פלענער, פרייז־קוראנטן. די יידן האבן זיך אויסגעוויילט און געקויפט ערד־שטחים פאר קאלאניזאציע, צאלנדיק פאר זיי מיט גאלד (די ביוראס פאר קאלאניזאציע האבן קיין באנקנאטן נישט אנגענומען). נאכן איינצאלן א געזאלצענע סומע און דערליידיקן אלע פארמאליטעטן, זענען די גליקלעכע געגאנגען צום באן, און די דייטשן האבן זיי אפגעפירט... דירעקט קיין אשוויענטשים. אזוי ארום זענען אנגעקומען קיין אשוויענטשים פון מערץ ביז מאי 1943 פיל טראנספארטן פון סאלאניקי (אן ערך 43.000) און אנדערע גריכישע שטעט און אינזלען. צווישן די גריכישע עמיגראנטן זענען אויך געווען עטלעכע צענדליק רבנים. בעת דער סעלעקציע האבן די דייטשן זיי אפגעזונדערט, געגעבן א געמיינזאמע דירה, א שטרענג איזאלירטע פון גאנצן לאגער, געשאפן פאר זיי דערטרעגלעכע לעבנס־באדינגונגען און דערלויבט צו פארברענגען די צייט מיט תורה־לערנען.

די רבנים האבן קיין אנונג נישט געהאט, וואס עס קומט פאר ארום זיי. צום סוף האבן זיי די דייטשן אונטערגערוקט צו חתמענען א קול־קורא צו די גריכישע יידן, וווּ די רבנים זענען מודיע זייערע צאן קדשים וועגן די גוטע ארבעטס־באדינגונגען אין אשוויענטשים און פאדערן זיי אויף צו פארלאזן די באהעלטענישן אין די וועלדער און די פארטיזאנער־אפטיילונגען און זיך מעלדן צו דער קאלאניזאציע פון די מזרח־שטחים, ווו ס׳לאדן זיי איין די דייטשן.

אין דער זעלבער צייט, ווען די רבנים האבן געחתמעט דעם קול־קורא, האט זיך דער אונטערשארפירער מאל (Moll) געמאכט אזא מין „ספארט". פון דעם פריש אנגעקומענעם גריכישן טראנספארט האט ער אפגעקליבן 20 שענסטע פרויען, אויסגעשטעלט זיי נאקעטע אין א ריי און זיך געאיבט אין שיסן צו זיי. א טייל פרויען האבן באקומען שאסן אין פארשידענע קערפער טיילן, איידער ער האט זיי אלע אומגעבראכט.

פון די 43.000 סאלאניקער יידן האט מען 10.000 שטארקע מענער און פרויען געלאזט לעבן. דעם רעשט האט מען גלייך אוועקגעשיקט אין גאז, אומגעפער אויף דעם זעלבן אופן האט מען באהאנדלט די אנדערע גריכישע יידן פון אטען, קארפו, קאוואלא און אנדערע מקומות.

די גריכישע יידן אין לאגער האבן געהערט צו די אממייסטן בא־

עזולטע עלעמענטן. נישט קענענדיק די דייטשישע שפּראַך, נישט קיין סלאַווישע שפּראַכן און ס'רוב אויך נישט קיין יידיש — האָבן זיי זיך נישט געקענט פאַרשטענדיקן מיט די איבעריקע אַרעסטאַנטן און זענען געווען מער ווי אַנדערע איזאָלירט אין דעם דאָזיקן גרויסן קאָלעקטיוו פון שקלאַפן. דעם אָטאָ שוואַכן פּונקט, אַ פּועל יוצא פון זייער איזאָלירטקייט, האָבן אַרויסגעפּילט די דייטשן און האָבן זיך אויף זיי מוראַדיק אָנגעזעצט. די דייטשישע חיות האָבן אַלעמאָל צוגעטראַכט פאַר זיי נייע שיקאַנעס: נאָך צוועלף שעה קאַטאָרזשנער „אַרבעט" האָבן זיי גענומען מענטשן, וואָס האָבן זיך שווין קוים געהאַלטן אויף די פיס און נישט זשאַלעווענדיק קיין קלעפּ, האָבן זיי אָנגעהויבן מיט די אומגליקלעכע מאַכן בלעריי ספּאָרט־איבונגען, ביז זיי האָבן זיי פאַרפיניקט — פּשוטו כמשמעו — אויף טויט.

אַזוי למשל האָבן דער לאַגער־עלטעסטער דאַמיש און דער קאַפּאָ מאַורער „פּאַרטיק" געמאַכט אַ טראַנספּאָרט מיט סאַלאָניקער יידן, וועלכע זענען געפאַלן ווי פליגן פון מידקייט נאָך אומגלויבלעך שווערע אַרבעטן און אומענדלעכן „ספּאָרט" (גבית עדות פון סאַמועל אַרראַרי און אַנדערע).

אַזוי אַרום זענען די פון גאַז פאַרשוינטע גריכן זייער שנעל אומגעקומען אויף אַן אַנדער אופן. פון די יונגע גריכישע מיידלעך און בחורים האָבן די דייטשן גענומען אַ סך צו די „וויסנשאַפטלעכע" מעדיצינישע עקספּערימענטן. עטלעכע הונדערט פון זיי האָט מען אויך אַוועקגעשיקט צו די פאָרטיפיקאַציע־אַרבעטן קיין וואַרשע. דער רוב פון זיי איז אומגעקומען. אַ קליינער טייל האָט זיך אָפּגעראַטעוועט בשעת דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד און געבליבן לעבן. סך הכל זענען פון די 43.000 סאַלאָניקער יידן געבליבן ביים לעבן צירקא 850. וועגן די גריכישע אַשוויענטשימער קאַצעטניקעס פון אַנדערע שטעט האָבן מיר נישט קיין גענויע ידיעות. די אָפּגעראַטעוועטע און צוריקגעקומענע יידן פון סאַלאָניקי האָט דער שאַרפער גריכישער פאָלקס־וויץ אָנגערופן: „נישט אויסגענוצטע (פון די דייטשן) שטיקלעך זייף".

כדי צו פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל פון די ראַפינירטע דייטשע גרויזאַמקייטן מוז נאָך פאַרנאָטירט ווערן אַ פּרט, וועלכן ס'דערציילן צוויי

אָשוויענטשימער אַרעסטאַנטן, אָבער וועלכער איז ביז איצט נאָך נישט באַשטעטיקט און גענוגנדיק באַוויזן געוואָרן. אָט וואָס זיי דערציילן: די דעגענערירטע היטלעריסטישע אויסוואורפן האָבן אין זייער בלאַזירטקייט געזוכט וואָס שטאַרקערע און פּיקאַנטערע איינדריקן. זיי זענען געפאַלן אויף אַ טייוולאַנישער המצאה. פאַרשלאָסן אין אַ קעלער־שטוב איבער אַ צענ־דליק יידישע פרויען און אריינגעלאָזט אַהין ספּעציעל דרעסירטע הינט, וועלכע האָבן זיי פאַרגעוואַלטיקט. אַליין האָבן זיך די היטלעריסטישע חיות צוגעקוקט צו דעם שווידערלעכן בילד, אַנגעקוואָלן און געפּלאַצט פון געלעכטער.

ליידער ווייזט אויס, אַז די דאָזיקע מאַקאַברישע דערציילונגען זענען נישט קיין אויסטראַכטענישן. אין אַן אַנדער גבית עדות געפינען מיר אַזאַ באַשרייבונג: די ס. ס. האָבן אין אָשוויענטשים אויסגעקליבן יונגע מייד־לעך און געהייסן זיי אַרבעטן 12 שעה ביי שטיינער אָן אויפהער. ווען די מיידלעך זענען שוין געווען גענצלעך דערשעפּט און געפאַלן פון די פיס פאַר מידקייט, האָט מען אויף זיי געלאָזט ספּעציעל דרעסירטע גרויסע הינט. די הינט האָבן געברוּוט זיי פאַרגוואַלטיקן. די מיידלעך האָבן זיך פאַרטיידיקט און די ס. ס.־לייט האָבן זיי דערפאַר אַלעמען דערהרגעט. אַראָפּגענומען ביי זיי די קעפּ, אַרויפגעשטעקט זיי אויף זייערע ביקסן און געוויזן אונדז אין לאַגער (אַן אָמטלעכער באַריכט אין דער פראַנצויזי־שער אויסגאַבע: „די קאָנצענטראַציע־לאַגערס").

ענלעכע פאַלן ווערן איבעריקנס איבערדערציילט אויך פון אַנדערע לאַגערן. אין ראַווענסברוק האָבן ס. ס. געהייסן אַ מוטער אויסטון נאַקעט איר טאָכטער, און דאַן געלאָזט די טאָכטער פאַרשוועכן דורך אַ הונט.

23. דאָס קינדער־גיהנום אין אָשוויענטשים

אַפּיציעל זענען קיין קינדער אין אָשוויענטשים נישט געווען. דאָס איז געווען אַ לאַגער פאַר דערוואַקסענע. בדרך כלל זענען די קינדער נאָכן אָנקומען מיט אַ טראַנספּאָרט געפירט געוואָרן צום גאַז באַלד

פון באַן. אויך די קינדער, וואָס זענען אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן אין אַנהויב געראַטעוועט געוואָרן, האָבן געהאַט קנאַפּע שאַנסן צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן אין די מוראדיקע לאַגער־באַדינגונגען. נישט געקוקט אויף דעם, האָבן זיך פונדעסטוועגן שטענדיק געפונען אין לאַגער צו עטלעכע טויזנט קינדער. אַ טייל פון זיי זענען געווען די אמתע אָדער מכלומרשטע „צווילינגען", וואָס מען האָט לויטן באַפעל פון לאַגער־מעדיצינער ד"ר מענגעלע אויסגעטיילט אַלס אָביעקטן פאַר זיינע „וויסנשאַפטלעכע" פאָרשונגען. אַ טייל קינדער האָבן געהערט צום טשעכישן אָדער ציגיינערישן משפחה־לאַגער. עס זענען געווען הונדערטער קינדער, וואָס די דייטשן האָבן צוליב אומבאַקאַנטע סיבות ציטווייליק נישט געשיקט אין די גאַז־קאַמערן. עס זענען אויך געווען הונדערטער קינדער, געראַטעוועטע פון טויט דורך דער געהיימער לאַגער־אָרגאַניזאַציע אָדער דורך יחידים. די דאָזיקע קינדער האָבן געלעבט אין באַהעלטעניש, אָדער זיי האָבן געפירט אַ האַלב־לעגאַלע עקזיסטענץ מיט דער שטילער הסכמה פון עפּעס אַ מער הומאַניטאַרן קאַפּאָ אָדער ס. ס.־מאַן.

ס'רוב זענען די קינדער, וואָס די דייטשן האָבן לעגאַל און אָפיציעל געלאָזן ביים לעבן, געווען אָרגאַניזירט אין א. ג. אַרבעטס־קאָמאַנדאָס און האָבן שווער געהאָרעוועט. אַזוי למשל האָט אַ גרופּע יידישע יינגלעך פון אונגאַרן געאַרבעט אַלס „קאַרטאָפל־קאָמאַנדע" ביים גראָבן קאַרטאָפל. די קינדער האָבן געאַרבעט פון 6 אינדערפרי ביז 6 פאַרנאַכט, ביי יעדן וועטער — ביי שלעכטער דערנערונג, שלעכטער באַקליידונג און קודם כל ביי שלעכטער באַהאַנדלונג. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אַרבעט איבער די כוחות האָט פאַר שוואַכע, צאַרטע באַשעפענישן באַדייט נישט מער ווי אַ פאַמעלעכדיקן טויט. צו אַרבעטן האָט מען געצוווּנגען קינדער פון 8 ביז 16 יאָר. פאַר נישט אויספילן די אַרבעטס־נאָרמע, פאַר שלעכט אויספירן אַ באַפעל, פאַר אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן, בכלל פאַר יעדן מינדסטן חטא, האָט מען מערדערלעך און אומברחמנותדיק באַשטראָפט. אַ יונג בחורל טאַמי מידיאַנאָוו פון אינזל ראָדאָס האָט אויף דעם עדות־פאַרהער פון דער סאָוויעטישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איבערגעגעבן אַ פּאָר פרטים וועגן דעם, ווי אַזוי ס'האָט אויסגעזען די „יוגנט־דערציאונג" אין אָשוויענטשים. סוף 1944 האָט דער בלאָק־דייטש באַשטימט פאַר דער יוגנט־

לעבער גרופּע אַ שטראָף פֿאַר אַ ביסל מיסט, װאָס ער האָט אַנטדעקט אין אַ באַראַק. 150 ייִנגלעך זענען געבראַכט געװאָרן אין באַדאַנשטאַלט, מען האָט זײ געהייסן זיך אויסטון נאַקעט, געהאַלטן אונטער אַן אײזקאַלטן פֿרישניץ און דערנאָך נאַקעטערהייט געטריבן אַ מהלך װעג צוריק אין באַראַק. אַ סך קינדער זענען פֿון אָט דער ריינקייט־לעקציע קראַנק געװאָרן.



אַ צייכענונג פֿון דער סעלעקציע ביי פֿרויען

אַ 9 יאָריק ייִנגל אַנדרעאַס לעװינאַקאַס פֿון שטאָט קלוזש אין אונגאַרן דערציילט: „אין לאַגער, אין בלאָק 22 האָבן מיר געהאַט איבער זיך אויפֿזעערינס דײטשקעס, װאָס האָבן אונדז געשלאָגן מיט גראָבע שטעקנס. ד״ר מענגעלע האָט אָפֿט ביי אונדז גענומען בלוט. נאָװעמבער 1944, װען מען האָט אונדז איבערגעפֿירט אין ציגײנער־לאַגער, איז ערגעץ פֿאַרלוירן געגאַנגען אַ קינד. אַלס שטראָף דערפֿאַר האָט מען אונדז אינמיטן דער נאַכט אַרויסגעפֿירט אין דרויסן און געהייסן שטיין אויפֿן פֿראָסט ביז 12 אַזייגער בייטאָג".

די קינדער זענען אין לאַגער רייף געװאָרן פֿאַר דער צייט. זײ האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון װעגן גורל, װאָס דערװאַרט זײ. אַ טייל פֿון די קינדער זענען געװאָרן אײנגאַנצן רעזיגנירט. ד״ר אָטטאַ װאָלקען אילוסטרירט די דערשיינונג מיט עטלעכע עפּיזאָדן. װען ער איז דעם

21סטן יאַנואַר 1944 נאָך אַ גרויסער סעלעקציע אָריינגעקומען מיט אַ מעדיציניש וויזיט אין אַ בלאָק, וווּ מען האָט איינקוואַרטירט די קרבנות, שוין באַשטימטע צום טויט, האָט ער באַמערקט צווישן זיי זייער אַן אַלטן באַקאַנטן, אַ קליין יידיש ייִנגעלע פון בענדין. ער האָט אים געפרעגט: „יורעק, וואָס מאַכסטו?" דערויף האָט דאָס קינד געענטפערט: „איך האָב לחלוטין קיין מורא נישט. דאָ אין לאַגער איז אַלץ אַזוי מוראדיק שלעכט, אַז ד אָ ר ט ן וועט מיר מסתמא בעסער זיין".

נאָכן פאַרגאַזירן דעם ערשטן טשעכישן טראַנספּאָרט איז ד"ר וואָל־קען געווען אַ צופעליקער צוהערער פון אַ געשפּרעך, וואָס אַ בלאָק־עלטעס־טער האָט דורך דער מחיצה פון שטעכיקן דראָט געפירט מיט אַ 9 יאָריק טשעכיש יידיש ייִנגעלע קאַרלי, אַן אויסערגעווענלעך קלוג און פעאיק קינד. אויף דער באַמערקונג פון בלאָק־עלטעסטן: „קאַרלי, דו ווייסט דאָך אַ סך זאַכן" — האָט אים דאָס קינד געענטפערט בזה הלשון: „איך ווייס, אַז איך ווייס אַ סך, אָבער איך ווייס אויך דאָס, אַז איך וועל זיך שוין ביי מיין לעבן מער גאָרנישט דערוויסן און גאָרנישט מער אויסלערנען און אָט דאָס איז דאָס טרויעריקסטע פון אַלץ".

די קינדער זענען געווען אָנגעוויזן אין לאַגער כמעט אויסשליסלעך אויף זייערע אייגענע כוחות און האָבן זיך געגעבן אַן עצה ווי אַזוי זיי האָבן נאָר געקענט. ד"ר בערטאָלד עפּשטיין, געוו. אָשוויענטשימער אָרעס־טאַנט און פּראָפעסאָר פון קינדער־קראַנקהייטן אויף דער פּראַגער אוני־ווערזיטעט, גיט איבער האַרצרייסנדיקע פּרטים וועגן קינדער־גיהנום אין אָשוויענטשימער לאַגער. איינמאָל איז ער געווען אַן עדות פון אַזאַ מין סצענע. מען האָט דורכגעפירט אַ קינדער־סעלעקציע אין לאַגער. די היט־לעריסטן האָבן באַשלאָסן צו לאָזן ביים לעבן נאָר די קינדער, וואָס זענען שוין גענוג אַנטוויקלט און אויסגעוואַקסן, כדי צו קענען אַרבעטן. אַלס מאַסשטאַב פאַרן אָפּקלייב האָט מען באַשטימט דעם וווּקס. אויפן פּלאַץ, וווּ די סעלעקציע איז פאָרגעקומען, האָט מען אָוועקגעשטעלט אַ דראָנג, אויף וועלכן מען האָט אָנגעצייכנט אַ שטריך מער וויניקער אויף אַ 1,30 אָדער 1,40 מעטער די הויך און געהייסן די קינדער דעפילירן פאַר אָט דעם אָביעקטיוון ריכטער פון זייער לעבן און טויט. די קינדער האָבן גוט פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. מען האָט געדאַרפט זען מיט

וואָס פאַר אַ קאָנצענטרירטער געשפּאַנטקייט זיי האָבן מאַרשירט פאַרביי דעם פּאַטאַלן דראַנג, ווי אַזוי זיי האָבן אָנגעשפּאַנט די לעצטע כוחות, געשטרעקט די פּלייצעלעך, געגלייכט און אויסגעצויגן זיך וואָס העכער, אַבי צו דערלאַנגען מיטן קעפּל יענעם פּאַטאַלן שטריך. דאָ האָט בוכ־שטעבלעך יעדער מילימעטער געקאָנט ראַטעווען דאָס לעבן.

די דאָזיקע פּראָצעדור מיט „מעסטן די קעפּ" איז וואַרשיינלעך נישט געווען קיין איינמאָליקע, נאָר זי פלעגט אפּנים פּאָרקומען אָפטער. זי ווערט דערמאָנט אין אַ סך גבית־עדות און זכרונות; די הויך פון היפּסאָמעטער — ווייזט אויס איז נישט תמיד געווען די זעלבע, אַממייסטן 1,30 און אַנדערמאָל 1,40 אָדער 1,50.

אָט וואָס עס דערציילט וועגן דעם אַ יידיש ייִנגל פון פּוילן: „מען האָט אונדז גענומען אין וואַש־צימער און פון דאַנען רייענווייז אין דער אַמבולאַטאָריע. דאָרט איז געווען ד"ר מענגעלע, דער וואָס מאַכט תמיד די סעלעקציע און ער האָט געקוקט ווי מיר גייען אונטער דער מאָס. מען האָט געמוזט האָבן 1,50 מעטער אַנישט גיין צום גאַז. איין ייִד האָט גע־האַלטן אַ האָריזאָנטאַלע ווערעווקע (לינעאַל) און האָט זיך באַמיט זי אַראָפּצובויגן (כדי זי זאָל זיין נידעריקער), ווען נאָר ד"ר מענגעלע האָט אַוועקגעקוקט. פון אונדז ווידער האָט יעדער איינער זיך באַמיט צו גיין אויף די פינגער, כדי דער קאָפּ זאָל קענען דערגרייכן די מאָס. אָבער דאָס האָט נישט אַ סך געהאָלפן. 32 ייִנגלעך האָבן נישט געהאַט די מאָס און מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין אַ באַזונדערן בלאָק".

אַז אַנדער מאָל האָבן די דייטשן צונויפגעטריבן אַן ערך 500 קינ־דער און פאַרמאַכט זיי אין אַ באַראַק, ווו זיי האָבן געזאָלט וואַרטן אויף זייער ריי צו גיין אין דער גאַז־קאַמער. די קינדער האָבן זיך צעבונטע־וועט, אויסגעבראָכן ביינאַכט דעם דאַך פון בלאָק און זענען זיך צעלאָפן איבערן גאַנצן לאַגער. די ס. ס. ־לייט האָבן אָנגעהויבן נאָך די קינדער אַ ווילדן געיעג, געפּנט אויף זיי אַ שיסעריי. די אַנטלאָפענע קינדער האָבן זיך געווערט מיט פאַרביסנקייט, נישט געלאָזט זיך כאַפּן, געשריען מיט שרעקלעכע קולות „מיר ווילן נישט גיין צום גאַז" אדג"ל. „מיט וואָס פאַר אַ געמיט מיר דערוואַקסענע מיט־אַרעסטאַנטן, פאַרשפּאַרטע אין די שכנותדיקע באַראַקן, האָבן זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע געשרייען און

אָפּקלאַנגען פון קאַמף — דערציילט ד"ר עפּשטיין — איז שווער איבער־צוגעבן".

אין יוני 1944 האָט מען געבראַכט צו פירן פון קאָוונע 129 יידישע קינדער אין עלטער פון 8 ביז 14 יאָר. די קינדער האָט מען געפירט אין די גאַז־קאַמערן אין אָפענע אויטאָס. די קינדער האָבן געוווסט, וואָס ס'וואַרט זיי. פאַרן אַרויפגיין אויפן טויט־אויטאָ האָט אַ 12־יאָריקער יינגל געהאַלטן פאַר די קינדער אַ קורצע רעדע, וואָס האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַגער. דער קליינער רעדנער האָט גערופן זיינע מיט־פאַרמשפּטע חברים, זיי זאָלן מוטיק איבערטראָגן די ליידן און פּיין פון די לעצטע מינוטן. ער האָט זיי געטרייסט, אַז אינגיכן וועלן זיי זיך פאַראייניקן מיט זייערע געהרגעטע עלטערן און געשוויסטער. צום סוף האָט ער זיך געווענדעט צו די ס. ס.־לייט און האָט אויסגעשריען: „אָבער נאָך איין טרייסט האָבן מיר, וואָס אויך איר, אונדזערע מערדער, וועט אינגיכן פגרן".

די קינדער האָט מען נישט תמיד ליקווידירט דורך גאַז. ד"ר יעקב וואָלמאַן, אַ לאָדזשער, גיט איבער אַ פאַקט, ווען די ס. ס.־לייט האָבן פּשוט מיט קאָלבעס פון די ביקסן געממיתט ביי אַ 500 ביז 600 קינדער.

בשעת דער גרעסטער מאָרד־קאַמפּאַניע אין אָשוויענטשים זומער 1944 האָט מען צוו. אַנד. מאַסנווייז געוואָרפן קינדער אין פייער אַריין לעבעדיקערהייט. עס זענען אויך פאָרגעקומען פאַלן, ווען מער באַרמהער־ציקע ס. ס.־לייט האָבן די קינדער געוואָלט איינשפּאָרן די פּיין פון גאַז אָדער פייער־טויט און געהרגעט זיי דורך אַן אומגעריכטן שאָס פון הינטן אין קאַרק (געניקשוס).

די אָשוויענטשימער אַרעסטאַנטקע, חנה קאַמפּעל, גיט איבער נאָך די פאָלגנדע פּרטים וועגן גורל פון קינדער אין לאַגער:

„אַ מין מאָדנע, שמערצלעך געפיל האָט זיך ביי אונדז אַרויסגערופן דערזעענדיק אַ קינד אין לאַגער. פון וואַנען נעמען זיך די קליינע פּיצעלעך אין דעם דאָזיקן מתים־קעניגרייך, ווו קיין איין פויגל האָט נישט אַ סווישטש געטון שוין זינט גאַנצע צוויי יאָר? ווען איך בין געקומען קיין אוישוויץ, אין יאָר 1943, זענען אין לאַגער (חנה ק. מיינט דעם פרויען־לאַגער פאַר „אַרישע" אַרעסטאַנטקעס) געווען נישט קיין גאַנצע צוואַנציק קליינע מיי־

דעלעך, װעלכע זענען דאָ געקומען צוזאַמען מיט זייערע עלטערן האַרבסט 1942 פון זאַמאָשטשער קרייז, פון די אויסגעזידלטע דערפער (פּױלישע פּויערים). טיפוס, שלשול און די אַרבעט אין די בלאָטעס האָבן שנעל אַ תּל געמאַכט סיי פון די מאַמעס און סיי פון די קינדער. דוכט זיך מיר, אַז צוויי פון די קינדער האָבן איבערגעלעבט.

נאָך פריער האָט מען געבראַכט אין לאַגער די 6- אָדער 7־יעריקע העלענקע. נישט געקוקט אויף דער זאָרגפעלטיקער השגחה מצד די אָרעס־טאַנטקעס, איז זי געשטאָרבן נאָך אַ יאָר לאַגער־לעבן. דער קלימאַט האָט זי פאַרניכטעט.

אָפט האָבן פרויען געבוירן קינדער און נאָך עפטער האָבן זיי מפּיל געווען אין לאַגער. קינדער, געבוירענע אין אָשוויענטשים, האָט מען אוועק־גענומען פון די מוטערס און תיכף געהרגעט. ערשט אין דער צווייטער העלפט 1943 יאָר איז דער קורס אין די ענינים געוואָרן אַ מילדערער. אָבער נאָר לגבי „אַרישע" מוטערס און קינדער. שוואַנגערע יידישע פרויען פלעגט מען אוועקנעמען צום גאַז. אַן אויסנאַם פאַל איז געווען מיט אַ יידישער פרוי פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכע מען האָט דערלויבט צו האָבן אַ קינד און דאַן דורך עטלעכע חדשים זייער זאָרגפעלטיק געפלעגט ביז... מען האָט זי נאָך עטלעכע חדשים צוזאַמען מיטן קינד געשיקט אין גאַז.

אין האַרבסט 1943 האָבן די דייטשן ביי זייער ריקצוג פון רוסלאַנד עוואַקואירט די דאָרטיקע ציוויל־באַפעלקערונג. עטלעכע טראַנספּאָרטן רוסישע פרויען און קינדער זענען דעמאָלט אָנגעקומען קיין אָשוויענ־טשים. תחילת האָט מען די קינדער נישט אָפּגעטיילט פון די מוטערס. נאָך אַ געוויסער צייט, ווען די אָשוויענטשימער באַדינגונגען האָבן דורכגע־פירט זייער „סעלעקציע" (טיפוס, שלשול), איז געקומען אַ באַפעל אוועק־צונעמען די קינדער פון די מוטערס און אוועקשיקן זיי קיין נאַקלאָ (אַ ספּעציעלער לאַגער אין פּוילן פאַר „ענטנאַציאָנאַליזירן" די קינדער און דערציען זיי ווי פאָלקס דייטשן)...

אין אויגוסט 1944 זענען געקומען די ערשטע טראַנספּאָרטן פון־נעם רעוואָלטירנדיקן וואַרשע. די ייִנגלעך איבער 10 יאָר האָט מען גע־בראַכט אין מענער־לאַגער, די קלענערע אין פרויען־לאַגער אין באַזונדערע

באראקן... ערשט אין די לעצטע חדשים פון דער עקזיסטענץ פונעם לאגער האבן זיך באוויזן יידישע קליינע קינדער, ווייל ביז אהער האט מען זיי אלעמען אוועקגעשיקט צום גאז.

עס זענען ניצל געווארן: צווילינגען פון די מענגעלעס עקספערי־מענטן, די קינדער פון לעצטן טראנספארט פון טערעזיענשטאט (אקטא־בער 1944) און א געוויסע צאל קינדער פון לאדזשער געטא".

24. סימנים פון ספאנטאנעם בונט און ווידערשטאנד

פארוואס האבן זיך די מענטשן נישט פארטיידיקט מיט אלע כוחות קעגן די היטלעריסטישע תלינים; פארוואס האבן זיי נישט פארקויפט זייער לעבן פאר א טייערן פרייז ?

זיי האבן דאך נישט געהאט וואס אנצווווערן !

כדי צו ענטפערן אויף דער פראגע מוז מען זיך גוט איינלעבן אין דער אטמאספער פון אשוויענטשימער מאסן־„עקזעקוציעס". בשעת אן אקציע אדער סעלעקציע, ביים אויסלאדן טראנספארטן, האט יעדער פאר־טיידיקונגס־אקט זיך ארויסגעוויזן פאר נישט צוועקמעסיק, ווייל די טויט־פלעצער זענען געווען שטארק באזעצט פון ס. ס.־לייט מיט מאשין־ביקסן, גראנאטן, מיט ווילדע הינט, וועכטער־טורעמס, ארומגעצוימט מיט עלעק־טריזירטע שטעך־דראטן פון הויכער שפאנונג. די מענטשן ווידער, וועלכע זענען אקארשט וואס געקומען קיין אשוויענטשים, זענען געווען איינגע־שלעפערט דורך דער ליגנערישער דייטשישער פראפאגאנדע, האבן קיין אנונג נישט געהאט, וואס עס קומט דארט פאר, זענען אזוי איבערראשט געווארן פון די טייוולאנישע סצענעס, אז יעדע אקטיווע רעאקציע איז פאר זיי געווארן אוממעגלעך, שוין אפגערעדט פון אן ארגאניזירטן ווי־דערשטאנד, וואס פאדערט צוגרייטונגען.

די געוועלנלעכסטע רעאקציע ביי דער מערהייט קרבנות, נאכדעם ווי זיי האבן דערזען דעם גאנצן גיהנום, איז געווען א קאנקרעטער ווונטש: „א סוף זאל עס נעמען. וואס גיכער שטארבן און נישט זען די שוידער־לעכע בילדער, נישט ליידן מער".

אַן אַקטיווער ווידערשטאַנד איז גיכער געווען מעגלעך ביי די שטענ־דיקע לאַגער־איינוווינער, איידער ביי די טראַנספּאָרט־פּאַסאַזשירן, וואָס זענען געגאַנגען דירעקט צום טויט.

אָבער אַפילו ביי יענע האָבן דער לאַגער־רעזשים, דער הונגער, דער ווילדער טעמפּאָ פון אַרבעט, דערשעפּטקייט, אַרויסגערופן אַ גלייכגילטי־קייט און אַפּאַטיע. בלויז אַ קליינע צאָל האָט אַרויסגעוויזן גייסטיקע קראַפט און ענערגיע אויף צו קעמפן מיט דעם פאַרהאַסטן שונא.

בכלל „זענען אין די ערשטע טעג און וואָכן אַלע קאַצעטניקעס אַרומגעגאַנגען, ווי זיי וואָלטן געקריגן אַ זעץ איבערן קאָפּ. צופיל און צו פּלוצלונג זענען אויף זיי אַראָפּגעפאַלן די אכזריותן, מער וויפל אַ מענטש איז אימשטאַנד צו פאַרטראָגן. אין דעם לאַגער האָט געקיניגט די פּליאַטקע. „זי האָט געבילדעט דעם ערזאַץ פון די ריכטיקע אינפאָר־מאַציעס, וואָס האָבן אונדז געפעלט" (אַרעסטאַנט נר. 2610, זכרונות געדרוקטע אין פּוילישן „דזיעננניק לודאָווי").

אין אָשוויענטשימער לאַגער האָבן די דייטשן אויסגענוצט אַלע נייעסטע פּסיכאָלאָגישע מעטאָדן. זיי האָבן געטויט די מענטשן נישט נאָר פיזיש, זיי האָבן געקווילעט די נשמה. די דייטשן האָבן פאַראויסגעזען, אַז דער איינציקער כלי־זין פון די אַרעסטאַנטן האָט געקאָנט זיין זייער סאָ־לידאַריטעט און איינהייטלעכער פראָנט קעגן די תלינים. כדי נישט דער־לאָזן דערצו, האָבן זיי צעטיילט די מענטשן שטרענג לויטן געשלעכט (פרויען און מענער באַזונדער), אָבער צוזאַמענגעמישט בכיוון פאַרשיי־דענע אַלטערשטופן, נאַציאָנאַליטעטן, לשונות, רעליגיעס, געזעלשאַפט־לעכע קלאַסן" (פּ. לעווינסקאַ).

די דייטשן האָבן מסכסך געווען איין גרופּע קעגן דער צווייטער, געהעצט איינע קעגן די אַנדערע. אַזוי, למשל, האָט מען די פּאָליאַקן ספּע־ציעל געהעצט קעגן די רוסן, דורכגעפירט אין לאַגער אַ ברייטע פּראָפּאַ־גאַנדע בנוגע מעשה קאַטין א. אַ. וו. מען האָט אויך טשעכן געהעצט קעגן די פראַנצויזן, געפרוּווט איינרעדן די אַרעסטאַנטן, אַז פראַנצויזן זענען שמוציק און נישט קאָלעגיאַל א. אַ. וו. ביי אַ טייל פּאָליאַקן און אַנדערע אַרעסטאַנטן האָט זיך געשאַפן אַ מין אַנטאַגאָניזם לגבי די פראַנצויזן,

ווייל זיי זענען דאָך געווען שולדיק, וואָס דער קריג איז געקומען — האָט איינגערעדט די דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע און אַ פּשיטא, אַז דורך זייער קאַפּיטולאַציע האָבן זיי געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די דייטשן האָבן פאַרנומען כמעט גאַנץ אייראָפּע. וואָלטן די פראַנצויזן נישט קאַפּיטולירט, וואָלט קיין אָשוויענטשים נישט געווען און די צרות פון קאַצעט. עס איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז עטלעכע פראַנצויזן, כדי אויסצומיידן די דאָזיקע טענות און תרעומות, האָבן זיך אָנגעגעבן אין לאַגער ווי בעלגיער (זכרו־נות פון ג. כהן). מען האָט ווייטער געהעצט אויך קעגן די ציגיינער — די „שמוציקע גנבים״. און ועל כולם האָט מען געהעצט קעגן די יידן און מען איז אַרויס פון די כלים, כדי צו דערוועקן ביי אַלע „אַרישע״ אַרעס־טאַנטן דעם אַנטיסעמיטיזם (וועגן דעם זע אין ווייטערדיקן קאַפּיטל).

דער הויפּט פּרינציפּ פון די דייטשן איז געווען: אין לאַגער טאָר נישט הערשן קיין סאָלידאַרישקייט. עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן די אַרעסטאַנטן זיך צו פאַרשטענדיקן, צו אָרגאַניזירן, דורכצופירן וואָס נישט איז געמיינזאַמע פּלענער אָדער אימפּרעזעס.

די אַלע מעטאָדן האָבן געקלעקט לגבי דער גרויסער מאַסע אָשוויענ־טשימער קאַצעטניקעס, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין דעם דאָזיקן גיהנום זייענדיק גאָט די נשמה שולדיק. מען האָט נישט געדאַרפט אַ סך, כדי אַריינצופאַלן אין אַ דייטשן קאַצעט. אַ הענדלער, אַ שמוגלער, סתם מענטשן וואָס מען האָט זיי געכאַפּט ביי אַן אַבלאַווע (ראַציאַ) אויף דער גאַס, אין אַ קאַפע, אין אַ קינאָ, אין צוג, אויפן וואַקזאַל א. אַ. וו. אַמאָל איז געווען גענוג, אַז אַ מענטש זאָל זיך פאַרזינדיקן, דורכגייענדיק קרום דורך דער גאַס, קויפנדיק אַ ברייטל אָדער אַ פּאָר קאַרטאָפל אויפן שוואַרצן מאַרק, מען זאָל אים אַוועקשיקן אין קאַצעט. אויב אין אַ געגנט איז פּאָר־געקומען אַ סאַבאָטאַזש־אַקט, האָט מען גאַנצע דערפער, גאַנצע גאַסן אין גאַנצע קרייזן געשיקט אין קאַצעט. היינט, וואָס נוגע יידן, זענען דאָן גע־גאַנגען גאַנצע קהילות און ישובים אין קאַצעט צוליב דער „זינד פון זייער געבורט״.

בלויז אַ קליינע צאָל פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָט מיט דער צייט באַוויזן אויפצובויען אַ פעסטע ווידערשטאַנדס־באַוועגונג אין לאַגער.

פונדעסטוועגן זענען געווען אויך אַקטן פון אינדיווידועלן ווידע־

שטאַנד, װי אויך פון קאָלעקטיװן נישט אָרגאַניזירטן, ספּאָנטאַנעם קאַמף מיט די היטלעריסטישע מערדער.

ס'איז כדאי אָרומצורעדן עטלעכע אַקטן פון קאָלעקטיװן, ספּאָנטאַנעם װידערשטאַנד, װעגן װעלכע עס האָבן זיך צופעליק — אַ דאַנק די לעבן געבליבענע עדות — אָפּגעהיט געװיסע ידיעות (װאָרשײנלעך זענען געװען מער אַזעלכע פאַלן, נאָר סײ פון די טײלנעמער און סײ פון די עדות איז קײן זכר נישט געבליבן):

אין בלאָק 7 אין בירקענױ זענען געװען פאַרשפּאַרט יידישע מענער, װעלכע מען האָט סעלעקציאָנירט צום גאַז דעם 30סטן דעצעמבער 1943. װען מען האָט געעפנט די טיר, כדי זײ אַװעקצונעמען, האָבן זיך אַ 10־15 יידן אַ װאָרף געטון אויף די ס. ס.־מענער מיט הױלע הענט. זײ האָבן נעדראַפּעט און געביסן די ס. ס.־מענער, אײנעם איז אַפילו געלונגען אַרױס־צורײסן בײ אַ ס. ס.־מאַן אַ רעװאָלװער. די ס. ס.־גבורים האָבן אַלאַר־מירט נאָך הילף און באַלד האָבן זײ „באַזיגט" די יידן. 2 יידן האָבן נאָך פאַר־צװײפלט און ביטער געקעמפט מיט אַ גאַנצן טוץ ס. ס.־לײט, בשעת די אַנדערע זענען שױן געלעגן באַזיגטע אויף דער ערד און די בלאָק־עלטעס־טע און די קאַפּאָס האָבן זײ מאַסאַקרירט צום טױט מיט זײערע שטיװל און שטעקענעס (ט. שטאַבהאַלץ).

װעגן עטלעכע פאַלן פון פאַרביטערטע קאַמפן צװישן די קרבנות און זײערע ס. ס.־תלינים דערצײלן אויך פאַרשידענע פראַנצױזישע עדות (אין דעם באַנד: עדות װעגן אױשװיץ, פּאַריז 1946). אין אײנעם פון די דאָזי־קע קאַמפן זאָל האָבן געלונגען 24 רוסישע קריגס־געפאַנגענע צו אַנטלױפן פון דעם לאַגער.

אין אָנהױב יאָר 1943 האָט דער פאַרטרעטער פון בלאָק־עלטעסטן אין אײנעם פון די אָשװיענטשימער באַראַקן געהאַלטן אַ רעדע צו אַ גרופּע קאַצעטניקעס, װוּ ער האָט זײ געװאָרנט: „אָבער, טראַכט נישט, חס וחלילה, װעגן װעלכן ס'זאָל נישט זײן װידערשטאַנד. מיט דרײ חדשים צוריק האָבן זיך דאָ צעבונטעװעט 700 האָלענדישע יידן. זײ האָבן זיך אַ לאָז געטון צו די דראָטן. װער פון זײ איז געפאַלן, געממיתט פון עלעק־טרישן שטראָם, און װער דערשאָסן פון די מאַשינען־ביקן פון די ס. ס. אַ חוץ דעם האָט מען זײער גאַנצן בלאָק אַװעקגעשיקט צום שטראָפקאָ־

מאַנדאַ קיין יאַווישאָוויץ און היינט לעבט שוין נישט קיינער פון זיי״ (ד״ר יוזשי בענעש).

א גרויסן רושם האָט אַרויסגערופן דער באַרימטער פאַל מיט דעם ס. ס.־מאַן אונטערשאַרפירער שילינגער, איינעם פון די געפערלעכסטע סאַדיסטן און בעסטיעס אין לאַגער. ער ווערט איבערדערציילט אין אַ גאַנ־צער ריי גבית־עדות און זכרונות, וואָס איז שוין אַליין פאַר זיך אַ באַווייז ווי שטאַרק דער איינדרוק איז געווען ביי אַלע לאַגער־איינוווינער. הגם די איינצלנע ווערסיעס זענען נישט אינגאַנצן די זעלבע, לאָזט זיך דער דאָזיקער באַקאַנטער פאַל רעקאָנסטרואירן אין זיינע הויפּט־שטריכן.

די דאָזיקע געשיכטע פון אַן אויסעראָרדנטלעכער גבורה און בליצ־שנעלער האַנדלונג פון אַ יידישער פרוי האָט פּאַסירט סוף אָקטאָבער 1943 אין בירקענוי.

דער ענין האָט אַ שייכות צו אַ געשטאַפּאָ אַפּערע מיט אַמעריקאַנער בירגער. אין 1942 האָבן די דייטשן אָרגאַניזירט אין וואַרשע אַזאַ מין ליגנערישן שפּיצל: זיי האָבן געמאָלדן, אַז יידן — אַמעריקאַנער בירגער, וועלן אַ דאַנק אַן אויסטויש־אָפּעראַציע מיט די אַמעריקאַנער לענדער האָבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. פאַר שווער געלט (אָנהױ־בנדיק פון עטלעכע צענדליק טויזנט זלאָטעס) האָט מען — מיט עכטע אָדער מיט פאַלשע פּאַפּירן — געקאָנט אַריינגעשטעלט ווערן אין דער אַמעריקאַנער רשימה. די דאָזיקע גליקלעכע מענטשן האָבן די דייטשן באַ־זעצט אין איינעם פון די וואַרשעווער האָטעלן („האָטעל פּאָלסקי״) ווו מ׳האָט זיך צו זיי גאַנץ ליטיש באַצויגן. שפּעטער האָט מען זיי אינטער־נירט אין דער באַרימטער וואַרשעווער תפיסה „פּאַוויאַק״ און אינמיטן 1943 האָט מען זיי גענומען אַרויספירן אין פאַרשידענע לאַגערס. אַ טייל איז געבראַכט געוואָרן קיין בערגן־בעלזן, אַן אַנדער טייל קיין וויטעל (Vitell) אין פראַנקרייך און פון דאָרט צום גרעסטן טייל קיין אַוש־וויענטשים.

אַ גרופּע פון אַזעלכע 1750 אַמעריקאַנער בירגער איז אין יאָר 1943 אין אָקטאָבער אָנגעקומען פון וויטעל קיין בזשעזשינקי. דאָ האָט מען זיי אַן לאַנגע הקדמות געהייסן זיך אויסטון און גענומען פירן אין קרע־מאַטאָריום. די אויפרעגונג און פאַרצווייפלונג פון די מענטשן איז געווען

אין לשער. איין פרוי, װאַרשײנלעך אַ יידישע אַרטיסטקע, האָט זיך נישט געװאָלט אויסטון אין אָנװעזנהייט פון ס. ס.־מאַן און זיך אַנטקעגנגע־שטעלט. װען דער ראַפּאָרט־פירער שילינגער האָט מיט כח גענומען אַראָפּ־רייסן פון איר די זאַכן, האָט זי געשטעלט אַ װידערשטאַנד. זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים און װען ער האָט אָנגעהויבן זיך מיט איר צו ראַנגלען, האָט זי אים אַרויסגעריסן זיין רעװאָלװער פון דער האַנט און אים דערשאָסן. אויף איר קוקנדיק האָבן אויך אַנדערע פרויען גע־שטעלט אַ װידערשטאַנד. אין אַ פאַרצװייפלטן געראַנגל האָבן זיי פאַר־װונדעט אייניקע ס. ס.־לייט. אַ גרויסן טייל פון די מוטיקע פרויען, האָט מען באַלד אװעקגעלייגט מיט מאַשין־ביקסן און גראַנאַטן, די איבעריקע זענען פאַרגאַזירט געװאָרן.

אוים נקמה פאַר שילינגערס טויט האָבן די היטלעריסטן, נישט װאָ־רענענדיק קיינעם, געעפנט אַ פייער פון מאַשין־ביקסן אויף דעם לאַגער. געװען איז דאָס נאָך שילינגערס טויט, אין די אָװנט־שעהען (25 אָקטאָ־בער 1943). ס'זענען דעמאָלט דערהרגעט געװאָרן 13 אַרעסטאַנטן, 4 האָבן באַקומען שװערע און 42 — לייכטע װוּנדן.

25. די געהיימע אָרגאַניזאַציע

אין יאָר 1943 האָבן זיך אָנגעהויבן אויסבילדן געהיימע אָרגאַ־ניזאַציעס אין לאַגער. זיי האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט עט־לעכע אָרגאַניזאַציעס אויסערן לאַגער, דורכגעשמוגלט פון דאָרט געלט און פּראָדוקטן און אפילו לייכט געװער. תחילת זענען דאָס געװען קליינע גרופּעס, למשל: פּױלישע נאַציאָנאַליסטישע אָפיצירן, אַ קאָמוניסטישע גרופּע, אַ פּױלישע סאָציאַליסטישע גרופּע מיט דעם פּױלישן סאָציאַליס־טישן סיים־דעפּוטאַט סטאַניסלאַװ דיבואַ (Dubois) בראש (אַ פּ.פּ.ס.־אישע), אַ יידישע, אַ פראַנצויזישע, אַ טשעכישע גרופּע א. א. װ.

זייער טעטיק איז געװען די קאָמוניסטישע עסטרייכישע גרופּע, צו װעלכער עס זענען צוגעשטאַנען באַלד עטלעכע קאָמוניסטן פּאַליאַקן און דייטשן. בראש פון דער גרופּע איז געשטאַנען אַ געװ. אָפיציר פון דער

אינטערנאציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע רודאָלף פרימעל. סוף 1942 האָט זיך די דאָזיקע גרופּע פאַרשטענדיקט מיט דער פראַנצויזישער און דאַן מיט דער פּוילישער גרופּע. אָנהויב 1943 האָבן אַלע גרופּעס זיך פאַר־אייניקט און געשאַפן אַן עקזעקוטיוו פון פיר פּערזאָנען (ערנסט בורגער, הערמאַן לאַנגביין, יוזעף ציראַנקעוויטש, טאַדעאוש האָלוי). די אָרגאַניזאַ־ציע איז געווען תחילת דער עיקר אין די מענער־לאַגערס. מיט דער צייט איז אָנגעקניפּט געוואָרן די פאַרבינדונג מיט עטלעכע פרויען־גרופּן. די קאָנספּיראַציע האָט זיך באַמיט צו ראַטעווען פון טויט די באַרימטע פראַנ־צויזישע אַרעסטאַנטקע דאַניעלאַ קאַזאַנאָוואַ, וואָס איז איר נישט גע־לונגען.

די אונטערגרונד־אָרגאַניזאַציע פון די אָשוויענטשימער קאַצעטני־קעס האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון דערפון, אַז מיט אירע עטלעכע טויזנט חברים און סימפּאַטיקער וועט זי קיין גרויסע זאַכן נישט קענען אויפטון, בפרט אין די באַזונדערע לאַגער־באַדינגונגען. יוזעף ציראַנקע־וויטש האָט אין זיין בריוו פון אָשוויענטשימער לאַגער אין יאָר 1943 געשריבן צו זיינע חברים אויף דער פריי: „מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון, אַז דער לאַגער שטעלט נישט פאָר מיט זיך אַ גרויסן פיזישן כח און אויך נישט קיין וויכטיקן סטראַטעגישן צענטער, אָדער מענטשן־קאָלעקטיוו. אָבער מיר פאַרשטייען די מאָראַלישע באַדייטונג פון לאַגער ווי אַ סימבאָל פון היטלעריסטישער הערשאַפט איבער אייראָפּע און פון היטלעריסטישער אַכזריות. מיר ווייסן, אַז די וועלט אינטערעסירט זיך מיט אָשוויענטשים, נישט דערפאַר ווייל דאָ זענען אַרעסטירט אַזויפיל און אַזויפיל אָפיצירן און פּאָליטישע טוער — די דאָזיקע מענטשן זענען פאַרמאַכט דאָ אין זענען דעריבער אַ טויטע פּאָזיציע אין געראַנגל; אָבער די וועלט אינטע־רעסירט זיך מיט אָשוויענטשים דערפאַר, ווייל דאָ האָט מען שוין גע־מאָרדעט הונדערטער טויזנטער מענטשן און מען ווייסט נישט, וויפיל וועלן נאָך אויסגעהרגעט ווערן״.

איז אין דער ערשטער ריי האָט זיך די אָרגאַניזאַציע געשטעלט פאַר איר אויפגאַבע צו אינפאָרמירן די וועלט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין אָשוויענטשים. זי האָט איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיט דרויסנדיקע פּאָ־ליטישע קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציעס און כסדר ארויסגעשיקט ראַ־

פּאַרטן וועגן אָשוויענטשים אין דער וועלט. אָבער עס איז אויך געווען אַן אַנדערער, שנעלערער וועג צו אינפאָרמירן די דרויסנדיקע וועלט. די אָר־גאַניזאַציע האָט געהאַט א געהיימע ראַדיאָ־סטאַנציע. איינמאָל האָט די לאָנדאָנער ראַדיאָ־סטאַנציע אָנגעגעבן פּרטים וועגן אויפהענגען א גרופּע אַרעסטאַנטן אין עטלעכע שעה נאָך דער עקזעקוציע. די לאַגער־קאָמענדאַנ־טור איז געוואָרן אויסער זיך פון כעס און קאָנסטערנאַציע. די געשטאַפּאָ און ס. ס. האָבן געלאָזט אין גאַנג זייער גאַנצן אַפּאַראַט אויף צו געפי־נען די ראַדיאָ־סטאַנציע, אָבער אומזיסט. קיינער האָט זיך דאָך נישט געקאָנט אָנשטויסן, אַז די ראַדיאָ־סטאַנציע געפינט זיך אין סאַמע גע־פערלעכסטן אָרט, אין האַרץ פון אָשוויענטשימער מאָרדאָווניע — בלאָק נר. 11 !

איינמאָל, שוין אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1944, האָט די קאָנספּיראַציע באַקומען ידיעות פון אַן עסטרייכישער רויט־קרייץ שוועס־טער מאַריע וועגן דעם, אַז די דייטשן פּלאַנירן צו פאַרניכטן אַלע לאַ־גער־איינוווינער פאַר דער עוואַקואַציע פון לאַגער. דער גענויער פּלאַן פון פאַרניכטונג האָט זיך באַלד געפונען אין די הענט פון די קאָנספּיראַטיווע טוערס און איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין אויסלאַנד. באַלד האָט וועגן דעם גערעדט דער לאָנדאָנער ראַדיאָ און עס איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט א געמיינזאַמער דעמאַרש פון די פאַרבינדעטע מלוכות, וואָס האָט געדראָט די דייטשן מיט רעפּרעסיעס. מיט ציין־קריצעניש האָבן די דייטשן געמוזט רעזיגנירן פון זייער פאַרברעכערישן פּלאַן.

דעם 7־טן מערץ 1944 האָבן די דייטשן דורכגעפירט די סעלעקציע צום גאַז אין טשעכישן פאַמיליען־לאַגער אין בירקענוי. צווישן די צום גאַז פאַרמשפּטע האָט זיך געפונען די געגנטע יידישע פרוי פונעם באַקאַנטן דייטשן „פליגער־העלד” קאַפּיטאַן נאַוואַטני. שוין אין צוויי טעג אַרום זאָל דאָס לאָנדאָנער ראַדיאָ האָבן גראַטולירט נאַוואַטנין — אַזוי האָט מען זיך דערציילט אין לאַגער — צו דעם גלאָררייכן טויט פון זיין גע־נטער פרוי (לויט ד״ר וואַלקען).

אין דער צייט ווען די דייטשן האָבן געפירט א באַזונדערע ברייטע פּראָפּאַגאַנדע אין דער מעשה קאַטין — האָט די קאָנספּיראַטיווע באַוועג־גונג אין קראָקע זיי אָפּגעטון א שטיקל, פון וועלכן ס'האָט געלאַכט גאַנץ

קראָקע און באַלד דאָס גאַנצע גענעראַלגובערנעמענט. אין אַ שיינעם זונ־טיק פרימאָרגן האָבן זיך אויף די קראַקאווער גאַסן באַוויזן אַפישן, כלומרשט פון דעם דייטשישן פּראָפּאַגאַנדע־אַמט (אַזוי האָבן זיי אויסגע־זען לויט זייער פאָרם) אין פּויליש און דייטש. און אָט וואָס איז געווען דער אינהאַלט פון די אַפישן:

רעגירונג פון גענעראַלגובערנעמענט
הויפּט־אָפּטיילונג פּראָפּאַגאַנדע.
באַקאַנטמאַכונג נר. 35.
צו דער באַפעלקערונג פון גענעראַלגובערנעמענט!

אויף דער איניציאַטיוו פון דער הויפּט־אָפּטיילונג פּראָפּאַגאַנדע אין דער רעגירונג פון גענעראַלגובערנעמענט איז דעם 11־טן אַפּריל דאָס יאָר אַרויסגעפאָרן קיין סמאָלענסק אַ קאָמיטעט פון רעפּרעזענטאַנטן פון דער באַפעלקערונג, כדי צו באַקענען זיך דאָרט אויפן אָרט מיט דער בעסטיאַלישקייט פון די סאָוויעטישע מערדער. דורך דעם וועט די פּויליש באַפעלקערונג ווערן אויפגעקלערט, וואָס פאַראַ שוידערלעכער גורל עס דערוואַרט זיי, אויב די סאָוויעטן זאָל געלינגען אַריינצודרינגען אין די דייטש־אָקופּירטע געביטן . . .

אין שייכות דערמיט ווערט אָרגאַניזירט דורך דער רעגירונג פון דעם ג. ג. אין נאָענטסטער צייט אַן אַנאַלאָגער אויספלוג אין דעם קאָנ־צענטראַציע־לאַגער אוישוויץ פאַר אַ קאָמיטעט פון אַלע פאָלקס־גרופּן אין ג. ג. דער דאָזיקער אויספלוג וועט באַווייזן, ווי הומאַניטאַר זענען אין פאַר־גלייך מיט די באָלשעוויסטישע מעטאָדן די דייטשישע איינריכטונגען, וואָס מיט זייער הילף ווערט דורכגעפירט די מאַסן־ליקווידאַציע פון דער פּוי־לישער באַפעלקערונג. די דייטשישע וויסנשאַפט האָט דאָ געלייסטעט אויסעראָרדענטלעך פיל פאַר דער אייראָפּעאישער קולטור, ווייל אויפן אָרט פון אַ גרויזאַמען, פּרימיטיוון מאַסן־מאָרד פון דער אומבאַקוועמער באַפעלקערונג, קען מען אין אוישוויץ זען גאַז־ און דאַמף־קאַמערן, עלעקטרישע פּליטעס א. א. וו., מיט וועלכע מען קען אין אַ גאַנץ קורצער צייט טויזנטער פּאָליאַקן אַריבערברענגען פון לעבן צום טויט אויף אַן אופן, וואָס פּאַסט צום כבוד פונעם גרויסן דייטשן פאָלק. עס איז גענוג

בלויז צו באַמערקן, אַז דאָס קרעמאַטאָריום אַליין איז בכח צו פאַרברע־נען יעדן טאָג 3.000 מתים.

אין די זומער־חדשים זענען פאָראויסגעזען אויך ווייטערע אויספלוגן מיט זאנדערצוגן צו די קאָנצענטראַציע־לאַגערן מאוטהאוזען, אָראַניען־בורג, דאכאו, ראַווענסברוק א. אַ. וו.

די לייטער פון אַלע דייטשישע דינסטשטעלן אין ג. ג. ווערט באַ־פוילן, די דאָזיקע באַקאַנטמאַכונג אויפצוהענגען אויף אַן אָנזעעוודיקן אָרט און דערמעגלעכן אַלע וואָס מער צו באַטייליקן זיך אין די דאָזיקע אויספלוגן.

אנמעלדונגען ווערן אָנגענומען שוין היינט אין אַלע פיליאַלן פון דעם מ. ע. ר. (מיטעל־איראָפּעאישעס־רייזע־ביוראָ) און אין דער הויפּט־אָפּטיילונג פּראָפּאַגאַנדע אין קראַקע, קלעפּאַראַווער מארק, נר. 4.

קראַקע, דעם 13 אַפּריל, 1943.

שעף פון פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג

/—/ א ה ל ע נ ב ו ש

די דייטשן האָבן זיך ערשט נאָך אייניקע שעה געכאַפּט אין דער דאָזיקער קונציקער פּעלשונג און זייער כעס איז געווען אין לשער. מערק־ווירדיק, אַז די פּוילישע פּראָפּאַגאַנדע האָט „פאַרגעסן" צו דערמאָנען, אַפילו נישט קיין איינמאָל, דעם נאָמען ייד אין דעם דאָזיקן אַפּיש.

די אַרעסטאַנטן זענען געוואָרן אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס קומט פאָר אויסערן לאַגער. מיט פאַרשפּאַרטן אָטעם האָט מען נאָכגעפאָלגט דעם מאַרש פון דער רויטער אַרמיי און דעם אָנגריף פון די אַליאירטע פאַרבינדעטע מלוכות. זיי האָבן געוווּסט וועגן וואַרשעווער אויפשטאַנד.

די ידיעה וועגן דער אינוואַזיע אין פראַנקרייך (6 יוני 1944) האָט אַרויסגערופן אַן אומבאַשרייבלעכן ענטוזיאַזם. די קאַצעטניקעס האָבן געטאַנצט און געוויינט פאַר פרייד, אויסנוצנדיק יעדע מינוט, ווען זייערע פּייניקער האָבן זיי נישט באַוואַכט. לכבוד דעם גרויסן טאָג זענען אַנט־שטאַנען פאַרשידענע געלעגנהייטס־לידער אין דעם כאַראַקטעריסטיש־רויען קאַצעט־סטיל (גענויערע פּרטים וועגן דעם אין די זכרונות פון ט. שטאַב־האָלץ).

א טאָג פון גרויסער האָפענונג און אינערלעכער באַפרידיקונג האָבן

די אַרעסטאַנטן געהאַט אויך, ווען עס איז פאָרגעקומען דער גרויסער אַמעריקאַנישער לופט־אַטאַק אויף אָשוויענטשים. די אַמעריקאַנער זענען אויסן געווען צו צעשטערן די גרויסע בונא־ווערקע אין מאָנאָוויץ (סעפּ־טעמבער 1944). די קאַצעטניקעס האָבן זיך דאַן מיט פרייד דערציילט, אַז 75% פון די פאַבריק־איינריכטונגען אין בונא זענען געוואָרן צע־שטערט, אַז אַ באָמבע איז אַריינגעפאַלן אין אַ ס. ס. בונקער (די אַרעס־טאַנטן האָט מען בשעת די אַטאַקן און לופט־אַליאַרמען געהייסן בלייבן אין דרויסן) און האָט דערהרגעט אַ סך ס. ס.־מענער.

די קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציע האָט אַ חוץ דעם אַרויסגעגעבן עטלעכע ביולעטינען און אַנטיפאַשיסטישע מאַניפעסטן, וואָס האָבן אין האַנט־געשריבענע קאָפּיעס קורסירט צווישן די אַרעסטאַנטן. עס האָט אויך נישט גערוט די פּאָעטישע אינספּיראַציע אין אָשוויענטשים. אַ סך קאַצעטניקעס האָבן געשריבן לידער אין פאַרשידענע שפּראַכן, וואָס האָבן קורסירט צווישן די אַרעסטאַנטן אין אָפּשריפטן און זענען אויך פאַר־שפּרייט געוואָרן פונעם זכרון פון מויל צו מויל, פון אויער צו אויער. די לידער האָבן מייסטנס געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערן אָדער סאַטירישן אינהאַלט. עס זענען אין די לעצטע יאָרן, נאָך דער באַפרייאונג, אָפּגע־דרוקט געוואָרן די לידער פון צוויי יידישע מיידלעך, די שוועסטערן קאָר־מעל, ווי אויך פון דער יידישער פרוי קריסטינע זשיוווּלסקאַ (אין פּוי־לישער שפּראַך). אַ גרופּע יידישע קאַצעטניקעס האָט געזאַמלט גבית־עדות וועגן אוישוויץ און זיי באַגראָבן אין אַ זיכערן אָרט, כדי זיי זאָלן דינען אַ זכר לדורות וועגן יידישע לײַדן אין אוישוויץ (אין יידיש) און דינען אַלס געשיכטלעכער מאַטעריאַל פאַר דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט („ייוואָ״).

די געהיימע אָרגאַניזאַציע האָט געפּרוּווט אָרגאַניזירן אַ פּלאַנ־מעסיקן סאַבאָטאַזש אין די פּראָדוציר־ענדע (בפרט אין דער פּראָדוקציע פאַר קריגס־צוועקן) אָפּטיילונגען אין לאַגער. אין דער אַמוניציע פאַבריק ד. אַ. וו. (דייטשע אויסריכטונגס־ווערקע) האָט מען אָרגאַניזירט אַ סאַבאָ־טאַזש, פאַרלאַנגזאַמט די פּראָדוקציע אַזוי ווייט, אַז במשך פון עטלעכע חדשים איז די פּראָדוקציע געפאַלן אויף אַ העלפט. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָסט אויך מענטשלעכע קרבנות. די צעבייזערטע דייטשן האָבן

פאַרפּייניקט אויף טויט איין יידישן און איין פּוילישן אַרבעטער, אַ סך אַנדערע האָבן געקריגן קלעפּ.

אַן אַנדער גרופּע, גאַראַזש־אַרבעטער, האָט געמאַכט דעפעקטן אין אויטאָס, „פאַרלוירן" וויכטיקע און שווער צוצופּאַסנדע קליינע אויטאָ־טיילן און אַזוי אַרום געמאַכט אַרבעטס־אוּמפּעאיק אַ סך לאַסט־אויטאָס, וואָס פלעגן פירן די גאַז־טראַנספּאָרטן, אין דער פאַבריק „אוניאָן" (אויפ־רייסשטאָפן, גראַנאַטן א. אַ וו.) האָבן די יידישע און פראַנצויזישע אַר־בעטערינס כסדר סאַבאָטירט. כמעט טאָג־טעגלעך פלעגן קומען ראַפּאָרטן וועגן גראַנאַטן פון דער דאָזיקער פאַבריק, וואָס האָבן נישט עקספּלאָדירט. מאַשינעס זענען פּלוצלינג געבליבן שטיין. עלעקטרישער שטראָם איז אי־בערגעריסן געוואָרן. עס האָט געדעגנט מיט שטראָפן מצד די צעיושעטע ס. ס.־מענער (קלעפּ, אויסהונגערונג, „ספּאָרט"). עס האָט נישט געהאָלפן. באַרימט איז געווען אַ פאַל, ווען יידישע מיידלעך האָבן אַרויסגעגנבעט פון דער פאַבריק אויפרייסשטאָפן פאַר דעם צעבונטעוועטן זאַנדער־קאָ־מאַנדאָ (וועגן דעם זע וויטער אין קאַפּיטל: זאַנדער־קאָמאַנדאָ אין קאַמף).

מען האָט „אָרגאַניזירט" גאָלד און וואַלוטעס און אַרויסגעשיקט צו די פּאַרטיזאַנער.

מען האָט אויסגעגראָבן ספּעציעלע בונקערס און באַהעלטענישן, כדי צו דערמעגלעכן דאָס אַנטלויפן פונעם לאַגער.

אין דער אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג זענען די יידן תחילת געווען שוואַכער פאַרטרעטן ווי אַנדערע. די סיבות זענען פאַרשי־דענע. קודם־כל: יידן האָט מען געבראַכט קיין אָשוויענטשים אָן שום אונ־טערשייד פון זייער פּאַרטייאישער אָדער אומפּאַרטייאישער פאַרגאַנגענ־הייט; צווישן זיי זענען געווען פרויען און קינדער, זקנים. דאַקעגן צווישן די אַנדערע נאַציעס איז דער פּראָצענט פּאָליטישע געפאַנגענע געווען יעדנ־פאַלס אַ גרעסערער. צווישן זיי זענען געווען טייל פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, געשולטע קעמפער מיט אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. צווייטנס זענען די יידן געווען גייסטיק און פּאָליטיש איינגאַנצן געבראָכן, צוליב זייער באַ־זונדער טראַגישער אַלגעמיינער לאַגע.

אַ חוץ דעם זענען יידישע אַקטיווע טוער געווען טעטיק אין פאַרשי־דענע נאַציאָנאַלע גרופּן, למשל, אין דער עסטרייכישער, פראַנצויזישער

גרופּע וכדומה. דער באַריכט פון דער פראַנצויזישער גרופּע באַטאָנט, אַז אין יאָר 1944 איז די גרופּע געוואָרן זייער פאַרשטאַרקט צוליב דעם, וואָס עס זענען אין איר צוגעקומען אַ סך יידישע קאַמעראַדן פון פראַנקרייך.

דאָס זענען געווען די סיבות, פאַרוואָס עס האָבן זיך תחילת נישט אויסגעבילדעט קיין באַזונדערע יידישע גרופּן. מיט דער צייט האָט זיך דאָס אָבער געביטן, בפרט אין די לעצטע חדשים. דעמאָלט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַרויסשיקן קיין דייטשלאַנד די נישט יידישע תושבים (בפרט זינט אָקטאָבער 1944). אין חודש סעפּטעמבער 1944 האָט די קאָנספּיראַ־טיווע אָרגאַניזאַציע אין אָשוויענטשים געציילט 160 פּירנדיקע מיטגלידער און 2 800 אָרגאַניזירטע אַרעסטאַנטן. זעענדיק, אַז אין אָשוויענטשים וועלן די דייטשן איבערלאָזן סוף סוף בלויז די יידן, איז די לייטונג פון דער קאָנספּיראַציע צוגעטרעטן שאַפן אַ חוץ די מיליטערישע געשולטע געמישטע גרופּעס — ווי ביז אַהער — ריין יידישע גרופּעס, וואָס זאָלן נעמען אויף זיך דעם עול פון דער גאַנצער אַרבעט נאָכן אַרויסשיקן די נישט יידן. ס׳זענען אַנטשטאַנען עטלעכע יידישע גרופּעס. די גרעסטע פון זיי האָט געציילט אַן ערך 900 יידן, איינגעטיילטע אין אייניקע קאָמפּאַק־טע קאָמאַנדעס (לויט טאַדעאוש האָלוי). צו אַן אויפשטאַנד איז אָבער אין אָשוויענטשים בכלל נישט געקומען. די געשעענישן האָבן זיך אַזוי בחפ־זונדיק אָפּגעשפּילט, אַז נישט די תלינים און נישט זייערע קרבנות האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אויסצופירן די צוגעטראַכטע פּלענער.

26. די זאָנדערקאָמאַנדע אין קאַמף

„זאָנדערקאָמאַנדע״ — דאָס איז געווען דער נאָמען פון דער גרופּע אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך געמוזט מטפּל זיין מיט די קרבנות פון די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס.

די אַרעסטאַנטן, וועלכע די ס. ס. האָבן געצוווּנגען צו דער דאָזי־קער שרעקלעכער אַרבעט, האָבן על פּי רוב געלעבט נישט מער ווי דריי חדשים. יעדע דריי חדשים האָט מען פאַרניכטעט די מיטגלידער פון דער זאָנדערקאָמאַנדע, ווייל זיי האָבן שוין צופיל געזען און געהערט. צוליב דעם איז זייער שווער צוזאַמענצושטעלן די גאַנצע געשיכטע פון דער דאָ־

זיקער קאָמאַנדע. פון אַ סך זאָנדערקאָמאַנדעס איז קיין זכר נישט געבליבן, נישט קיין איין איינציקער לעבעדיקער עדות. לויט די פאַרשידענע גבית עדות און זכרונות לאָזט זיך בלויז מער ווייניקער רעקאָנסטרואירן דער גורל פון די זאָנדערקאָמאַנדעס. זייער באַקאַנט און שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון פון די לאַגער תושבים איז געווען דער קאַמף פון איינער פון די לעצטע זאָנדערקאָמאַנדעס מיטן פאַרהאַסטן שונא.

די ערשטע זאָנדערקאָמאַנדע איז וואַרשיינלעך געשאַפן געוואָרן אין יולי 1942 פון צירקאַ 250 רוסישע קריגסגעפאַנגענע. מען האָט זיי דערשאָסן אין אויגוסט 1942. די צווייטע זאָנדערקאָמאַנדע איז באַשטאַנען פון 250 יידן — אויסגעשאָסן אין סוף 1942 מען דערציילט, אַז איינע פון די דאָזיקע צוויי קאָמאַנדעס האָט געהאַט אַ צוגעגרייטן פּלאַן פון אַן אויפשטאַנד. אָבער דער פּלאַן איז געוואָרן פאַרראַטן און די דייטשן האָבן באַוויזן זיי באַצייטנס אויסצושיסן. די זאָנדערקאָמאַנדע איז געווען דירעקט אונטערשטעלט צו דער פּאָליטישער אָפּטיילונג. די זאָנדערקאָמאַנדע אַרבעטער האָבן געלעבט אין באַזונדערע באַראַקן, פולשטענדיק איזאָלירט און אָפּגעטיילט מיט שטעכיקע דראָטן פון די איבעריקע באַראַקן. די מיטגלידער פון די זאָנדערקאָמאַנדעס האָבן נישט געטאָרט רעדן מיט קיינעם פון אויסער דער זאָנדערקאָמאַנדע. ווען עמיצער פון זיי האָט געמוזט צוליב וואָסערע נישט איז סיבות אַרויסגיין פון דער מחיצה, איז ער געגאַנגען אונטער אַ שטאַרקער שמירה. זיי האָבן געקראָגן אַ בעסערע דערנערונג פון די אַנדערע אַרעסטאַנטן. אָפט האָט זיך געטראָפן, אַז נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער שמירה האָבן די אַרבעטער פון דער זאָנדערקאָמאַנדע באַוויזן איבערצוגעבן אָדער דורכצושמוגלען אין דעם לאַגער אַ וויכטיקע ידיעה. עס פלעג זיך טרעפן, אַז אַרבעטער פון דער זאָנדערקאָמאַנדע זענען צוגעלאָפן צו די דראָטן און ריזיקירנדיק מיטן לעבן, איבערגעגעבן אַ לעצטן גרוס פון יידן וואָס זענען געגאַנגען צום גאַז, צו זייערע נאָענטע קרובים און פריינד, אַמאָל געבראַכט פאָטאָגראַפיעס אָדער בריוו פון די פאַרמשפטע פאַר זייערע פאַמיליעס. מיט דער צייט איז די צאָל אַרבעטער אין זאָנדערקאָמאַנדע אויסגעוואַקסן ביז 800, אָפט ביז 1000 מאַן, און מער. עס איז געווען אַ סך אַרבעט... זינט 1943 זענען די זאָנדערקאָמאַנדעס באַשטאַנען בלויז פון יידן און פון צייט צו צייט אַ קליינע

צאָל רוסישע אָפיצירן. די מענטשן זענען דאָך סיי ווי סיי פאַרמשפּט געווען צום טויט.

געווען פאַלן, ווען די יידן, באַשטימטע צו דער זאַנדערקאָמאַנדע, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו טון די אַרבעט. אין מערץ 1944 האָט מען 400 גריכישע יידן פון קאָרפו באַשטימט צו דער דאָזיקער מלאכה. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט און מען האָט זיי אָפּגעשיקט גלייך אין די גאַזקאַמערן. אין מאַי 1944 האָט זיך איבערגעחזרט דער זעלבער פאַל מיט 100 יידן פון אַטען.

כמעט אין אַלע זאַנדערקאָמאַנדעס האָט געטליעט דער פונק פון ווידערשטאַנד און קאַמפס־גרייטקייט. אָבער כמעט תמיד איז די דייטשן געלונגען באַצייטנס אָפּנאַרן די בונטאַרן און זיי „דערליידיקן" איידער זייער פּלאַן איז רייף געוואָרן. איינמאָל האָבן די דייטשן אַ גרופּע פון 300 זאַנדערקאָמאַנדע אַרבעטער, וואָס האָט זיך אָפן געגרייט צו אַ ווידער־שטאַנד, מיט אָפּנאַרעריי אַריינגעצויגן אין אַ באַראַקע און דאָרט פאַרגאַ־זירט. אָבער איינמאָל זענען געווען די דייטשן די אָפּגענאַרטע, דאָס איז געווען סוף זומער 1944. די עקזעקוטיווע פון דער געהיימער אָרגאַניזאַ־ציע האָט געמאַכט צוגרייטונגען צו אַן עווענטועלער אָפענער מיליטערי־שער אַקציע. די יידישע אונטערגרונט גרופּעס, אונטער דעם איינדרוק פון דער שרעקלעכער פאַרניכטונגס קאַמפּאַניע, וואָס איז אָנגעגאַנגען לגבי די יידן אין אַשוויענטשים אין יענער צייט, האָבן געדרענגט, מען זאָל גלייך אָנהייבן די מיליטערישע אַקציע. די ליטונג פון דער געהיימער אָר־גאַניזאַציע האָט נישט מסכים געווען, זי האָט געהאַלטן אַזאַ אַקציע פאַר פריצייטיק. נעמענדיק אָבער אין אַכט אַז דעמאָלט האָט ווידער געדראָט דער זאַנדערקאָמאַנדע אַ ליקווידאַציע מצד די דייטשן, האָט מען מסכים געווען, אַז די אַרבעטער פון דער זאַנדערקאָמאַנדע זאָלן אויף זייער איי־גענער האַנט דורכפירן אַ רעוואָלוציאָנערע אַקציע. דער ערשטער פּלאַן זייערער איז געווען אויפצורייסן מיט דינאַמיט אַלע פיר קרעמאַטאָריעס אין בירקענוי. אָבער דער דאָזיקער פּלאַן איז געוואָרן אַנטדעקט פון די דייטשן און צונישט געמאַכט עטלעכע שעה פאַר זיין דורכפירונג. די דייטשן האָבן געוואָלט איצט צוזיילן דאָס פאַרגאַזירן פון דער בונטאַרי־שער זאַנדערקאָמאַנדע.

אַשוויענטשים

אין סעפּטעמבער (אָדער אָקטאָבער) 1944 זענען די ס. ס.־לייט גע־קומען נעמען 300 מיטגלידער פון דער זאנדערקאָמאנדע, כדי זיי צו ליק־ווידירן דורך גאז. פאַר דער קרעמאַטאָריע באַדינונג איז דאָס געווען אַ סיגנאַל צום אויפשטאַנד. די הייצערס פון דער קרעמאַטאָריע 4 האָבן דער־הרגעט מיט אַ האַמער דעם ס. ס. ראָטן־פירער און אונטערגעצונדן די קרעמאַטאָריע. דער פּרווו אויפצורייסן די קרעמאַטאָריע־איינריכטונגען האָט זיך נאָר טיילווייז איינגעגעבן. גלייכצייטיק האָבן די אויפשטענדיקע אין דער קרעמאַטאָריע 2 אַריינגעוואָרפן אין אויוון דעם אויפזעער קאַר־, דערהרגעט 4 ס. ס.־לייט, פאַרווונדעט אַ מאַן פּופצן, איבערגעשניטן די דראָטן, אַרויסגערופן אַ פּאַניק צווישן די וועכטער און אַרוים אויף דער פריי. זיי האָבן געהאַט רעוואָלווערן, גראַנאַטן און באָמבעס.

די דייטשישע וואַך האָט אַלאַרמירט די קאָמאַנדאַנטור אין אַש־וויענטשים 1. מ׳האָט געשיקט אַ גרעסערע ס. ס.־אָפּטיילונג און זיי האָבן אויף אַ בלוטיקן אופן דערשטיקט דעם אויפשטאַנד.

שבת דעם 21 סעפּטעמבער 1944, דערציילט אַן עדות (לויט אַנ־דערע עדות, איז דאָס געווען דעם 7 אָקטאָבער), אַזייגער איינס בייטאָג האָבן די ס. ס.־לייט זיך גענומען יאָגן נאָך אַ טייל אַנטלאָפענע אויפשטענד־לער, וועלכע זענען שוין געווען עטלעכע קילאָמעטער פון לאַגער, האָבן זיי געכאַפּט און דערשאָסן. בסך הכל זענען אין דעם אויפשטאַנד אומ־געקומען עטלעכע הונדערט אַרעסטאַנטן.

נאָכן אויפשטאַנד האָט די געשטאַפּאָ זיך גענומען חוקר ודורש זיין, ווער ס׳האָט די אויפשטענדיקע באַזאָרגט מיט געווער און אַמוניציע. ס׳איז דער געשטאַפּאָ געלונגען אַנצוטרעפן אויף אַ שפּור פון פיר יידישע אַרעס־טאַנטקעס, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק פון אויפרייס־שטאָפן „אוניאָן" און פון דאָרט אַרויסגעגנבעט אַמוניציע פאַר דער זאנדערקאָ־מאנדע. דאָס זענען געווען פיר מיידלעך פון וואַרשעווער געטאָ; די יינג־סטע פון זיי איז אַלט געווען 12 יאָר, די עלטערע 16. מ׳האָט די מיידלעך אַרעסטירט און דורך שווערע פייניקונגען געוואָלט אַרויסבאַקומען פון זיי עפּעס וועגן די איבעריקע מיטהעלפערינס און מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. אָבער די העראָאישע מיידלעך האָבן קיין וואָרט נישט גע־זאָגט. זעענדיק, אַז די טרחה איז אַן אומזיסטע, האָבן די דייטשן זיי

עפנטלעך געבראַכט צו דער תליה, צו וועלכער די מיידלעך זענען געגאַנ־
גען מיט מוט און מיט **ווירדע.**

„דער קאַמף פון דער זאַנדערקאָמאַנדע איז נישט געגאַנגען לאיבוד.
זייער מוטיקער טאַט האָט עלעקטריזירט די אַרעסטאַנטן־מאַסע. עס זענען
דעמאָלט אַנטשטאַנען אַ סך ספּאָנטאַנע זעלבסטשוץ־גרופּן, וועלכע האָבן
זיך אָנגעשלאָסן אין דער געהיימער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג" (ט. האָלוי).

אויפן אָרט פון די דערשאָסענע האָבן די דייטשן באַשטימט אַ נייע
זאַנדערקאָמאַנדע. נאָך 2 טעג האָט מען 50 פון זיי געבראַכט טויט קראַנק
אויף דעם קראַנקענבוי. דאָ האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז זיי האָבן גענו־
מען סם. מען האָט זיי שוין נישט געקאָנט אָפּראַטעווען. דער טויט האָט
זיי דערלייזט פון די מערדערישע הענט.

27. אַזוי איז מען אַנטלאָפן פון לאַגער

הגם דער לאַגער איז געווען פאַרשפּאַרט און פאַרמאַכט מיט זיבן
זיגלען, געהיט טאָג און נאַכט דורך שווער־באַוואָפנטע פּאָסטנס מיט הינט
— האָט דאָך נישט געפעלט קיין פּרוּוון צו אַנטלויפן און עס זענען געווען
פאַלן, ווען דאָס איז געלונגען. דער דראַנג צו פרייהייט איז געווען שטאַר־
קער פון אַלע נאַציסטישע המצאות און קייטן.

ביז 1943 זענען דאָס געווען איינצלפאַלן. אין יאָר 1943 איז גע־
לונגען צו אַנטלויפן אַ גאַנצע גרופּע מענער און דעמאָלט האָבן די היט־
לעריסטן צו וויסן געגעבן, אַז אין פאַל פון אַנטלויפן, וועלן זיי ציען צו
פאַראַנטוואָרטלעכקייט די גאַנצע פאַמיליע פון דעם פליכטלינג. דאָס האָט
אויף אַ געוויסער צייט אָפּגעשטעלט די באַוועגונג צו אַנטלויפן. אָבער נאָר
אויף גאַנץ קורץ. באַלד נאָכדעם ווי עס זענען אַנטשטאַנען די געהיימע
ווידערשטאַנד־גרופּן, האָבן זיי אָרגאַניזירט מעגלעכקייטן צו אַנטלויפן
פון לאַגער. אין לאַגער גופא זענען געשאַפן געוואָרן אין עטלעכע פּונקטן
בונקערס און באַהעלטענישן — מיט שפּייז־פּראָדוקטן, וואַסער, ציווילע
קליידער, ווו די פליכטלינגע האָבן געקענט זיך באַהאַלטן עטלעכע טעג
און אָפּוואַרטן ביז די היטלעריסטן זענען נתיאש געוואָרן זיי צו זוכן.

ערשט דאַן האָבן זיי פאַרגעזעצט זייער וועג. זינט סעפּטעמבער 1944 האָט זיך זייער געשטאַרקט די טעטיקייט פון די פּאַרטיזאַנער אין די נישט־ווייטע בערג (בעסקידן). דאָס האָט ווידער געשטאַרקט דעם חשק צו אַנטלויפן. כמעט יעדן טאָג האָט געוואָיעט די סירענע אין לאַגער — אַ סימן, אַז ווידער איז ווער אַנטלאָפן. דורך דעם אָבער האָבן די נאַציס נישט ווי־לנדיק געשטאַרקט דעם חשק צו אַנטלויפן; דער בייספּיל, הגם נישט תמיד אַ געלונגענער — האָט געהאַט אַן אָנשטעקנדע ווירקונג אויף אַ סך אַנ־דערע. אין דער ערגסטער לאַגע בנוגע אַנטלויפן האָבן זיך געפונען די פראַנצויזן, גריכן, אונגאַרן, זיי האָבן נישט געקאָנט נישט די שפּראַך און נישט די לאַנדס־מנהגים און האָבן נישט געקאָנט האָפן, אַז עס וועט זיי געלינגען זיך פריי צו באַוועגן אין לאַנד נאָכן אַנטלויפן. דאַקעגן זענען אַנטלאָפן אַ סך פּאָליאַקן, סלאָוואַקן, דייטשן, טשעכן, רוסן און יידן. די ערשטע פּאַרטיעס פון די אַנטלאָפענע האָבן אָרגאַניזירט ווייטערדיקע „באַזעס" אין פעלד, איינגעשטעלט אַ „פּאָסטן־קייט" ביז קיין קראָקע, געשאַפן אַ ספּעציעלע קאַמף־גרופּע צו העלפן די ווייטערדיקע פליכטלינגע. אַ טייל זענען אויך אַריין אין די פּוילישע, סלאָוואַקישע, רוסישע פּאַרטי־זאַנער־אָטריאַדן. על פּי רוב זענען אַנטלאָפן מענער. דאָס אַנטלויפן פון פרויען האָט אָנגעטראָפן אויף גרעסערע שוועריקייטן, צוליב עטלעכע סיבות:

1) די פרויען האָבן געהאַט אין לאַגער אָפּראַזירטע קעפּ און מען האָט זיי געקאָנט לייכטער דערקענען. 2) די געהיימע אָרגאַניזאַציע האָט געהאָלפן קודם כל מענער, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז מענער טויגן בעסער פאַר די ספּעציעלע אויפגאַבעס פון ווידערשטאַנדס־קאַמף. 3) אויך די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן האָבן נישט געהאַט קיין חשק אויפצונעמען פרויען, ווייל זיי האָבן זיי באַטראַכט, ביי די שווערע באַדינגונגען פון קאַמף אין די בערג, ווי אַ באַלאַסט פאַר זיך. אָבער אין דער צווייטער העלפט 1944 זענען שוין עפּטער פאָרגעקומען פאַלן פון אָרגאַניזירטן אַנטלויפן פון פרויען. אַזוי למשל, איז סוף נאָוועמבער צושטאַנדגעקומען אַ געלונגען אַנטלויפן פון 15 יידישע פרויען (מפרשת השואה" ג־ד). נישט תמיד האָבן זיך די פרוון געענדיקט מיט אַ דערפאָלג. מיר וועלן דאָ איבערגעבן עטלעכע, געלונגענע און נישט געלונגענע, באַקאַנטע פאַלן.

אין יוני 1943 האָבן 12 העברעע פוילישע אָפיצירן און באַאַמטע אָרגאַניזירט אַן אַנטלויפן פון לאַגער. זייענדיק אין שפּיטאָל האָבן זיי אָנגעשיכורט און איינגעשלעפערט זייערע וועכטערס און זענען אַנטלאָפן. מען האָט זיי אַלע געכאַפּט, געהייסן זיי אונטער אַ שטאַרקער שמירה דעפילירן איבער דעם גאַנצן לאַגער און דאַן עפנטלעך אויפגעהאַנגען אויפן אַפּעל־פּלאַץ דעם 19 יוני.

דעם 7־טן אַפּריל 1944 זענען צוויי סלאָוואַקישע ארעסטאַנטן אַנטלאָפן פון בירקענוי (נר. 29.162 א. וו. און נר. 29.858, ארנאָסט ראָזין). עס איז זיי געלונגען זיך ארויסצובאַקומען איבער סלאָוואַקיע קיין אויסלאַנד און זיי האָבן באַשריבן די שרעקלעכע לאַגער־באַדינגונגען אין די שווייצער צייטונגען. דאָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רעש אין דער וועלט. נאָך זייער אַנטלויפן זענען די ס. ס.־לייט אין לאַגער ארומגעגאַנגען זייער צעררייצטע און צעיושעטע. עטלעכע טעג האָבן זיי ארומגעזוכט און ארומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז. אָבער עס האָט זיי גאָרנישט געהאָלפן. מען האָט פון דעמאָלט אָן זייער פאַרשאַרפט דעם קאָנטראָל. כדי צו פאַרשטאַרקן די שמירה האָט מען אַפילו ליקווידירט דעם בוי־אָפּשניט 3 אין בירקענוי און דורך דעם זייער פאַרקירצט די צעצויגענע „פּאָסטן־קעטטע". פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן.

אַ באַזונדערס ברייטן אָפּקלאַנג האָט געהאַט אין לאַגער דער פאַל מיט דעם העראָאישן מיידל מאַלאַ.

מאַלאַ צימעטבוים, ארעסטאַנטקע נר. 19373, איז געווען אַ נידערלענדיש (לויט אַנדערע אַ בעלגיש) יידיש מיידל. 28 יאָר אַלט, שיין, הויך געוואַקסן, זי האָט באַהערשט 7 שפּראַכן, געווען אינטערנירט אין אָשוויענטשים שוין אַן ערך דריי יאָר. אַ דאַנק אירע שפּראַכלעכע ידיעות האָט זי געאַרבעט אין דעם ארבעטס־אַמט פון לאַגער, ווו זי האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרטיילן צו נייער ארבעט די פרויען, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון לאַגער־שפּיטאָל. ביי דער געלעגנהייט האָט זי די ארעסטאַנטקעס געטון אַ סך טובות. זי האָט באַקומען פון אירע נאַטשאַלניקעס די דערלויבעניש צו טראָגן אַ טיכל אויפן קאָפּ. אונטערן טיכל האָט זי זיך געלאָזט וואַקסן אירע האָר. נאָך אַ פאַרקילונג האָט מען איר דערלויבט אויך צו טראָגן אַ סוועטער מיט לאַנגע ארבל. דאָס האָט איר דערמעגלעכט

צו מאַכן אַ שמערצלעכע אָפּעראַציע — אַרויסצוקריצן פון איר לינקער האַנט דעם טאַטואירטן אַרעסטאַנטן־נומער. נאָך די אַלע צוגרייטונגען איז זי אַנטלאָפן מיט אירם אַ פריינד, אַ מאַנטאַר מיטן נאָמען עדעק (יוני 1944). אין לאַגער האָט געהערשט אַ גרויסע אויפרעגונג. די ס. ס.־לייט האָבן אָר־גאַניזירט אַ פאַרפאָלגונג. מען האָט זיי אָבער נישט געכאַפּט. די אַרעס־טאַנטן האָבן געהאַט הנאה פון דעם געלונגענעם אַנטלויפן און פון די שיטערע מינעס פון די ס. ס. ליידער איז די פרייד געווען צו פרי. נאָך

נאָך אַ נישט געלונגענעם פּרווו צו אַנטלויפן (צייכענונג)

עטלעכע וואָכן האָט מען זיי ביידע געכאַפּט, ערגעץ אין קאַטאָוויץ אָדער אין ביעלסקאָ. די דייטשן האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַן עפנטלעכע עקזעקו־ציע ווי אַן אָפּשרעקנדן ביישפּיל פאַר אַלע לאַגעריסטן. אָבער זייער פּראָ־גראַם האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. מאַלאַ האָט זיך געהאַלטן זייער מוטיק און ווירדיק. שוין ווען מען האָט זי געפירט אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ (אַפּעל־פּלאַץ) האָט זי באַוויזן מיט אַ הויכער שטים צו דערציילן די אַרעסטאַנטן, אַז אויף דער פריי האָט זי זיך איבערצייגט, אַז די דייטשישע מפּלה און

די באַפרייאונג זענען נאָענט. איידער די דייטשן האָבן באַוויזן זי אויפ־צוהענגען, האָט זי שנעל אַרויסגעצויגן אַ פאַרבאַהאַלטענע זשילעטקע און האָט זיך איבערגעשניטן די אָדערן. דעם דייטשן ס. ס.־מאַן אַרבעטס־דינסטפירער ריטערס, וואָס האָט איר געוואָלט שטערן, האָט זי צוויי מאָל דערלאַנגט אין פּנים און געשריגן אויפן קול: „בעסטיעס!" די דייטשן האָבן זי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. זיי האָבן געוואָלט זי דערהאַלטן ביים לעבן, זיך נוקם צו זיין, און כדי זי נאָך עפּנטלעך פּייניקן — אָבער דאָס איז זיי נישט געלונגען. זיי האָבן פאַראָרדנט פאַר איר איינשפּריצונגען אויף שטאַרקן איר אויסגעבלוטיקטן אָרגאַניזם, אָבער די סאַניטאַרקעס — ריזיקירנדיק מיטן לעבן — האָבן איר אַריינגעשפּריצט מאָרפין און זי איז געשטאָרבן אַ רואיקן טויט (26.8.44).

מאַלאַס טויט האָט קיינעם נישט אָפּגעשראָקן. אויף דער צווייטער נאַכט זענען ווידער אַנטלאָפן צוויי פרויען.

כדי אָפּצושרעקן פון אַנטלויפן, האָבן די דייטשן אָנגעווענדעט אוי־סערסט באַרבאַרישע מיטלען, און אַ חוץ דעם פאַרשטאַרקט דעם סיסטעם פון שפּיאָנאַזש, שפּיצלײַ און פּראָוואָקאַציע. אַלס ביישפּיל ברענגען מיר צוויי כאַראַקטעריסטישע פאַלן:

„דעם 26סטן יאַנואַר 1944 האָט דער אַרעסטאַנט ישעיה אונגליק נר. 43645 צוגעזאָגט שוחד אַ שאָפער, ער זאָל אים אַרויספירן אינאַווענט מיט אַן אויטאָ, וואָס האָט געפירט האָלץ אין לאַגער. דער שאָפער האָט אים מיטגענומען אין אויטאָ און אַרויסגעפירט אין דעם אויטאָ־גאַראַזש. וואָס האָט זיך געפונען מחוץ דעם לאַגער. דאָרט האָט ער זיך געלאָזט פון אים באַצאָלן דאָס געלט און גלייך דערנאָך אים דערשאָסן. דעם מת האָט מען געבראַכט אין לאַגער, אַנידערגעזעצט אין אַ שטול לעבן אָרקעסטער ביים טויער און אַזוי איז ער געזעסן צוויי טעג אויף די אויגן פון אַלע אַרבעטס־קאָמאַנדעס, וואָס זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט".

„דעם 30 יולי 1944 זענען אַנטלאָפן: פראַנציישעק פּיעכאָוויאַק נר. 138.097, ד"ר וואַגשאַל נר. 160.351 און יאָסעק קעננער נר. 43.219. נאָך צוויי טעג האָט מען זיי געכאַפּט און מען האָט זיי מעורדערלעך גע־פּייניקט. פּיעכאָוויאַקן האָט מען צעבראָכן צוויי רעברעס און שטאַרק צע־קאַליעטשעט; אָבער ווייל ער איז געווען אַן „אַריער" האָט מען אים גע־

לאָזט לעבן און געשיקט אין שטראָף־קאָמאַנדע. דאַקעגן די צוויי יידן האָט מען עפנטלעך געהאָנגען. אַלע אַרעסטאַנטן האָבן געמוזט בייוווינען די עקזעקוציע" (ד"ר אַטאַ וואַלקען).

די דייטשן פלעגן די שרעקלעך מאַסאַקרירטע גופים פון די אומ־גליקלעכע, וואָס מען האָט זיי געכאַפּט ביים אַנטלויפן, אַנידערזעצן אָדער אויפהענגען ביים טויער מיט אַן אויפשריפט: „הוררא! מיר זענען שוין ווידער דאָ!" דאָס האָט געדאַרפט צונעמען ביי די איבעריקע דעם חשק צו אַנטלויפן.

סוף אָקטאָבער 1944 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אַנטלויפן פון פינף קאָמוניסטן פון לאַגער. די פליכטלינגע איז געלונגען אַרויסצוקומען פונעם לאַגער און קאָנטאַקטירן זיך מיט צוויי פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געקו־מען זיי צונעמען מיט אַן אויטאָ. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דער אוי־טאָ איז קאַליע געוואָרן און די גאַנצע גרופּע איז געכאַפּט געוואָרן דורך אַ מיליטערישן פּאַטראָל. די צוויי פּאַרטיזאַנער מיטן שאָפער זענען דער־שאָסן געוואָרן אויפן אָרט. די פינף אַנטלאָפענע (ערנסט בירגער, רודאָלף פרימעל, לודוויק וועסעלי, יוזעף פּיאָנטי און בערנאַרד סוויערשטשינא) האָט מען צוריקגעפירט צום לאַגער, איינגעשפּאַרט אין בלאָק 11 און דערנאָך עפנטלעך אויפגעהאָנגען דעם 30סטן דעצעמבער 1944.

דאָס איז געווען די לעצטע עפנטלעכע עקזעקוציע אין לאַגער, די פּאַרמשפּטע זענען געגאַנגען צום טויט מוטיק, אויסרופנדיק אַנטיהיטלע־ריסטישע לאָזונגען.

28. די יידן־פראַגע און יידישקייט אין לאַגער

ווי מיר האָבן שוין אָפט באַטאָנט, זענען די יידן געווען אין אַ גאַנץ אַנדערער לאַגע ווי אַלע אַנדערע תושבים פון די דייטשישע קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן. די דייטשן האָבן זיי באַהאַנדלט ווי די פאָראויס צום טויט פאַראורטיילטע. אין אַן ענלעכער לאַגע, אָבער דאָך אַ ביסל אַ בעסערע ווי די יידישע, זענען געווען בלויז די ציגיינער און די רוסישע געפאַנגענע.

אַ חוץ דעם איז געווען נאָך אַ באַזונדערער מאָמענט, וואָס האָט פאַר־

שווערט און פאַרביטערט דאָס יידישע לעבן אין לאַגער — דער אַנטיסע־מיטיזם. די לינקע אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַקעמפט דעם אַנ־טיסעמיטיזם — זעענדיק אין אים אַ געפערלעכן מיטל מצד די דייטשן צו דעמאָראַליזירן נאָך מער די לאַגער־מענטשן און צו ברעכן זייער אחדות. אָבער די השפּעה פון די לינקע אויף דער אַרעסטאַנטן־מאַסע איז נישט געווען קיין איבעריק גרויסע, בפרט אין ד ע ר הינזיכט. אין לאַגער האָבן זיך געפונען אַ סך פּאָליטיש אינדיפערענטע עלעמענטן, שמוגלערס, צופעליקע לאַגעריסטן, וואָס זענען דאָ אַריינגעפאַלן פון די פּאָליציאַישע גאַסן־כאַפּערייען א. אַ. וו. אויך די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן פון די פּוילישע רעכטע קאָנספּיראַטיווע גרופּירונגען האָבן אַרויסגעוויזן שטאַרק אַנטי־סעמיטישע טענדענצן.

באַזונדערס איז דער אַנטיסעמיטיזם געווען פאַרשפּרייט צווישן די פּאָליאַקן. דער פּוילישער שרייבער טאַדעאוש האָלוי, איינער פון די פירער אין דער געהיימער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין אָשוויענטשים שרייבט בפירוש: „אין דער פּוילישער גרופּע איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אַ טיפער אַנטיסעמיטיזם, אומבאַקאַנט אין אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אפילו מסכים געווען צו היטלערס פאַרברעכנס לגבי די יידן״.

דער אַנטיסעמיטיזם צווישן די פּוילישע אַרעסטאַנטן מוז באַטראַכט ווערן לויטן שטאַנדפּונקט פון זייער סאָציאַלער און פּאָליטישער דיפערענ־צירונג. דער פּראָסטער פּוילישער המון — די שמוגלערס, צופעליק גע־כאַפּטע עלעמענטן, די פּויערים, דעזערטערן פון דער צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד א. אַ. וו. — האָט פּראַקטיש און נישט ליב געהאַט די יידן. אויף זיי האָט שטאַרק משפּיע געווען די האַלטונג פון די דייטשן, וואָס האָבן זיך צו די יידן נישט אַנדערש געווענדעט ווי מיט אַזעלכע „צערטל״־ווער־טער: „איר דרעקיקעס יודנפּאַק״, „איר שמוציקע בהמות״, „יודען שוויי־נע״. זיי האָבן געזען, אַז יידן זענען דאָס אונטערשטע דנאָ פון דער אָש־וויענטשימער „געזעלשאַפט״, אַז זיי זענען פולקאָם שוצלאָז, ווערן געפּיי־ניקט און געטויט ערגער ווי די פליגן. נישט איינמאָל פלעגט מען אין אַ קריגערייַ צווישן אַ ייד און אַ פּאָליאַק הערן דעם „איבערצייגנדיקן״ אַר־גומענט לגבי די יידן: „איר וועט דאָך סיי ווי אַלע גיין צום קוימען״.

אַ יידישע אַרעסטאַנטקע, וואָס האָט געלעבט אין לאַגער פאַרשטעלט פאַר אַ פּאָלקע, דערציילט אַזאַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד:

„איינמאָל בין איך געווען אַן עדות פון אַזאַ מין מיינונגס־אויסטויש. דאָס איז געווען זומער־צייט 1944, ווען מ'האָט געברענגט טאָג און נאַכט טראַנספּאָרטן אונגאַרישע יידן צום גאַז אויף אַלעמענס אויגן. צוויי פּוילישע פרויען־אַרעסטאַנטקעס שמועסן אויף דער טעמע. איינע דריקט אויס איר שטעלונג: „ענדלעך מאַכט עמיצער אָרדענונג מיט די יידן. געלויבט איז גאָט, וואָס פאַר אונדז דערליידיקן דעם ענין די דייטשן". עטלעכע פון אונדז האָבן געוואָלט אויפן אָרט רעאַגירן, נאָר ס'איז אונדז פאַרלאָפן דעם וועג איר נאָענטסטע חברטע. דאָס ערשטע מאָל האָב איך זי געזען אין אַזאַ אויפגערעגטן צושטאַנד: „ווי אַזוי האָסטו דערצויגן דיינע קינדער? וואָס פאַראַ קריסטין ביסטו מיט אַזעלכע אָנשויאונגען? איבעריקנס, איך וויל נישט, אַז די דייטשן זאָלן וואָס נישט איז פאַר אונדז „דערליידיקן". אין אונדזערע פּוילישע ענינים וועלן מיר זיך אַליין אַן עצה געבן".

זינט יענעם אינצידענט, האָבן די צוויי פרויען אויפגעהערט מיטאַנאַנדער צו רעדן". (חנה קאַמפּעל)

עס זענען אויך געווען אויסנאַמספאַלן פון אַנשטענדיקער שטעלונג לגבי די יידן מצד... באַקאַנטע פּוילישע אַנטיסעמיטן. אַט, למשל, דער באַקאַנטער פירער פון דער פּוילישער ראַדיקאַל־אַנטיסעמיטישער אַקאַדעמישער יוגנט פאַר דער מלחמה, אַ באַקאַנטער יידן־פרעסער, יאַן מאָסדאָרף, האָט אין אָשוויענטשים תשובה געטון און אַרויסגעוויזן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג און הילפסבאַרייטשאַפט פאַר די יידישע קרבנות. מאָסדאָרף איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן, ווייל זיי האָבן אַנטדעקט זיין קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט אין לאַגער.

אין מערץ 1943 זענען אָנגעקומען אין לאַגער אַ גרופּע פרויען פון קראָקע, וואָס זייערע פּאַפּירן זענען פאַרלוירן געוואָרן אויפן וועג. צווישן זיי זענען געווען אַ סך יידישע פרויען, וועלכע האָבן זיך אַ דאַנק דעם דאָזיקן גליקלעכן צופאַל געקאָנט רעגיסטרירן ווי פּאָלקעס, געקראָגן דעם רויטן ווינקל מיטן אות „פּ" און אַזוי אויסגעמיטן דעם געווענלעכן יידישן גורל אין לאַגער. זייערע אמתע נעמען און אפילו פריערדיקע וווינונגען זענען געווען באַקאַנט אַ סך פּוילישע אַרעסטאַנטקעס, אָבער עס איז נישט

געווען קיין פאַל פון מסרן זיי צו די דייטשן. געווען אויך ענלעכע פאַלן אין אַנדערע פּרוויגץ־גרופּעס, וואָס פלעגן קומען קיין אָשוויענטשים (למשל נאָך דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד). עטלעכע צענדליקער יידישע פרויען האָבן זיך אַזוי אַרום געראַטעוועט אין לאַגער אויף „ארישע פּאַפּירן״ און זענען נישט געוואָרן פאַרראַטן דורך זייערע חברטעס.

אין אַלגעמיין איז אָבער די צאָל אַזעלכע „חסידי אומות העולם״ נישט געווען קיין גרויסע.

די נידערגעשלאָגנקייט און די אַטמאָספער פון שטענדיקער טויט־געפאַר, אין וועלכער די יידן האָבן געלעבט, האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף אַלע פאָרמען פון יידישן קאָלעקטיוון לעבן. קיין באַדינגונגען צו קולטי־ווירן יידישקייט (אין רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע פאָרמען) זענען אין אָשוויענטשים לחלוטין נישט געווען.

דורך דעם אָשוויענטשימער לאַגער זענען אויף זייער וועג צו דער יאַז־קאַמער דורכגעגאַנגען אַ סך באַקאַנטע יידישע פּערזענלעכקייטן (למשל דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער איז פון וויטעל געשיקט געוואָרן קיין דראַנסי און פון דאָרטן דעם 20סטן אַפּריל אַוועקגעשיקט געוואָרן צום טויט קיין מזרח, העכסטוואַרשיינלעך קיין אָשוויענטשים). פאַרשי־דענע פאַרשטייער פון יידישן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן אין אָשוויענטשים געווײלט אַ געוויסע צייט, איידער מען האָט זיי געשיקט צום טויט. צוזאַמען מיט זייערע קהילות זענען געבראַכט געוואָרן אַ סך רבנים. פאַליאַקן האָבן דערציילט, אַז זיי פלעגן אין אוישוויץ זען אַלטע יידן און רבנים פון פאַרשידענע מקומות. מיר האָבן שוין דערמאָנט אַ גרופּע גריכישע רבנים, וואָס די דייטשן האָבן געהאַלטן אין לאַגער צו אַ ספּעציעלן צוועק אַ לענגערע צייט אין שטרענגער איזאָלירטקייט. עס איז זיכער, אַז אַ סך יידישע רעליגיעזע, גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע מנהי־גים האָבן געפונען זייער טויט אין אָשוויענטשים. עס איז כדאַי איבער־צוגעבן ביי דער געלעגנהייט עטלעכע עפּיזאָדן פון פּוילן, וועגן וועלכע עס האָבן זיך צופעליק דערהאַלטן ידיעות.

סוף 1940 האָט מען געשיקט קיין אָשוויענטשים די קראָקאָווער רבנים ר׳ שמואל קאָרניצער, ר׳ שבתי׳לע ראַפּאַפּאָרט, די יידנרעטלער שמואלקע מאיר און ד״ר לייכטער, דעם עסקן מאיר פרידריך, ווייל זיי

זענען געגאַנגען בעטן דעם קראָקאָווער בישאָף אַדאַם סאַפּיעהאַ, ער זאָל זיך באַמיען אָפּווענדן די גירוש־גזרה פון די קראָקאָווער יידן. אַלע זענען זיי אין אָשוויענטשים געשטאָרבן.

פאַר מאַכן אַ מנין אין בית־המדרש האָבן די דייטשן אַוועקגעשיקט קיין אָשוויענטשים זיבן יידן פון קזשעשאָוויץ (לעבן קראָקע), צווישן זיי דעם יידנראַטלער פּילער.

די דייטשן פלעגן איינאָרדענען גאַסן־כאַפּעריִיען אויף יידישע רע־ליגיעזע יונגעלייט און אָן אַ פאַרוואָס, סתם אַזוי, אַוועקשיקן זיי קיין אָשוויענטשים. אויף אַזאַ אופן האָט מען, למשל, אין אַ גאַסן־כאַפּעריי אין טאַרנע אַוועקגענומען קיין אָשוויענטשים דעם חתן פון ראַדאָגורער רבין ר׳ הערשקע וואָלף פאַרנאַס (דעם 12־טן סעפּטעמבער 1940).

דעם באַאַמטן פון דעם קראָקאָווער יידן־ראַט, אהרון מאַרקוס, אַן אייניקל פון ר׳ אהרון מאַרקוס, בעל „החסידות״, האָט מען געשיקט קיין אָשוויענטשים, ווייל ער האָט געהאָלפן בשעת דער גירוש־גזרה אין קראָקע, געבנדיק רייזע־אויסווייזן פון יודן־ראַט צו באַנוצן די אייזן־באַן. ער איז אומגעקומען אין אָשוויענטשים.

דעם פרעזעס פון יידן־ראַט אין סאַנדעץ, יעקב מערין, האָט מען סוף 1940 יאָר אַרעסטירט צוליב אַ סכסוך מיט דער געשטאַפּאָ און אַוועקגע־פירט קיין אוישוויץ. דאָרט האָט מען אים שרעקלעך געפּייניקט, אַריינ־געלייגט אין אַ וואַנע מיט זידנדיק וואַסער א. א. וו.. ביז ער איז פאַר ווייטיק געשטאָרבן.

די דייטשן האָבן אין לאַגער שטאַרק גערודפט יעדע מאַניפעסטאַ־ציע פון רעליגיעזן גייסט, פון וועלכער ס׳זאָל נישט זיין אמונה. קריסט־לעכע הייליקע בילדער און מעדאַליאָנען האָט מען אַריינגעשמיסן דע־מאָנסטראַטיוו אין צואה, דאָס זעלבע האָט מען געטון מיט יידישע תשמישי קדושה. געבעט־ביכער, סידורים האָט מען גענוצט ווי קלאָזעט־פּאַפּיר, פון גלחים־קליידער, פון טליתים האָט מען געמאַכט קליי־דער פאַר די זונות אין דעם לאַגער־באָרדעל.

קיין חידוש נישט, אַז אין די דאָזיקע לאַגער־באַדינגונגען האָבן זיך אַ סך רעליגיעזע יידן אָפּגעהאַלטן אָפּצוהיטן יידישע דינים און מנהגים אינמיטן פון אַזאַ שרעקלעכער טומאה.

ג. כהן, אַ יידישער אַרעסטאַנט פון פראַנקרייך, דערציילט, אַז זומער 1944 זענען געקומען קיין אָשוויענטשים פּוילישע רבנים, וועלכע מען האָט ביים אָפּטרעטן עוואַקואירט אַהין פון אַנדערע פּוילישע קאַצעטן. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַסטן אין יום־כפּור און דערקלערט פאַר די אַנדערע יידן, וואָס האָבן יאָ באַשלאָסן צו פאַסטן: „פאַר אונדז איז יום־כפּור יעדער טאָג״.

וועגן דעם זעלבן יום־כפּור 1944 דערציילט דער געוו. אָשוויענטשימער אַרעסטאַנט י. ראַטענבערג:

„איך דערמאָן מיך דעם לעצטן ערב־יום־כפּור אין אָשוויענטשימער לאַגער. די פרומע פּוילישע און אונגאַרישע יידן האָבן זיך געגרייט צום דאַווענען און פאַסטן, ביי באַדינגונגען, וואָס זענען געווען שלעכטער און שווערער ווי ביי די מאַראַנען אין שפּאַניע. קליינע גרופּקעלעך אויסגעדאַרטע און אויסגעהונגערטע יידן האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן; שטיל און טרויעריק האָבן זיך דערהערט די ערשטע ווערטער פון כל־נדרי. קיין זאַך האָט נישט אָנגעזאָגט, אַז די תּלינים גרייטן צו אַ שרעקלעכן קלאַפּ אויף דער דאָזיקער נאַכט. פּלוצלינג האָבן מחנות צעיושעטע ס. ס.־לייט און קאַפּאָס זיך אַריינגעריסן פון אַלע זייטן מיט שווערע שטעקענעס אין זייערע הענט און ווילד געשריען: „אַלעם אַרויס״. נאָך איידער עמיצער האָט געהאַט צייט צו מאַכן וועלכע עס איז באַוועגונג, האָט זיך אַ האָגל קלעפּ געלאָזן פאַלן איבער אונזערע קעפּ. ביי אַן אומבאַשרייבלעכער פּאַניק האָט זיך אַלץ געמוזט אויסטון נאַקעט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די טרויעריקע סעלעקציע פאַר די קרעמאַטאָריעס״.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָבן דאָ און דאָרט אויפגעפלאַקערט שוואַכע פלעמלעך פון יידישקייט אין לאַגער, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַרשידענע פאָרמען, ביי אייניקע דורך אָפּהיטן געוויסע יידישע מנהגים און רעליגיעזע געבאָטן, ביי אַנדערע דורך קולטיווירן יידישע ליטעראַרישע טראַדיציעס, איינאָרדענען שטילערהייט — בסתר — ליטעראַרישע אָוונטן און רעציטאַציעס.

אָט וואָס עס דערציילט וועגן יידיש רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן לעבן אין אָשוויענטשימער גיהנום אַן אַרעסטאַנטקע, וואָס האָט דאָרט געלעבט

זוי אַן „אַריערין" און אָבסערווירט געוויסע דערשיינונגען, כלומרשט פון דער זייט:

„איינמאָל אין אָוונט, ליגנדיק מיד נאָך דער אַרבעט אויף מיין גע־לעגער, דערהער איך פּלוצלינג פון אַ צווייטן בלאָק, ווו ס'זווינען יידישע פרויען, אַ מעלאָדיע. די מעלאָדיע איז מיר געווען נאָענט, זי האָט מיר צוגענומען מיין רו און צעשטערט מיין גאַנצן גייסטיקן גלייכגעוויכט. גע־זונגען האָבן זיי די „התקוה" און נאָך אַנדערע העברעאישע לידער. די לידער האָבן פון מיין נשמה אַרויסגעצויגן אַלע מיינע זכרונות. טיף פאַר־שטעלטע אין מיינע געדערמעס, ווייל איך האָב דאָך תמיד מורא געהאַט, אַז ס'זאָל חלילה נישט פאַלן קיין חשד אויף מיין „אַרישקייט"... ענדלעך, דעם צווייטן טאָג האָב איך געפּאַסט מוט און געפונען אַ געלעגנהייט צו פרעגן אַ יידיש מיידעלע: „וואָס האָט איר עפּעס נעכטן אַזוי לאַנג געזונ־גען?" האָט זי אויף מיר אַ קוק געטון מיט טרויעריקע אויגן און גע־זאָגט: „פאַר אייך איז דאָס מאָדנע, אָבער פאַר אונדז איז דאָס, טאַקע אין סאַמע ווינטער, געווען דער יום־טוב פון פרילינג. אין ארץ ישראל הויבן אָן איצט אָקאָרשט צו בליען די ביימער. ביי אונדז איז פאַראַן אַ גרופּע מיידלעך פון אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר זיך נעכטן נאָך דער אַרבעט צוזאַמענגענומען און געזונגען העברעאישע לידער". פון די דאָזיקע ווערטער אירע האָב איך מיך געכאַפּט, אַז דאָס איז געווען חמשה עשר בשבט" (זכרונות פון חנה קאַמפּעל).

די זעלבע חנה קאַמפּעל דערציילט אויך וועגן אַ פּסח אין אָשוויענ־טשים „איך האָב געאַרבעט ביים שיילן קאַרטאָפל. איינמאָל קומט צו מיר אַריין אַ יידיש מיידל און בעט מיך: היות ווי ס'איז פּסח ביי יידן און זי מיט עטלעכע אירע חברטעס האָבן באַשלאָסן נישט צו עסן קיין ברויט, בעט זי מיך איר צו געבן גרעסערע פּאַרציעס קאַרטאָפל, דערפאַר וועל איך קריגן זייער ברויט".

אַ גרופּע דייטשישע יידישע פרויען און מיידלעך איז עס געלונגען אָפּצופּאַסטן אַ יום־כפור, כאָטש די דייטשישע אויבער־אויפזעערין האָט זיי דערפאַר אויסגעלאַכט און חוזק געמאַכט פון זיי. (זכרונות פון גרעטע שולץ, אַרכיוו פון צ. יי. ה. ק.) אָבער דאָס זענען געווען אויסנאַמס־פאַלן. אַז דייטשן זאָלן זיך האָבן באַגנוגנט בלויז מיט אויסלאַכן פאַר פראַווען

יידישע מנהגים. אָפטמאָל האָבן זיי די יידן שווער באַשטראָפט דערפאַר. חנה קאמפעל דערציילט וועגן יום־כפור 1944: „צו אונדז אין קיך האָט מען צוגעטיילט צום שיילן קאַרטאָפל אַ צאָל יידישע פרויען און מיידלעך, ס'רוב אונגאַרישע, פון אַ פרישן טראַנספּאָרט. פריש אָנגעקומען, האָבן זיי זיך נאָך נישט אָריענטירט ווי געהעריק אין די לאַגער־באַדינגונגען און געטון אַ נאַאיוון שטות. זיי האָבן געשיקט פאַר יום־כפור אַ דעלעגאַציע צו דער אויפזעערין פראַנץ, לייטערין פון דער קיך און זי געבעטן צו באַפרייען זיי יום־כפור פון דער אַרבעט, ווייל זיי האָבן בדעה צו פאַסטן און וועלן דעריבער נישט האָבן קיין כוח צו אַרבעטן. די אויפזעערין פראַנץ האָט די גאַנצע דעלעגאַציע תיכף אַוועקגעשיקט אויף שטראָף אַרבעט, פאַראָרדנט פאַר אַלע יידישע פרויען אַ צוואַנגס פאַסטן, געגעבן זיי אינעם דאָזיקן טאָג אַ ספּעציעלע שווערע אַרבעט און דערצו נאָך דער אַרבעט געמאַכט מיט זיי „ספּאָרט" (שפרינגען און „זשאַבקעס אין דער בלאָטע").

די אַלע שיקאַנעס האָבן די יידן נישט אָפּגעשראָקן צו האָדעווען זייערע באַזונדערע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע טראַדיציעס, דאָרט ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. אין דעם אויסן לאַגער מאַנאָוויצע, ווו די באַוואַכונג איז פאָרט נישט געווען אַזאַ שטרענגע ווי אין אָשוויענטים 1 און 2, האָט מען אַפילו איינגעאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן, רעציטאַציעס פון שלום־עליכם, פּרץ, מאַנגער, געבירטיק א. אַנד. (זכרונות פון פּנחס אַבראַמאָוויטש, פּראָטאָק. פון דער צ. יי. ה ק.).

29. דער סוף פון דער אָשוויענטשימער מתים־פאַבריק

די דייטשן האָבן זיך לאַנג און סיסטעמאַטיש געגרייט צו דער ליקווידאַציע פון אָשוויענטשים.

שוין דעם 2טן סעפּטעמבער 1944 איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון בערלין, מען זאָל אויפהערן צו גאַזירן און ברענען די מתים (דער דאָזיקער באַפעל איז געוואָרן רעאַליזירט ערשט אין נאָוועמבער 1944). די פאָלגנדיקע סיבות האָבן אויף דעם באַפעל משפיע געווען:

1. גראָד אין יענער צייט האָט די פּוילישע און סאָוועטישע מאַכט

פאַרנומען אין אַן אומבאַשעדיקטן צושטאַנד דעם לאַגער מאַידאַנעק ביי לובלין און אַרעסטירט עטלעכע מאַידאַנקער פאַרברעכער. דער מאַידאַנעקער פּראָצעס, וואָס האָט זיך באַלד נאָכדעם אָנגעהויבן, האָט אויפגעטרייסלט די עפנטלעכע מיינונג פון דער גאַנצער וועלט.

2. די זיגרייכע אָפּענסיווע פון די פאַרבינדעטע מלוכות אין מזרח און מערב, דאָס אָנווערן פון גרויסע ערד־שטחים מיט מיליאָנען אַרבעטסהענט האָבן געצוווּנגען די דייטשן אָפּצושטעלן די צעיושעטע טויט־מאַשין, כדי נישט אָנצוּווערן נאָך ווייטערע אַרבעטער־רעזערוון.

3. די דייטשן האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון דער שטראָף, וואָס דערוואַרט זיי פאַר זייערע שוידערלעכע פאַרברעכנס.

4. אין שייכות מיט דעם, וואָס דער ענין פון די עקלדיקע און מאַסנהאַפטע מאָרדן האָט שוין באַקומען אַ שם, האָט מען דערוואַרט אַ באַזוך אין לאַגער מצד אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע. און אַפילו פאַר אַן „אינטערנאַציאָנאַלער" קאָמיסיע, וואָס דאָס דייטשישע פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום וועט אַליין צונויפשטעלן, האָט מען דאָך אויך באַדאַרפט ווייזן לכל־הפחות „**פּאַטיאָמקינשע דערפער**".

אין אַלע שרייב־שטובן האָט מען אין איילעניש גענומען ברענען דאָקומענטן. אויף אַ פיבערהאַפטן אופן האָט מען דעמאָנטירט און אויפגעריסן די קרעמאַטאָריע־איינריכטונגען.

די אַלטע קרעמאַטאָריע 1. אין אוישוויץ־שטאַמלאַגער האָט מען נאָך אין מאַי 1944 איבערגעאַרבעט אויף אַ לופט־שוץ־בונקער. די קרעמאַטאָריע איז פאַרברענט געוואָרן בעת דעם אויפשטאַנד פון דער זאנדערקאַמאַנדע (סעפּטעמבער אָדער אָקטאָבער 1944). אין נאָוועמבער 1944 האָט מען דעמאָנטירט די קרעמאַטאָריע 2. און 3. און אַרויסגעשיקט אַ טייל איינריכטונגען קיין גראָס־ראָזען, אין דאָרטיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער (טאָמער וועט דאָך גאָט העלפן און מען וועט קענען דאָרט פאָרזעצן די פּראָדוקציע!). די געביידעס האָט מען אויפגעריסן. די קרעמאַטאָריע 1. האָט מען פאַרברענט און אויפגעריסן די מויערן ערשט דעם 20סטן יאַנואַר 1945.

אַפילו לגבי די יידן האָט מען געביטן די באַציאונג: דעם ספּעציעלן יידן־צייכן (מגן־דוד) האָבן די דייטשן מבטל געמאַכט און איבערגעלאָזט

בלויז אַ קליינעם געלן פּאַסעקל איבער דעם אַרעסטאַנטן־ווינקל. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ טראַנספּאָרט מיט קראַנקע יידן איז געשיקט געוואָרן נישט צום טויט, נאָר אין שפּיטאָל. אין אָוונט האָבן די קראַנקע אַרעסטאַנטן באַקומען צוגאָב־פּאָרציעס זופּ. די זאָרג פאַר די קולטורעלע הצטרכותן פון די אַרעסטאַנטן איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מ'האָט זיי געלאָזט פון צייט צו צייט איינאָרדענען אַ קינאָ־ספּעקטאַקל, קאַבאַרעט אָדער קאָנצערט.

צו וועלכער מדרגה פון „דיאַלעקטישקייט" ס'איז דערפירט געוואָרן די דייטשישע פּאָליטיק לגבי די אַרעסטאַנטן, נאָך די מפּלות אויפן מזרח־ און מערב־פראָנט, באַווייזט די פאָלגנדע טראַגי־קאָמישע געשיכטע, וואָס האָט זיך ליידער טראַגיש פאַרענדיקט.

דעם 13טן סעפּטעמבער 1944 האָבן אַמעריקאַנישע פליער באָמ־באַרדירט דעם אָשוויענטשימער לאַגער און שווער פאַרוווּנדעט אַ געוויסע צאָל אַרעסטאַנטן. מ'האָט זיי געבראַכט אין שפּיטאָל און דער קאָמענדאַנט האָט פאַר די „קרבנות פון אַמעריקאַנישן באַרבאַריזם" צוגעשיקט בלומען און שאָקאָלאַד. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אין לאַגער פאָרגעקומען אַ סעלעקציע און די קרבנות פון אַמעריקאַנישן אָנפאַל, איבער וועלכע מ'האָט זיך ערשט נישט לאַנג אַזוי צעיאַכמערט, זענען, ווי דער אָשוויענטשימער שטיינער איז געווען, אָפּגעפירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן.

בהדרגהדיק האָט מען אָנגעהויבן צו עוואַקואירן פון לאַגער די „אַרישע" אַרעסטאַנטן און זיי שיקן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

אָנפאַנג 1945 איז דער פּראָצענט אַרישע אַרעסטאַנטן אין לאַגער געווען אַ מינימאַלער. אויך אַ געוויסע צאָל יידן האָט מען עוואַקוירט. אַזוי אַרום האָט זיך די צאָל לאַגעריסטן שטאַרק פאַרקלענערט.

דעם 17טן יאַנואַר 1945 איז פאָרגעקומען דער לעצטער נאָרמאַ־לער אַפּעל פון אַלע אַרעסטאַנטן פון אָשוויענטשים 1, 2, 3. ביי דעם אַפּעל האָט מען פעסטגעשטעלט די צאָל געבליבענע אַרעסטאַנטן: 48.342 מע־נער, ביי 16.000 פרויען און 96 רוסישע קריגס־געפאַנגענע. צומאָרגנס איז פאָרגעקומען די עוואַקואַציע פון לאַגער. אַלע געזונטע אַרעסטאַנטן האָבן געמוזט צופוס פאַרלאָזן דעם לאַגער און אונטער אַ שטרענגער עס־קאָרטע גיין אויף מערב. אויף אַזאַ אופן האָבן דעם לאַגער פאַרלאָזט

58.000 מענטשן. אַ פינף־זעקס טויזנט קראַנקע און אומפעאיקע צום מאַרש זענען פאַרבליבן אויפן אָרט. ביים אַוועקגיין האָבן די דייטשן אונ־טערגעצונדן די גרויסע סקלאַדעס מיט מלבושים („קאַנאַדע"). די שרפה פון עטלעכע און צוואַנציק סקלאַדעס האָט געדויערט 5 מעת לעת.

ס'האָבן זיך שפּעטער נאָך צונויפגעקליבן עטלעכע מאָל באַוויזן אין לאַ־גער אַנטלויפנדיקע דייטשישע זעלנער־גרופּעס. זייער שטעלונג אָבער לגבי די אַרעסטאַנטן איז געווען אַ נישט אַנטשלאָסענע: זיי האָבן קיין מוט נישט געהאַט דורכצופירן די ליקווידאַציע פון די פאַרבליבענע אַרעס־טאַנטן. איינמאָל האָבן זיי זיך באַגנוגנט מיט דערשיסן 5 קרבנות.

דעם 25סטן יאַנואַר, אַרום 4 אַזייגער נאָכמיטאָג, האָט זיך אין לאַגער באַוויזן אַ גרופּע געשטאַפּאָווצעס און ס. ד. (זאָנדער־דינסט) פון אַ 120 מאַן בערך. אַ טייל פון זיי האָט אַרומגערינגלט דעם לאַגער פון דרויסן, די איבעריקע זענען אַריין אין לאַגער און געצוואונגען די אַרעסטאַנטן אַרויסצוגיין פון די בלאָקן און זיך אויסשטעלן פאַרן טויער. אויך די שווער־קראַנקע האָט מען געהייסן אַרויסגיין צום זאַמל־פּונקט, דערקלערנ־דיק, אַז מען וועט זיי אַוועקטראַנספּאָרטירן מיט אויטאָס.

קיין אויטאָס זענען אין דער אמתן נישט געווען. די געשטאַפּאָווצעס זענען געווען באַוואָפנט מיט מאַשין־ביקסן, אַווטאָמאַטן און אַווטאָמאַ־טישע פּיסטאָלעטן. ס'איז קיין ספק נישט געווען, אַז זיי האָבן געהאַט בדעה אַלעמען אויסצומאָרדן. אָבער אין דער לעצטער מינוט איז אָנגעקומען אַ פּאַסאַזשיר־אויטאָ, פון וועלכן ס'זענען אַרויסגעשטיגן צוויי געשטאַפּאָ־אָפּי־צירן. זיי האָבן עפּעס איבערגערעדט מיטן אָנפירער פון דער עקזעקוציע־אָפּטיילונג. נאָכדעם האָבן זיך אַלע געשטאַפּאָווצעס אין איילעניש צו־ריקגעצויגן.

פון די באַן־אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן געאַרבעט אויף דער באַן־סטאַנציע אָשוויענטשים, האָט מען זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז די גרופּע דייטשן האָט גע־זאָלט אָפּפאָרן 7 אַזייגער אין אָוונט מיט דער באַן, נאָר עפּעס אַ סאָוויע־טישע פּאַנצער־גרופּע האָט זיך אַריינגעריסן אין רוקן פון די דייטשן און זיי געשטעלט אין אַ סכנה אָפּגעשניטן צו ווערן. דעריבער זענען די גע־שטאַפּאָווצעס אַוועק אַזייגער 5.

די דאָזיקע 2 שעה האָבן אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן פון 5.000 קראַנקע אַרעסטאַנטן אין די לאַגערס אָשוויענטשים, בזשעזשינקי און מאָנאָוויצע.

אין איינעם פון די אויסן־לאַגערן (אין דער קוילן־גרוב פירסטנגרובע) האָבן די דייטשן באַוויזן צו פאַרברענען אין די באַראַקן לעבעדיקערהייט אַלע קראַנקע קאַצעטניקעס.

שבת דעם 27סטן יאַנואַר 1945 זענען אַריין אין לאַגער די ערשטע סאָוועטישע זעלנער. ס'איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דער קאָשמאַר. די קלעפּ פון דער באַפרייאונגס־אַרמיי האָבן צעשמעטערט דעם טויט־לאַגער אין אָשוויענטשים, דעם סימבאָל פון בייז און פאַרניכטונג.

מיט טרערן אין די אויגן האָבן 5.000 אויסגעמאַטערטע מענטשן־סקעלעטן באַגריסט זייערע באַפרייער.

נאָר אַ קליינע צאָל פון די באַפרייטע קאַצעטניקעס איז געווען אימשטאַנד גלייך נאָך דער באַפרייאונג צו באַנוצן זיך מיט זייער פרייהייט און אַוועקגיין פון אָשוויענטשים. דער איבערוועגנדיקער טייל איז געווען אַזוי קראַנק און אויסגעמאַטערט, אַז זיי האָבן געמוזט בלייבן חדשים־לאַנג אויפן אָרט אונטער מעדיצינישער באַהאַנדלונג. די דעלעגאַציע פון צענטראַלן קאָמיטעט פון סאָציאַלער הילף, וואָס איז געקומען פון לובלין קיין אָשוויענטשים אָנהויב פעברואַר 1945, האָט דאָ אָנגעטראָפן אין אוישוויץ 1. 1.230 מענטשן, אין בירקענוי 2.400 און אין מאָנאָוויץ 660 אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער דערשעפּונג.

איבער 5.000 מענטשן, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון דער ערגסטער מאָרד־פאַבריק אויף דער וועלט, באַשולדיקן מיט אַ מעכטיקער שטים די טייוולאָנישע היטלעריסטישע פאַרברעכער.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט זענען דערשינען

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן ציַיטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספארקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין (אויספארקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן (אויספארקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספארקויפט)
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו (אויספארקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ (אויספארקויפט)
16) קינדער־מארטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים (לידער)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּארטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פארצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טײַטלבוים: ווארשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: א וואנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן ווארשע)
28) ש. איזבאַן: „אומ־עגאַלע” יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין פאבריק פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאצענעלסאָן - נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס-לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר חיים שאָשקעס: א וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48) ש. איזבאן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) ערשטער באנד
49) ש. איזבאן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן) צווייטער באנד
50) ד״ר א. מוקדוני: מיינע באַגעגעניש (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פאַרן לעבן
54) יצחק פּערלאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאן)
55) פנחס ביזבערג: שבת יומטובדיקע יידן
56) שלום אש: פּעטערבורג (ראָמאן)
57) שלום אש: ווארשע (ראָמאן)
58) שלום אש: מאָסקווע (ראָמאן)
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

חיים גראַדע: שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך.
דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן)
בעלכאטאָוו (זאמל־בוך)
בער י. ראָזען: טלאָמאצקע 13
אליהו טראָצקי: גלות דייטשלאַנד
מרדכי שטריגלער: ווערק „צע"
נחמן מייזיל: געווען אמאָל א לעבן...

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פוילישע יידנטום

•

לעאָ פינקעלשטיין שרייבט צוו. אַנד. וועגן נחום סאָקאָלאָוו — „פערזענלעכקייטן" („דער וועקער", ניו־יאָרק, 1טער אויגוסט 1949):

ביים איבערגאַנג פון דער השכלה צום יידיש־נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אין מזרח־אייראָפּע זיינען אויפגעקומען צוויי גרויסע נעמען, וואָס פילן עד היום אָן יעדן פוילישן ייד מיט פרייד און שטאָלץ: י. ל. פרץ און נחום סאָקאָלאָוו. ביידע זיינען נתגלה געוואָרן אין וואַרשע. **דער** ערשטער איז, אויסער קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, אויך געווען דער פאָנען־טרעגער פון דער ראַדיקאַלער פאָלקסטימלעך־יידישיסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך לסוף פּאָליטיש אויסגעקריסטאַליזירט — אין „בונד". דער צווייטער איז, אַ חוץ פיינער פעליעטאָניסט, גלענצנדיקער עסעאיסט און וויסנשאַפטלער, אויך געווען מנהיג פון דער העברעאיסטישער באַוועגונג, וואָס האָט לסוף באַקומען איר פּאָליטישן תיקון — אין ציוניזם. פּרצס גייסטיקע פיזיאָנאָמיע האָט זיך אויסגעשיילט ערשט אין זיינע ווייט־רייפע יאָרן. דאַקעגן נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך קונה שם געווען שוין אין זיינע גאָר יונגע יאָרן. ווי אַ בליץ איז איבער די פאַרהוויקערטע פוילישע שטעטלעך אַדורך די ידיעה וועגן „ווישעגראָדער עילוי".

מיט דעם נאָמען „עילוי" איז מען אין יידישן לעבן געווען שטאַרק איינגעוווינט. ס'זיינען באַקאַנט: דער „ראָגאַטשאָווער עילוי" (ר' יאָשע דינאַבורגער), „וואַרשעווער עילוי" (ר' יצחק מאיר אַלטער), „ביאַלער עילוי" (ר' אברהם באָרנשטיין), „דאָגער עילוי" (בן־ציון כ"ץ), „פּראַגער עילוי" (ר' מנחם זעמבע און שפּעטער אויך שמחה פּעטרושקע). א. אַ. וו. י. ל. פרץ כאַראַקטעריזירט זיך אַליין אין דער באַלאַדע „מאָניש" ווי אַ „זאַמאָשטשער עילוי". דער ראָגאַטשאָווער, וואַרשעווער און ביאַלער זיינען שפּעטער געוואָרן באַקאַנטע גאונים.

צו די עילוים האָט מען זיך געוועלעך באַצויגן מיט גרויס דרך ארץ. מ'האָט אויף זיי געלייגט גרויסע האָפענונגען, אָבער נישט שטענדיק זיינען די האָפענונגען מקוים געוואָרן. מ'פלעגט זיך אַפילו לייכט וויצלען וועגן נישטדערפאָרענע עילוים. וועגן סאָכאַטשאָווער גאון, ר' אברהמלע באָרנשטיין, דערציילט מען אַז ווען ר'איז נאָך געווען אַ יינגל פון אַכט יאָר, האָט ער שוין פאַרקלונגען די לומדישע וועלט ווי אַן עילוי. ווען ר' חיים סאַנדזער האָט געהערט, אַז אין קאָנגרעספוילן איז דאָ אַן עילוי, איז ער באַלד אַריבערגעפאָרן קיין גרויס־ביאַלע צו פאַרהערן ס'יינגל, זיך איבערצייגן צי ר'איז טאַקע אַן עילוי און אויב יאָ — אים שוין „נעמען פאַר אַ חתן". בעתן פאַרהערן ס'יינגל, איז ר' חיים שטאַרק נתפעל געוואָרן. אַ קליינינקייט ווי אברהמל בליצט עס מיט בקיאות, ווייזט אַרויס חריפות און קייטלט בליציק איין מסכתא מיט אַן אַנדערער.

כדי אבער דער פאטער פון יינגל, דער ביאלער רב, זאל זיך נישט בלאזן און שטיין אין גרויסן, האט ר׳ חיים זיך באמיט פלאטשיק צו מאכן דעם עסק און געזאגט אין אנוועזנקייט פון יינגל:

— נו יא, אוודאי איז ער אן עילוי, טאקע א ווילדער עילוי, אבער וואס קומט דערפון ארויס? פון אנהויב זיינען די עילוים שארף־שארף, אבער שפעטער ווערן זיי אינגאנצן פארטעמפט.

— פעטער — רופט זיך אן דער קליינער אברהמל — איר האט אמאל געמוזט זיין אן עילוי . . .

געוויינלעך זיינען עילוים לאקאלע, מ׳רופט זיי לויט די שטעט פונוואנען זיי שטאמען. נחום סאקאלאוו איז אבער אינגיכן געווארן דער פוילישער עילוי און איז ווי אזעלכער געווען באקאנט אין דער ברייטער יידישער און נישט־יידישער וועלט. ער איז אבער לאנג נישט פארבליבן אין בית המדרש און נישט געקאנט דערגיין די גאונישקייט אויפן געביט פון ש״ס און פוסקים. ער האט דעריבער ווייטער געפרוווט זיין עילווישקייט אויף אנדערע געביטן. ער האט טאקע אינגיכן אויפגעגלאנצט ווי אן עילוי אין דער השכלה, פובליציסטיק, פעליעטאניסטיק, היסטאריאגראפיע, ליטעראטור־קריטיק, פאליטיק, רעדנער־קונסט און אפילו אין דער סאלאן־אונטערהאלטונג.

שפעטער, ווען ער איז אוועק אין דער ברייטער וועלט, זיך געחברט מיט גרויסע לייט, באזוכט מלכים, פרעזידענטן און פויפסטן, איז דער אפקלאנג דערפון אין די יידישע שטעטלעך געווארן לעגענדאריש. אין פוילן האבן זיך מאמעס געבענטשט מיטן נאמען נחום סאקאלאוו, אים גענומען פאר א מוסטער פון א געראטן קינד.

כאטש נחום סאקאלאוו איז ווייט אוועק פון בית המדרש און האט מער ווי א העלפט פון זיין לעבן פארקערט אין מערב־אייראפע צווישן וועלט־פאליטישער, שטאטסלייט און אינטעלעקטואלן, איז אים פונדעסטוועגן כסדר נאכגעגאנגען די ערשטע ווערסיע פון זיין עילווישקייט — סיבית המדרש. ער איז דאס אויך אליין מודה. זיין עילווישקייט איז אייגנטלעך באשטאנען אין אויפגייערישער פענאמענאלקייט ביים צונויפשמעלצן קעגנזאצן אדער שפאלטן איינהייטלעכקייטן. ער איז אויף יעדן געביט פריש, אמביציעז און ממילא עקספאנסיוו; ער קאן זיך קיינמאל נישט זעטיקן, וויל אלץ פארשלינגען. פון דאנען שטאמט זיין פילזייטיקייט. ער שווימט איבער א סך געביטן. אט שרייבט ער אן די געשיכטע פון אנטיסעמיטיזם („שנאת עולם לעם עולם״), א היסטארישע נאוועלע וועגן תוספות יום־טוב („צדיק ונשגב״), א געאגראפיע („ארץ חמדה״), א ליטעראטור־געשיכטע („תולדות ספרות ישראל״), א ביאגראפישן שרייבערלעקסיקאן („ספר זכרון״), צוויי בענד געשיכטע פון ציוניזם (אויף ענגליש), דריי בענד „פערזענלעכקייטן״ („אישים״), א היסטאריש־פילאזאפישע מאנאגראפיע וועגן ברוך שפינאזע („ברוך שפינוזה וזמנו״). ער איז געווען צעווארפן איבער א סך געביטן און ס׳איז אים דעריבער געווען שווער זיך קאנצענטרירן און פארטיפן די באהאנדלטע פראבלעמען. זיינע טעמעס האט ער ווינציק אנאליזירט, נאר ס׳רוב עילויש אויפגעווארפן, תמיד געשטרעבט חריפותדיק עפעס מחדש צו זיין און אזוי ארום — אייננעמען די וועלט . . .

סאקאלאוו איז אויף זיין גאנץ לעבן פארבליבן אן עילוי מיט פערספעקטיוו אין דער צוקונפט... ער בליצט מיט שפראך־אויפטורישקייט, בלענדט מיט אויסטערלישער ערודיציע, ער בליצט אין פעליעטאן, בליצט אין א קאנגרעסרעדע, אין אן אינטערוויו איבערראשט ער מיט א געפליגלט ווארט. ס׳איז אבער נישט זיכער, צי ער קאן זיך לעגיטימירן מיט רייפע קאנסטרוקטיווע ארבעטן.

פאר דער מלחמה האט מיר „סאציעטאס־ספינאזאנא" אין ווארשע איבערגעגעבן צו רעפערירן די שוין דערמאנטע סאקאלאווס שפינאזע־מאנאגראפיע. איך האב זיך דערצו גענומען מיט דער גאנצער ערנסטקייט און מיט דער בפירושער אמביציע צו ווייזן די „גויים", אז א פוילישער ייד האט באריכערט די שפינאזע־ליטעראטור.

ס'בוך „ברוך שפינוזה וזמנו" (ברוך שפינאזע און זיין צייט) מאכט טאקע אויבנאויפיק א סאלידן איינדרוק. ס'האלט 418 זייטן ריינעם טעקסט אויסער מילואים (צוגאבן). דער אויטאר האט זיך פארמאסטן געבן א „היסטאריש־פילאזאפישע סטודיע".

ווען כ'האב דאס בוך רעפערירט פאר די „גויים" (על פי רוב געשולטע פילאזאפן און יוריסטן), האבן זיי ארויסגעוויזן ווינציק אינטערעס פארן פילאזאפישן טייל פון בוך. דאקעגן האבן זיי געשלונגען יעדעס ווארט וועגן יידיש־משיחישן געדאנק, וועגן די שאלות ותשובות צווישן חוקרים ורופאים. דאס איז פאר זיי געווען א שטיק עקזאטיק.

א גאר באזונדער קאפיטל זענען סאקאלאווס „פערזענלעכקייטן" (אישים"). נחום סאקאלאוו איז געווען א „וועלט־מענטש", באזוכט פארשידענע לענדער. במשך פון לאנגע יארן געקומען אין בארירונג מיט בארימטע יידישע און נישט־יידישע פערזענלעכקייטן. ער האט א סך געזען, א סך געלערנט און א סך אבסערווירט. איז טאקע ביז גאר אינטערעסאנט זיך צו באקענען מיט זיינע לייכט סקיצירטע פארטרעטן. אויף העברעאיש זענען די „אישים" פארעפנטלעכט געווארן אין דריי בענד און נעמען אריין זיבן און צוואנציק עסייען. צווישן אנדערע וועגן דר. טעאדאר הערצל, באראן עדמונד ראטשילד, אסקאר שטרויס, וואלטער ראטענוי, פראפ' לאצארוס, אחד העם, ח. נ. ביאליק און אנדערע. אויף יידיש איז אין בוענאס איירעס דערשינען איין באנד אונטערן נאמען „פערזענלעכקייטן", וואס נעמט אריין צען עסייען. אין הסכם מיט דער טענדענץ פון ארגענטינער פארלאג זענען אין באנד אריין „פארטרעטן" בלויז פון פוילישע יידן: י. ל. פרץ, דוד פרישמאן חיים זעליק סלאנימסקי, חיים יחיאל בארנשטיין, דר. שמואל גאלדפלאם, דר. שלמה מינץ, דר. מיכאל פרידלענדער, ר' צבי־הירש קאלישער, יוסף כהן־צדק און אנרי בערגסאן (א זון פון א ווארשעווער פאטער).

נחום סאקאלאוו איז געווען א דורכאויס פוילישער ייד, מיט א פויליש געמיט און מיט א ווארעמען סענטימענט פאר פוילישער יידישקייט, אין וועלכער ער איז אויפגעצויגן געווארן. ער קאן אויסגעבונדן דעם פוילישן ייד, דערהויפט דעם פוילישן משכיל מיט זיינע באזונדערע קאמפלעקסן. שטאמען זיי דאך ס'רוב פון דער זעלבער סאקאלאווישער סביבה. האבן זיי דאך כמעט אלע אדורכגעמאכט די זעלביקע אנטוויקלונגס־עטאפן.

ווען ער טרעט־צו צייכענען די פיזיאנאמישע גרונט־שטריכן פון דעם אויטאדידאקטן מאטעמאטיקער און אסטראנאם חיים זעליק סלאנימסקי, וואס איז געווען א בית המדרש־ייד אין ביאליסטאק און איז אין ווארשע נתגלה געווארן ווי א וויסנשאפטלער, זעט ער אין אים זיך אליין. ער זעט אין סלאנימסקין די אייגענע איינגעווארצלטקייט אין דער אלט־יידישער וועלט, ס'שפעטערדיק זיין „געכאפט אין דער מעשה", ס'רייסן זיך צו „ליכט", צו וועלטלעכער „חכמה" און דאס אייגענע ביסלעכווייזדיקע אפקערן זיך פון שולחן־ערוך־יידישקייט. ער זעט אויך דאס אייגענע נישט קענען זיך איינבירגערן אין דער נישט־יידישער וועלט. אוודאי האט סאקאלאוו פליסיק גערעדט א סך פרעמדע שפראכן, זיך אנגעאייגנט וויל דערצויגענע סאלאן־מאנירן, אומעטום אויסגענומען מיט זיין וויץ און שארפזין, אבער... ס'איז פרעמדלעך און קאלטלעך, ס'איז נישט זיין

סטיכיע. ער קלאָגט זיך אַליין, אַז אַלע זיינע יאָרן איז אים ווי אַ שאָטן נאָכגעגאַנגען דער בית המדרש־קאָמפּלעקס... דאָס זעלביקע איז אויך מיטן צייכענען די סילועט פון היים יחיאל באָרנשטיין, דעם קאָזשעניצער בית המדרשניק, וואָס האָט פּלוצים אָנגעהויבן גיין אין „שלעכטע וועגן". באָרנשטיין איז אויסגעוואַקסן ווי אַ גרויסער וויסנשאַפטלער אויפן פאָרשונגס־געביט פון ייִדישן קאַלענדאַר־וועזן און ייִדישער כראָנאָלאָגיע. צו דער זעלביקער סעריע עילוים, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען „לתרבות רעה", געהערן דר. שלמה מינץ, ר' צבי־הירש קאַלישער און יוסף כהן־צדק. יעדער סקיץ וועגן זיי איז ליטעראַריש אַ געמיש פון כאַראַקטעריזירן, דערציילן, אינפאָרמירן, זכרונות, צוגעוואַסערטער פּאָעזיע און אָפּשאַצונג. זיי זענען געשריבן געלייפיק מיט הומאָר, פּקחות לויט אַן אַלגעמיינעם ברייטלעך צעשווומענעם ריטם. אמת, מ'קאָן סאָקאָלאָוון נישט אָפּזאָגן זיין פּען־ראַפינירטקייט, אָבער אין סך הכל קומט עס אַרויס אַ ביסל גרימירט. אויך דאָ איז קאָנטיק סאָקאָלאָווס וועלן אַלץ זאָגן . . .

מיטן פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן, וואָס האָט אַ וועלט־נאָמען, האָט נחום סאָקאָלאָוו זיך באַקענט אין פראַנקרייך. ער האָט מיט אים געהאַט אַן אויספירלעכן געשפּרעך, אָבער בעתן שמועס האָט סאָקאָלאָוו אין אים נישט געזען בלויז דעם אויטאָר פון דער „שאַפנדיקער עוואָלוציע", נאָר דערהויפּט — ס'אייניקל פון דער באַקאַנטער וואַרשעווער נגידיתטע, כלל־טוערין טעמערל און אַן אוראייניקל פון באַרימטן פילאַנטראָפּ שמואל זביטקאָווער, וואָס האָט געוווינט אויף דער וואַרשעווער פאָרשטאָט — **פּראַגע.**

ווען ס'קומט סאָקאָלאָוון אויס צו שרייבן וועגן איינעם, וואָס שטאַמט נישט דירעקט פון דער זעלביקער גייסטיקער סביבה, איז עס אים אַ ביסל אויסטערליש. ער פאַרלירט דעם אויסגעטראָטענעם וועג און זיין טראָט הויבט זיך אָן וואַקלען... זיין פּעדער פאַרלירט די פּליסיקייט. אין אַ געוויסן זינען איז דאָס שייך זיין סקיץ וועגן דוד פרישמאַנען. דוד פרישמאַן איז אַ העברעאיש־ייִדישער שריפטשטעלער פון פּוילן; ער איז אפשר מיט אַ זעקס יאָר ייִנגער פון סאָקאָלאָוון. פונדעסטוועגן זענען דאָס מענטשן פון גאָר באַזונדערע גייסטיקע „פּלאַנעטן". סאָקאָלאָוון שפּאַרט זיך שטענדיק אויף דער צונג אַ פּסוק פון תנ"ך אָדער אַ מאמר חז"ל, פרישמאַן האָט תמיד גרייט אַ ציטאַט פון געטהע און היינע. ביי פרישמאַנען איז נישטאָ קיין בית המדרש־קאָמפּלעקס. זייער פריינטשאַפט איז טאַקע נישט געווען קיין גראָדווייריקע, נאָר עפּעס אַ זיגזאַגיקע. מ'האָט זיך געהאַלטן אין איין דערנענטערן און ווידער אין איין דערווייטערן. סאָקאָלאָוו דערקלערט עס: „דאָס אַלץ האָט זיך גענומען פון פאַרשידנקייט אין כאַראַקטער, אין געשמאַק, אין דערציאונג און געוווינהייט, אין באַשעפטיקונג און לעבנס־פּאַסירונגען". ווייטער זאָגט סאָקאָלאָוו וועגן פרישמאַנען: „ער איז געקומען ניט פון ישיבות און תורה געמאַרקן, פול מיט אונדזערע אינערלעכע מלחמות, נאָר פון אַן אָרט פון האַנדל, באַוועגונג, אַרבעט, ווו ער איז זיך געשטאַנען מן הצד, צוגעקוקט זיך און געטרוימט און דערהויבן זיך איבער דעם אָרדינערן לעבן, איבער וועלכן ער האָט זיך געוויצלט. ער איז געקומען גרינג און פריי, אַ פריי־פויגעלע, וואָס שוועבט זיך אין רוים, לאַכט און שפּאָט, אָן אַ פּאַרטיי, אָן אַ שיטה, אָן דעם שווערן ירושה יאָך פון למדנים און מתמידים, אָן דעם קנויל פון פאַרפלאָנטערטע פאַרבינדונגען מיט דער סביבה, וואָס מען האָט גענוג געדאַרפט האָרעווען ביז מען האָט אים צעריסן אָדער צעקניפּט, אָן קיין שום אינערלעכער באַציאונג צו פּוילן, איר שפּראַך, איר ליטעראַ־

טור, אירע שטרעבונגען און בענק־שאַפטן...״ (ז. 73).

פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט איז סאָקאָלאָוו פאַר אַלעם אויסן צו כאַראַקטעריזירן זיך אַליין. ער ווייזט וואָס פרישמאַן איז נישט געווען און וואָס ער, סאָקאָלאָוו, איז דווקא יאָ... מ׳דאַרף נאָך צוגעבן, אַז סאָקאָלאָוו ווי אַ פּאָליטישער פירער האָט לויט זיין עצם געדאַרפט זיין פּריידיקעריש און אָפּטימיסטיש. פרישמאַן ווידער איז געווען קאָנצענטרירט און לויט זיין געמיט — כקעפּטיש. ווי אַ דורכאויס ליטעראַרישע נאַטור האָט ער פאַרמאָגט וואָרט־געצוימטקייט און אייגענע סטיל־גאַנצקייט.

גאָר אינטים און באַגלייך אין אַ פאַרלעגנהייט איז סאָקאָלאָוו ביים צייכענען דעם פּאָרטרעט פון י. ל. פּרץ. דאָ קומט שוין אין באַטראַכט דער עלעמענט פון קנאת־סופרים...ביידע זענען ווי משכילישע בחורים אָדער יונגעלייט אין איין צייט געקומען פון די שטעטלעך קיין וואַרשע. ביידע האָבן זיך געשאַרט צווישן די בענק אין קראַשינסקים גאָרטן אויף די נאַלעווקעס און זיך צוגעהערט וואָס גדולים זאָגן... ביידע האָבן ביינאַנד געחלומט וועגן זייער קינפטיקער גרויסקייט. אין יאָר 1915 איז י. ל. פּרץ אַוועק פון דער וועלט ווי אַ פאַרערטער קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור און געקרוינטער פירער — פּונעם יידיש־רענעסאַנס. נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך דעמאָלט געפונען אין לאָנדאָן. ס׳איז געווען אַ שווערע מלחמה־צייט, נאָך פאַר דער „באַלפור־דעקלאַראַציע״. סאָקאָלאָוו איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג.. דער גרויסער אָפּקלאַנג פון י. ל. פּרצעס טויט אין דער יידישער וועלט האָט באַוואויגן סאָקאָלאָוון פונדערוויטנס צו מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש. ס׳זענען ביי אים אויפגעקומען אין זכרון אַלטע מיס־פאַרשטייעניש און יינגלישע קידער־ווידער. ביי זיין איינגעבוירענעם טאַקט האָט ער בנוגע דעם פאַר־

שטאָרבענעם פּרצן דאָך נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון געוויסע שטעכיקייטן . . .

קודם כל באַנוצט זיך סאָקאָלאָוו מיט זיין אויסגעפּרוווטן מעטאָד פון אָוועקנעמען ביי יענעם ס׳ביסל לומדות. ער האַלט פאַר נויטיק באַלד נאָך פּרצעס טויט געבן צו־וויסן דער וועלט, אַז פּרץ איז געווען אַ קנאַפּער למדן — „קיין תל־

מיד כמעט נישט געלערנט״. ווייניקער זאָגט סאָקאָלאָוו, אַז ס׳ביסל העברעאיש, וואָס פּרץ האָט באַהערשט, האָט געקאָנט קלעקן העכסטנס צו זיין אַ העברעאישער לערער. און פּונקט ווי ביי פרישמאַנען באַמיט ער זיך באַווייזן דאָס, וואָס האָט אים אָפּגעשיידט פון פּרצן: „איך בין געווען זיינער אַ קעגנער, בעסער געזאָגט, נישט קיין אידעאישער קעגנער, נאָר אַ מענטש, וואָס איז אַנדערש לויט זיין דערציאונג, בילדונג, אויפפירונגען, געוווינהייטן. פּרצעס וועלט איז געווען דער יידישער מאַרק, דער בעל מלאכה, דער קרעמער, די יידענע, דער חדר, און פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ איז געווען געשפּינט און

געוועבט מיט יידיש". דאַקעגן וועגן זיך דערציילט סאָקאָלאָוו, אַז זיין וועלט איז געווען די וועלט פֿון לומדים, וויסנשאַפֿטלער, תּלמידי חכמים, משׂכּילים א. ד. גל.

ס'איז אַ גרויסער ספֿק צי סאָקאָלאָווס אינפֿאָרמאַציעס וועגן פּרצעס יידיש וויסן זענען גענויע. פֿון דעם, וואָס פּרץ אַליין דערציילט וועגן זיך אין זיינע „זכרונות", איז ער גראָד נישט געבליבן שטיין ביים חדר, נאָר אַ סך געלערנט אין זאַמאָשטשער בית המדרש, שפּעטער געפֿאָרן לערנען צום שעברעשינער רב. ער האָט זיך אויך שוין אין די יינגלייאָרן פֿאַרטיפֿט אין „מורה נבוכים". אין זיין „מאָניש" דערציילט ער, אַז ער האָט תּמיד פֿלינק אויפֿגעוויקלט אַ האַרבן רמב"ם. חוץ דעם האָט פּרץ פֿאַרמאָגט דאָס, וואָס מ'קאָן נישט אַרויסבאַקומען פֿון קיין שום ביכער... אָבער סאָקאָלאָוו מאַכט אויך צו־נישט פּרצעס פּרעכטיקע דערציילונגען „חסידיש". ער זאָגט בפֿירוש: „איך בין נישט קיין גרויסער חסיד פֿון דעם סאָרט שרייבן. איך האַלט, אַז ער האָט פֿיל געענדערט די פֿאָרם און דעם אינהאַלט (פֿון „אמתן" חסידות — ל. פּ.)". „לויט מיין מיינונג און פֿילן — זאָגט סאָקאָלאָוו — איז חסידות סוף כּל סוף באַגרינדעט אויף פֿרומקייט. עס איז אַ פֿרומקייט מיט אַ צוגאָב פֿון אַ קליין ביסל סודותדיקייט און גלויבן אין רבין. — אין דער ליטעראַטור האָט מען פֿון דעם חסידות געמאַכט אַ מין עסענאָאיזם (פֿון דער אַסקעטישער סעקטע „איסיים" אין דער צייט פֿון בית שני — ל. פּ.) וואָס הענגט אין דער לופֿט פֿון די פֿאַרשידענע כּוונות און נישט איינמאָל קוקט באָדלער אַרויס פֿון אונטערן טלית־קטן און ווערלען בליקט אַרויס פֿון צווישן די פּאות. פֿון אָט די דרייד איז באַשיינפּערלעך, אַז סאָקאָלאָוון איז געווען אינגאַנצן פֿרעמד די קינסטלערישע וועלט. ס'איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס סיי פּרץ און סיי פֿרישמאַן האָבן אים נישט געהאַרצט; זיי זענען לויט זייער געמיט געווען אים בפֿירוש דערווידער. דאָס איינציקע, וואָס געפֿעלט סאָקאָלאָוון איז פּרצעס ענטוזיאַזם, פּרצעס ברען, פּרצעס תּאווה, פּרצעס קאַמפּסלוסט און פּרצעס קאָנען אַ שטאָך טון... אַפּנים, אַז סאָקאָלאָוו האָט נאָר געדענקט פּרצן פֿון קראַשינסקיס גאָרטן. אים איז אָבער געבליבן אומבאַקאַנט דער שיינער אַנטוויקלונגס־וועג, וואָס פּרץ האָט דורכגעמאַכט במשך פֿון זיינע לעצטע פֿופֿצן יאָר.

פֿונדעסטוועגן האָט דער פּרץ־כקיץ אַ סך ווערטפֿולן אינפֿאָרמאַציון מאַטעריאַל וועגן אַמאָליק פּול־יידיש וואַרשעווער לעבן. און אינגאַנצן גענומען זענען סאָקאָלאָווס „פּערזענלעכקייטן" אַן אינטערעסאַנט און באַלערנדיק בוך פֿון וועלכן דער יידיש־לייענער וועט האָבן אַ סך גענוס און גרויס נוצן. דאָס איז אַ פֿאַרביק קאַפּיטל קולטור־געשיכטע פֿון אַ פֿאַרשווינדענער וועלט, וואָס איז אונדז אַלעמען נאָענט און ליב.

די איבערזעצונג פֿון העברעאיש אויף יידיש האָט געמאַכט משה שענדעריי מיט גרויס קענטעניש און אינטימער אַריינטואונג. ס'איז קאָנטיק, אַז די סאָקאָלאָוו־וועלט איז אים נישט פֿרעמד. ער געפֿינט לייכט ס'פּאַסיק יידיש וואָרט, וואָס זאָל פֿאַרבייטן אַ קאָמפּליצירטן העברעאישן אויסדרוק. אָפּטמאָל האָט מען דעם איינדרוק, אַז ס'בוך איז אָריגינעל געשריבן אויף יידיש. ער האַלט זיך אַפֿילו טריי ביי סאָקאָלאָווס אָריגינעלן העברעאישן ריטם מיט די שמוסערישע לאַנגע זאַצן.

דער פֿאַרלאַג ביים „צענטראַל־פֿאַרבאַנד" פֿון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע", דערהויפּט זיינע אָנפֿירער פֿריינט מאַרק טורקאָוו און אַברהם מיטלבערג, קומט אַ וואַרעמער יישר כּוח פֿאַר זייער מיפּולער טעטיקייט ביים אַרויסגעבן די צאָלרייכע סעריע ווערטפֿולע ביכער.

י. פרייליך שרייבט וועגן ש. איזבאַכס „אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימים"

(„אונדזער וועג", ניו־יאָרק, 1טער אָקטאָבער 1948):

אַזוי ווי עס רייסן זיך די וואַסערן דורך דעם מינדסטן שפּאַלט אין אַ דאַמבע, אַזוי רייסן זיך די קינדער פון פאָלק ישראל פון די לאַגערן און תפיסות, פון אַלע עקן וועלט, כדי צו דערגרייכן די ברעגן פון אונדזער אויסגעחלומטן לאַנד ישראל. קיין שטעכיקע דראָט־פאַרצוימונגען, קיין ענגלישע באַיאָנעטן, קיין מורא חלילה איינגעשלונגען צו ווערן אין די ברויזנדיקע כוואַליעס פון די ימען, קיין שום שטערונג און דראָאונג קען זיי נישט אָפּהאַלטן, קען נישט צוימען דעם וועג פאַר זייער ענדגילטיקער באַפרייאונג.

מעגן די טראַגישע געשעענישן פון „שטרומאַ" און „פאַטריאַ" זיי שטאַרן אין די אויגן, זיי סטראַשען מיטן מעגלעכן סוף, וואָס עס קען זיי חלילה דערוואַרטן, קענען אויף די ימען זיין צעשפּרייט אַלע שיפן פון ענגלישן פּיראַטישן ים־פלאָט, די קינדער פון ישראל ווילן נישט און וועלן נישט אויספאָלגן קיין באַפעל, וואָס שטייט זיי אין וועג, וואָס שטערט זיי צו קומען אין זייער היימלאַנד, וואָס וואַרט אויף זיי מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

גענוג געוועזן קעסט קינדער, ניט קיין געבעטענע געסט! גענוג געוועזן אורחים ביי פרעמדע טישן! שוין צייט צו האָבן אַן אייגענעם ווינקל ווי געמיטלעך אַוועקצולייגן דעם מידן קאָפּ, די צעמזיקטע ביינער! שוין צייט צו קומען אַהיים!

פאָרן יידן פון אַלע עקן וועלט, שטראָמען זיי פון אומעטום, ציען זיי כסדר קיין מזרח. דורך אַלע וועגן און שטעגן, דורך בערג און דורך טאָלן, אויף באַנען, אויף שיפן און אַפילו אויף שיפלעך, וואָס זעען־אויס ווי מולטערס אויף די ברויזנדיקע ימען. עס רייסן זיך יידן, זיי שלעפּן זיך, זיי פאָרן און שפּאַנען אַפילו, אַהין וווּהין עס ציען זיך זייערע הערצער און נשמות — ציען זיך ווי עס ציט זיך אַ פלאַנץ צו זונשיין.

אין די פינצטערע נעכט, אין די סודותדיקע נעכט שלייכן זיך זין און טעכטער פון יידישן פאָלק ביי די ווענט פון פרעמדע הייזער, אויף פרעמדע גאַסן, שלייכן זיך ווי גנבים אין דער נאַכט, טראָגן מיט זיך זייערע פעקלעך אויף די פּלייצעס, פעקלעך, וואָס זיינען זייער גאַנץ ביסל אָרעמקייט, וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט פון זייערע צוויי־טויזנט יאָר גלות; זיי שלייכן זיך צו אַ ברעג וווּ עס וואַרט אויף זיי אַ שיף מיט אַ פרעמדער פאָן, אַ שיף, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער סודותדיקער נאַכט, אַ שיף אויף וועלכער עס זיינען דאָ וואַרעמע הערצער, וואָס וועלן זיי טוליען צו זיך און זיי פירן דאָרט אַהין וווּהין זיי גאַרן צו קומען שוין פון צייטן

און צייטן; עס וואַרטן אויף זיי די בויער פון זייער צוגעזאָגטן לאַנד.

אויף דער שיף זענען דאָ מאַטראָסן, מאַטראָסן־ברידער, אַ קאַפּיטאַן אַ חבר און ס'איז אויך דאָ אויף דער שיף דער שריפטשטעלער ש. איזבאַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון זיין וואַרעמער הייב אין ניו־יאָרק און האָט אויף זיך פרייוויליק גענומען די פליבט מיטצומאַכן מיט זיי, מיט די גערודפטע און געפּלאָגטע, דעם מאַרטירערוועג, דעם וועג פון לײדן און פּיין, דעם וועג פון ברעכן באַריערן, דעם וועג פול מיט געפאַרן, כדי זיך אַנטקעגנצושטעלן דער גרויזאַמער רציחה פונעם מעכטיקן ענגלישן פלאָט. און ש. איזבאַן, ער וואָס דאַרף זיין דער באַאָבאַכטער, דער פאַרצייכענער פון אַלץ, וואָס ער זעט אויף דער שיף פון די „אומלעגאַלע יידן וואָס שפּאַלטן ימען", ווערט באַלד פאַרוואַנדלט אין איינעם פון די מעפּילים און צוזאַמען מיט זיינע ברידער־אין־צער און אין האָפענונג, לייגט אַליין אַרויף אויף זיינע פּלייצעס דעם יאָך פון העלפן שפּאַלטן די ימען, העלפן ברעכן די רשעות פון דער מעכטיקער ענגלישער פלאָטע, וואָס לויערט אויף דער שיף און וויל זי פאַרכאַפּן אין איר נעץ.

אַ דאַנק דעם וואָס ש. איזבאַן ווערט אַ לעבעדיקער באַשטאַנדטייל פון דער מעפּילים־שיף, אַ דאַנק דעם וואָס יעדע מינדסטע געשעעניש אויף דער שיף רירט־אָן דעם שרייבער אַזש ביזן מאַרך פון זיינע ביינער, דערפאַר איז דאָס בוך צאַפּלדיק און פריש, איבערצייגנדיק און ערלעך, לעבעדיק און מאָלעריש.

כאָטש ס'איז אמת אַז ש. איזבאַן האַלט אַ בלאָקל לעבן זיך און ער מאַכט נאָטיצן וועגן אַלץ, וואָס קומט דאָרט פאָר, איז אָבער ש. איזבאַן נישט גערעכט צו זיך אַליין, ווען ער זאָגט: „איך רעגיסטריר יעדע פּאַסירונג אויף דער שיף מיט דער זעלבער וואַכזאַמקייט ווי אַ באַראָמעטער פאַרצייכנט די וועטערענדערונגען, ווי אַסיסמאָגראַף כאַפּט אויף די קאַפּריזנע באַוועגונגען פונעם ערד־קוגל" (זייט 148). ווען ער, ש. איזבאַן, וואָלט טאַקע אַזוי געטון וואָלטן מיר בלויז געהאַט אַ רעקאָרד, אַ טאַבעלע, אַ רשימה פון געשעענישן. עס וואָלט אין זיי אָבער נישט געווען דער צאַפּל, דער הייליקער נשמה־ציטער, וואָס געפינט זיך כמעט אויף יעדן זייטל פון בוך. ש. איזבאַן האָט נישט בלויז געמאָלן און באַשריבן, נאָר ער האָט אויך אָפט גענוצט בלוט־פאַרב, כדי צו געבן קאָליר צו זיינע פאַרצייכענונגען. איז כאָטש דאָס בוך איז טאַקע אַ מין רעפּאָרטאַזש, אַ רעפּאָרטאַזש מיט אַ סך קינסטלערישע פאָרמען — פונדעסטוועגן געפינען זיך דאָ און דאָרט שורות, זאַצן, אָדער גאַנצע פּאַראַגראַפן, וואָס זענען מער, אַ סך מער ווי רעפּאָרטאַזש, וואָס דערהויבן זיך צו יענעם גראַד קינסטלערישער מאָלעריי, וואָס ש. איזבאַן ווייזט אַרויס אין זיינע בעסערע דערציילונגען פון בוך „צווישן הונדערט טויערן".

דאָס גאַנצע בוך „אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימען" איז באַהויכט מיט ליבע און פאַרהערלעכונג, אי צו די מעפּילים, אי צו די מאַטראָסן, צו די הגנה־פירער, צו די יידישע און נישט־יידישע אַרבעטער אויף דער שיף. עס טראָגט זיך אויך אָפט אַ שטומער און נאָר אָפטער אַן אויסגעשפּראָכענער האַס צו דער מערדערלעכער האַנט, וואָס שטייט ווי אַ דאָרן אויפן וועג צו אונדזער באַפרייאונג. די שנאה צו די ענגלישע פּיראַטן טויכט אויף מיט איר גאַנצן אימפּעט ווען איזבאַן מאָלט דעם קאַמף פון דער מעפּילים־שיף מיט דער ענגלישער מאַכט ביי די ברעגן פון אונדזער היימלאַנד. ניט כיסמאָגראַפיש, נאָר אָטעמפאַרכאַפּנדיק, מאָלט איזבאַן דעם פאַרביטערטן קאַמף און איר פילט ממש ווי זיינע אויגן שפּריצן מיט שנאה ווען ער זעט פאַר זיך די פּיראַטן־שיפן, אויף וועלכע עס ווייעט די

גאָן פון דער ענגלישער אימפעריע. מיט ביטערן האַס, מיט גאַליקייט מאָלט ער אויך די ענגלישע סאַ־טראַפּן פון דער טורמע ווו ער זיצט שוין אַ געכאַפּטער אין חיפה, ווו ער וואַרט אויף „דעפּאָרטאַציע"...

„אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימען" דראָט אין זיך די שפּאַנונג, דאָס דראַמאַטישע, דעם אינטערעס פון אַ רייזע אין אַן ערגעץ־לאַנד, די אָנ־געצויגנקייט פון שיעור־נישט אַ „דע־טעקטיוו־סטאָרי"; באַלד נאָכן ערש־טן קאַפּיטל ווערט מען אַריינגע־צויגן אינעם לויף פון די געשעע־נישן און כמעט ביזן סוף האַלט־אָן די דאָזיקע שפּאַנונג.

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

PUEYRREDON 667 **BUENOS AIRES**

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן
דעם 14־טן יאַנואַר, יאָר פונעם באַפרייער
גענעראַל סאַן מאַרטין, 1950 — אין דער
דרוקעריי „הײמאַן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47־7752 — בוענאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 14 de Enero, Año del Liber-
tador General San Martín, 1950.
en los Talleres Gráficos HEUMAN,
Pasteur 333 - T. E. 47-7752 - Bs. As.